NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13414

# SHVAMBRANYE

Lev Abramovich Kassil

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# לעוו קאַסיל

# שוואַמבראַניע



[illegible] „עמעס", מאָסקווע 1934

ל. קאַסיל

# שוואַמבראַניע

דערציילונג

מיט קאַרטעס, מיט אַ הערב און מיט אַ פאַן

אינעם קאַפּיטל אַלוועלטלעכער טאַרעראַם
אם די זײַטן 141 – 142 דאַרף אומעטום, וווּ ס'איז געדרוקט
אַלוועלטלעכער טאַדל
זײַן אַלוועלטלעכער טאַרעראַם.

אַלע יידישע ... אין פּרעסע אַרכיוו

PRIN[illegible]D in U.S.S.R.

ייִדיש ב. אָליעווסקי.

רעדאקטער פֿון דער איבערזעצונג מ. הער.




די קארטע פון דער װעלטרײַזע
ביז קאָלומבוסעס.

אַמעריקע איז אם איר ניטאָ




די קארטע פון דער װעלט ביז אונדזער אנטדעקונג.

שװאמבראניע איז אם איר ניטאָ

# ע ר ש ט ע ר  ט יי ל

—

## דאָס לאַנד פון װוּלקאַנישער אָפּשטאַמונג

## די אנטדעקונג

דעם 11־טן אָקטיאבער 1492 יאָר אינאָוונט האָט כריסטאָפאָר קאָלומב אויפן צוויי־און־זעכציקסטן טאָג פון זיין שווימען באמערקט פונדערווייטנס ווי עס באוועגט זיך עפעס א פייער. קאָלומב איז אוועק נאָכן פייער און האָט אנטדעקט אמעריקע.

דעם 8־טן פעברואר 1914 יאָר אינאָוונט בין איך מיט מיין ברודערל אָפגעקומען שטראָף אין ווינקל. אין דער צוועלפטער מינוט האָט מען מיין ברודערל, אלס דעם קלענערן, באגנעדיקט. נאָר ער האָט זיך אָפגעזאָגט צו פארלאָזן מיך, ביזוואגנעג עס וועט ניט אויסגיין מיין צייט, און איז געבליבן אין ווינקל.

עטלעכע מינוט נאָך דעם האָבן מיר ערנסט און קאָנקרעט אויסגעפאָרשט די טיפעניש פון אונדזערע נעזער. אין דער פערצעטער מינוט, ווען אונדזערע נעזער זיינען שוין געווען דערליידיקט, האָבן מיר אנטדעקט שוואמבראניע.

## די פארפאלענע דאמע אָדער די געהיימניש פון דער הייל פון מויערקעפלעך

אלץ האָט זיך אָנגעהויבן דערפון, וואָס ס'איז פארפאלן געוואָרן די דאמע.

זי איז פארפאלן געוואָרן אינמיטן העלן טאָג, און דער טאָג איז פארפינצטערט געוואָרן. דאָס סאמע שרעקלעכע איז באשטאנען אין דעם, וואָס ס'איז געווען דעם טאטנס דאמע. דער טאטע האָט זיך שטארק ארייגעטאָן אין שאָך. און א דאמע, ווי איר ווייסט, איז א גאנץ אָנגעזעענע פיגור אין דער שאָכברעט.

די פּאַ־פּאַלענע איז געווען פון דעם נײַעם גאַנץ פיגורן, וואָס דער טאָקער האָט גאָרוואָס געמאַכט לויט דעם טאַטנס ספּעציעלער באַשטע־לונג. דער טאַטע האָט זייער געשעצט די נײַע שאָך־פיגורן.

אונדז האָט מען שטרענג פאַרווערט אָנצורירן די שאָך־פיגוריקעס. נאָר זיך אײַנהאַלטן איז געווען ביז גאָר שווער. די אויסגעטאָקטע, לאַ־קירטע פיגורקעס האָבן געגעבן אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן צו אויסנוצן זיי פאַר די סאַמע פאַרשיידנסטע און אינטערעסאַנטסטע שפּילן. די פענדלעך, צום בײַשפּיל, האָבן אויסגעצייכנט געקאָנט אויס־פירן די פונקציעס פון סאָלדאַטיקלעך אָדער קעגליעס. די פיגורן האָבן געהאַט אַ גליטשיק געגנגעלע פון דילן־פּוצער: צו זייערע קײַלעכדיקע פאָדעשוועס זײַנען געווען צוגעפּעסטיקט געווענטלעך. די טורעמס האָבן געקאָנט צוגיך קומען פאַר ווינטלעזלעך. דער קיניג — פאַר אַ סאַמאָוואַר אָדער פאַר אַ גענעראַל. די העלמען פון די אָפיצערן זײַנען געווען ענלעך אַף עלעקטרישע לעמפּלעך. די פאַר שוואַרצע און ווײַסע פערד האָט מען געקאָנט אײַנשפּאַנען אין קאַרטאָנענע (טעקטורענע) בריטשקעס און מאַכן אַ בירזשע פון פורמאַנעס אָדער אַ קאַרוסעל. נאָר באַזונדערס באַקוועם זײַנען געווען ביידע דאַמעס: די בלאָנדע און די ברונעטקע. יעדע דאַמע האָט געקאָנט גילטן אַלס ווײַנאַכט־ביימל, אַ פורמאַן, אַ כינעזישע פּאַגאָדע, אַ וואַזאָנע, און אַרכירעי, מ'האָט זיך בעשומו־פן ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און ניט אָנרירן די שאָך־פיגורן.

אין יענעם היסטאָרישן טאָג האָט זיך די ווײַסע דאַמע פורמאַן אונטערגענומען אונטערצופירן אַפן שוואַרצן פערד די שוואַרצע מאַל־כּע־אַרכירעי צום שוואַרצן קיניג־גענעראַל.

זיי זײַנען אוועקגעפאָרן. דער שוואַרצער קיניג־גענעראַל האָט זייער גוט מקבל־פּנים געווען די דאַמע דעם אַרכירעי. ער האָט אוועקגעשטעלט אַפן טיש דעם ווײַסן סאַמאָוואַר־קיניג, גע־הייסן די פענדלעך אָנרײַבן דעם געקעסטלטן פּאַרקעט, און אָנגעצונדן די עלעקטרישע אָפיצערן. זיי האָבן אויסגעטרונקען צו צוויי פולע טורעמס.

ווען דער קיניג־סאַמאָוואַר איז קאַלט געוואָרן און די שפּיל איז נימעס געוואָרן, האָבן מיר צונויפגענומען די פיגורן און זיי שוין געוואָלט אוועקלייגן אַפן אָרט, און פּלוצעם, — אַך, ס'איז אַן אומגליק! —

האָבנ מיר דערזענ, אַז ס'איז פאַרפאַלנ געוואָרנ די שוואַרצע דאַמע... מיר האָבנ זיכ שיִער ניט אויסגעריבנ די קני, קריכנדיק איבערנ דיל און זוכנדיק זי אונטער די בענקלעכ, טישנ, שאַפעס, נאָר ס'איז אַלצ געווענ אומזיסט. די דאַמע, די אויסגעטאַקטע פאַסקידע, איז פאַרפאַלנ געוואָרנ, ווי אינ וואַסער אַרײַנ.

האָט מענ געמוזט מיטטיילנ וועגנ דעמ דער מאַמענ. זי האָט אַוועקגעשטעלט אַפ די פיס די גאַנצע שטיב. נאָר אַלעמענס זוכענישנ האָבנ צו גאָרנישט געבראַכט. אַפ אונדזערע אָפּגעשוירענע קעפ האָט זיכ גערוקט אַ געוויטער.

און אַט איז געקומענ צו פאָרנ דער טאַטע.

יאָ, ס'איז געווענ אַ שלעכט וועטערל! נאָר וואָס זאָג איכ אַ וועטערל!.. אַ שטורעמ, אַ ציקלאָנ, אַ הוראַגאַנ, אַ סאַמומ, אַ טײפונ האָט זיכ אַראָפּגעוואָרפנ אַפ אונדז. דער טאַטע האָט געבושעוועט. ער האָט אונדז אָנגערופנ באַרבאַרנ, וואַנדאַלנ. ער האָט געזאָגט, אַז אַפילע אַ בער קאָנ מענ אויסלערנענ שעצנ זאַכנ און באַגײנ זיכ מיט זײ פאָרזיכטיק.

ער האָט געשריִענ, אַז אינ אונדז שטעקט אַ גאַזלאָנישער אינסטינקט פונ צעשטערונג, און ער וועט ניט דולדנ דעמ דאָזיקנ אינסטינקט און דעמ וואַנדאַליזמ.

—ביידע, מאַרש אינ „אַפּטײקל“ — אינ ווינקל! — האָט צומ סאָפ אויסגעשריִענ דער טאַטע. — וואַנדאַלנ!!!

מיר האָבנ אַ קוק געטאָנ אײנער אַפנ צווייטנ און זיכ ביידע צערעוועט.

— ווענ איכ זאָל געווענ וויסנ, אַז איכ וועל האָבנ אַזאַ טאַטנ — האָט זיכ אָסיע צערעוועט — וואָלט איכ בעשומאופנ ניט געבוירנ געוואָרנ!

די מאַמע האָט אויכ גענומענ אָפּטפינטלענ מיט די אויגנ און שיִער אַפילע גרייט געווענ אַ וויינ טאָנ. נאָר די באַוואָרענונג האָט ניט ווייכער געמאַכט דעמ טאַטנ. און מיר זײַנענ אַוועק אינ „אַפּטײקל“.

אַפּטײקל האָט זיכ בא אונדז גערופנ דער האַלב־פינצטערער דורכגאַנג־צימער לעמ דעמ אָפּטרעט און דער קיכ. אַפ אַ קלײנינקנ פענצטערל זײַנענ דאָרטנ געשטאַנענ פאַרשטויבטע פלעשער און סלויִקלעכ. ס'קאָנ זײַנ, אַז איבער דעמ האָט עס אַזוי געהייסנ.

אינ אײנעמ פונ די ווינקלענ פונ דעמ „אַפּטײקל“ איז געווענ אַ

קליין בענקעלע, וואָס איז באַוווּסט אונטערן נאָמען „באַשולדיקונג-באַנק". דער טאַטע אַלס אַ דאָקטער האָט געהאַלטן, אַז עס איז ניט היגיעניש, קינדער זאָלן שטיין אין ווינקל. דעריבער האָט ער אונדז ניט געשטעלט אין ווינקל, נאָר געזעצט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר זײַנען געזעסן אַפּ דער שאַנד־באַנק. אין אַפּטייקל האָט זיך געבליט דער טפּיסעדיקער בייִנאַשמאַשעס. אַסקע האָט געזאָגט:

— דאָס האָט ער זיך ווענן צירק געזידלט... וואָס דער בער קאָן זיך ניט באַגיין מיט קיין זאַכן? יאָ?

— יאָ.

— און וואַנדאַלן זײַנען אויך אין צירק?

— וואַנדאַלן — דאָס זײַנען גאַזלאָנים, — האָב איך אים טרויעריק געגעבן צו פאַרשטיין.

— כ'האָב זיך טאַקע אַזוי אָנגעשטויסן — האָט זיך אַסקע דער־פרייט, — זיי זײַנען אָנגעטאָן אין קייטן.

אין דער קיך־טיר האָט זיך באַוויזן דער קאָפּ פון דער קעכן אַנוש־קע.

— וואָס איז דאָס? — האָט זי אין צאָרן אַ פּליעסקע געטאָן מיט די הענט. — איבער דעם באַלעבאָס אַ צאַצקע זאָל מען קינדער אין ווינקל זעצן... אָך, זינדיקער מײַנע! ברענגען אײַך עפּעס די קאַץ צו שפּילן זיך?

— לאָז צורו מיט דײַן קאַץ! — האָב איך אַ בורטשע געטאָן, און די שווין פאַרלאָשענע באַליידיקונג האָט אויפגעפלאַמט מיט אַ נײַער קראַפט.

דער בייִנאַשמאַשעס איז געדיכטער געוואָרן.

דער אומגליקלעכער טאָג האָט זיך גענענדיקט.

די ערד האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דער זון. און די וועלט האָט זיך צו אונדז אויך אויסגעדרייט מיט דער סאַמע ניט־אָנגענעמער זײַט. די וועלט איז געווען זייער טרויִק. ווי ס'האָט געלערנט די געאָגראַפיע, נאָר קיין אָרט פאַר קינדער איז דאָרטן ניט אָפּגעגעבן געוואָרן.

איבער אַלע פינף וועלט־טיילן האָבן געהערשט די דערוואַקסענע. זיי האָבן באַלעבאַטעוועט מיט דער געשיכטע, זײַנען געפאָרן רײַטנ־דיק, געגאַנגען אַפּ געיעגן, קאָמאַנדעוועט מיט שיפן, געשריבן. גע־

מײַסטערט עמעצע זאַכנ, ליב געהאַט, געראַטעוועט, געגאַנוועט, געשפּילט אינ שאָכ... אונ די קינדער זײַנענ געשטאַנענ אינ ווינקל...
די עלטערע האָבנ, ווײַזט אויס, פֿאַרגעסנ זײערע קינדערשע שפּילנ אונ די ביכלעכ, וועלכע זײ האָבנ מיט פֿאַרגעניגנ געלײענט, ווענ זײ זײַנענ געווענ קלײבינקע. ווײַזט אויס, זײ האָבנ פֿאַרגעסנ! אַניט וואָלטנ זײ אונדז דערלויבט זיכ באַוועגנ מיט אַלעמענ אינ גאַס, קריכנ איבער דעכער, פּליוסקענ זיכ אינ קאַליוזשעס אונ זענ געוואַטענע וואַסער אינ אַ שאָכ־קיניג...

אַזוי האָבנ מיר בײדע געקלערט, זיצנדיק אינ ווינקל.

—לאָמיר אַנטלויפֿנ! — האָט מיר פֿאַרגעלײגט אָסקע.

— ביסט, קאָנסט לויפֿנ, קײנער האַלט דיכ ניט... — נאָר וווּ־הינ? — האָב איכ דערווידערט — אַז סײַווי זײַנענ אומעטום גרויסע... אונ דו ביסט אַ קלײנינקער.

אונ פּלוצעם האָט מיר אַ בלענדיקע אידײ אַ זעץ געטאָנ אינ קאָפּ. זי האָט דורכגעריסנ די פֿינצטערניש פּונקט „אַפּטײקל”, ווי אַ בליצ, אונ כ'האָב זיכ גיט פֿאַרוווּנדערט, ווענ באַלד טאַקע האָט אַ דונער געטאָנ (נאָכדעם האָט זיכ אויסגעלאָזט, אַז דאָס האָט אַנושקע אינ קיכ אַראָפּגעוואָרפֿנ די סקאָוואָראָדע).

מ'האָט אײַנגעגעצ ניט געדאַרפֿט לויפֿנ, מ'האָט ניט געדאַרפֿט זוכנ דאָס צוגעזאָגטע לאַנד. עס איז געווענ דאָ, לעמ אונדז. מ'האָט עס נאָר געדאַרפֿט אויסטראַכטנ. כ'האָב עס שוינ געזענ אינ דער פֿינצטער. אָנ דאָרטנ, ווו די טיר אינ אָפּטרעט אַרײַנ... פּאַלמענ, שיפֿנ, פּאַלאַצנ, בערג...

— אָסקע, אַ לאַנד!.. —האָב איכ אויסגעשריענ, קוים כאַפּנדיק דעמ אָטעמ. — עחד! אַ נײַע שפּיל אַפֿנ גאַנצנ לעבנ.

אָסקע האָט זיכ פֿרײַער ביז אַלצ באַוואָרנט די צוקונפֿט.

— שאַ, אונ איכ וועל פֿײַפֿנ... אַ כּאַטיניסט זײַנ! — האָט געזאָגט אָסקע. — נאָר אינ וואָס שפּילנ?

— אינ אַ לאַנד!.. מיר וועלנ איצט אַלע טאָג וווינענ ניט נאָר אינ שטוב, נאָר אויכ גלײַכ ווי אינ אַזאַ לאַנד... אינ אונדזער מעליכע!..
אונ איצטער — פֿאַרנעמענ די ערטער! מיר אַנטדעקנ דאָס לאַנד, די לינקע פֿאָרויס! איכ גיב אַ הודאָק.

— שוינ, די לינקע פֿאָרויס — האָט געענטפֿערט אָסקע. דו—ו—ו!!
—שטילער! —האָב איכ אַ קאָמאַנדעווע געגעבנ — לאָז אָפּ דעמ

קאַנאַט פון פאָדערטייל פון שיף, לאָז אַרויס דעם דאַמף.

— ש־ש־ש — האָט אָסיע געצישעט, פאַרקלענערנדיק די שנעלקייט, אָפּלאָזנדיק דעם קאַנאַט פון פאָדערטייל פון שיף און אַרויסלאָזנדיק דעם דאַמף.

און מיר זײַנען אַראָפּ פון דער באַנק אויפן ברעג פונעם נײַעם לאַנד.

— און ווי וועט עס זיך אָנרופן?

אונדזער באַליבט בוך איז דעמאָלט געווען שוואַבס „גריכישע לעגענדעס". מיר האָבן באַשטימט אָנרופן אונדזער לאַנד „שוואַבראַניע". נאָר דאָס דערמאָנט אַ „שוואַבריע", מיט וועלכער מע וואַשט די דילן. דעמאָלט האָבן מיר אַרײַנגעשטעלט דעם בוכשטאַב „מ", און אונדזער לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן רופן „שוואַמבראַניע", און מיר — שוואַמבראַנער. דאָס אַלץ האָט געדאַרפט בלײַבן בעסאָדסוידעס.

די מאַמע האָט אונדז באַלד באַפרײַט פונעם „אָפּטייקל". איר איז אַפילו ניט אײַנגעפאַלן, אַז זי האָט איצט צו טאָן מיט צוויי אונטערטאַנער פונעם גרויסן לאַנד שוואַמבראַניע.

און אין אַ וואָך אַרום האָט מען געפונען די דאַמע. די לאַץ האָט זי פאַרקנײַפּלט אונטערן קאַסטן. דער טאָקער האָט דערווײַל אויסגעטאָקט אַ נײַע מאַלקע פאַרן טאַטן. דעריבער איז די דאַמע געוואָרן אונדזערע. מיר האָבן זי באַשטימט מאַכן פאַר דער פאַרטרויטער פון דער שוואַמבראַנער געהיימעניש.

בײַ דער מאַמען אויפן טיש, אונטערן שפּיגל, איז געשטאַנען אַ שיינע פון אַלעמען פאַרגעסענע הייל. די הייל איז געמאַכט געוואָרן פון מוי־ערקעפּלעך. —

די קלייניקע מעשענע געקעסטלטע טירלעך האָבן פאַרמאַכט דעם אַרײַנגאַנג אין דעם געמיטלעכן היילכל. אַהינצו האָבן מיר באַשטימט פאַרשליסן די דאַמע.

אויף אַ פּאַפּיר האָבן מיר אויסגעמאָלט דרײַ בוכשטאַבן ש. ג. נ. — שוואַמבראַנער גרויסע געהיימעניש. נאָכדעם האָבן מיר פאָרזיכטיק אויפגעריסן דאָס שטיקעלע געוואַנט אונטער דער דאַמע און אַרײַנגערוקט אַהינצו דאָס פּאַפּיר.

די דאַמע האָבן מיר אַרײַנגעזעצט אין הייל, און קוים צו באַמערקן, פאַרזיגלט די טירעלעך מיט טריוואַקס... די דאַמע איז געווען פאַרורטיילט אויף אייביקער טפיסע. וועגן איר ווײַטערדיקן גורל וועל איך דערציילן שפּעטער.

# א פארשפעקטיקטע פאָרעדע

שוואמבראניע איז געווענ א לאנד פונ א וואלקאנישער אָפּשטאמונג. צעגליטע קויכעס בושעווענ אינ אונדזער פּלאנעטע. זיי קלעמט צונויפ די פארהארטעוועטע קאָרע פונ דער ערד. אָפט צעשפּארנ זיי די ערדישע קאָרע אונ דעמלט קריכט ארויס פונ די אָקעאנישע טיפענישנ א נײַ לאנד.

שוואמבראניע איז געווענ א לאנד פונ וואלקאנישער אָפּשטאמונג. צעגליטע אונ רײַפנדיקע קויכעס בושעווענ אינ אונדז, נאָר זיי האָט צונויפגעקלעמט דער פארהארטעוועטער, פארשטיינערטער שטייגער פונ דער אלטער פאמיליע אונ דער אלטער געזעלשאפט. מיר האָבנ געוואָלט א סאכ וויסנ אינ נאָכ מער קענענ. די „נאטשאלסטווע" האָט אָבער דערלויבט וויסנ נאָר דאָס, וואָס איז געווענ אינ די גימנאזיסטישע לערנביכער אונ אינ נארישע לעגענדעס, אונ קענענ האָבנ מיר נאָר גארניסט געקענט. דאָס האָט מענ אונדז נאָכ ניט געלערנט.

מיר האָבנ געוואָלט אָנטיילנעמענ אינ לעבנ באַגלײַכ מיט די גרויסע. נאָר אונדז האָט מענ פארגעלייגט זיכ שפּילנ אינ סאָלדאטיקלעכ, אניט האָבנ זיכ ארײַנגעמישט די עלטערנ, דער לערער אָדער דער גאָראָדאָ-ווי. א סאכ מענטשנ האָבנ געלעבט אינ רוסלאנד, זענענ געגאנגענ איבער די גאסנ, זיכ געשטופּט אינ הויפ.

נאָר מיר האָבנ געמעגט האָבנ צו טאָנ נאָר מיט יענע, וועלכע זענענ געפעלנ געוואָרנ אונדזערע אָנפירער אונ דערציער.

אונדז האָט געצויגנ צו דער קאָלאָסאלער וועלט-מאשינ.

אויב איר האָט א געמיטלעכ ידירעלע, — האָט מענ אונדז געלערנט, טאָ זיצט אינ רוקט זיכ ניט. איר האָט דערגרייכט דעמ אידעאל.

דאָס אלץ האָט געהייסנ: דערציִונג פונ אָרנטלעכע מענטשנ.

די קויכעס, וואָס האָבנ געקאָכט אינ אונדז, האָבנ ניט געקאָנט אויפ-רײַסנ מיטאמאל די קאָרע פונ דער דערציִונג, געבנ גלײַכ א ווירקלעכנ אויסברוכ. מיר האָבנ נאָכ דעמלט ניט געוווּסט דעמ אויסוועג. מיר האָבנ געטאפּט אינ דער פינצטער, געמאכט קליינע צימער-ערדציטער-נישנ, אונ אָט איז אויפגעוואָקסנ שוואמבראניע — דאָס לאנד פונ וואל-קאנישער אָפּשטאמונג. נאָר דער ווירקלעכער היסטאָרישער קראטער איז, פארשטייט זיכ, געווענ ניט אינ דעמ האָזיקנ לאנד-שפּיל.

כ'האָב זיכ געשפּילט מיטנ ברודערל אינ שוואמבראניע עטלעכע יאָר נאָכאנאנד, מיר זענענ צוגעוווינט געוואָרנ צו איר, ווי צו א צווייט

היימלאַנד. דאָס איז געווען אַ מעכטיקע מעלודיע. נאָך די רעוואָלוציע — אַז די שטורעמדיקע טיאַגיע, אַז דער וווּנדערלעכער פּעדאַגאָג און יונג־ווייזער, דאָס אונדז געהאָלפן צעשמעטערן די אַלטע געוווינהייטן, און מיר האָבן פאַרלאָזן די אויסגעשטראַכטע ריימען פון שוואַמבראַניע.

בײַ מיר זײַנען געבליבן די „שוואַמבראַנער בריוו“, די געאָגראַפישע קאַרטעס און די מיליטערישע פּלענער פון שוואַמבראַניע, די געמעלן פון איר פלאַג און הערב. לויט די דאָזיקע מאַטעריאַלן און זכרונות איז אָנגעשריבן די דערציילונג. און איך וועל, אַגבֿ, דערציילן די געשיכטע פון שוואַמבראַניע, ס'וועלן באַשריבן די רייזעס פון די שוואַמבראַנער, אונדזערע פאַסירונגען אינעם דאָזיקן לאַנד און פיל אַנדערע זאַכן. נאָר דער טאַם פון דער דערציילונג שטעקט נאָר ניט דאָ.

די שפּיל האָט פאַרנאַטירט אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין דער ווירקלעכקייט, אַלץ, מיט וואָס עס זײַנען דעמאָלט פול געווען אונדזערע קינדערישע מוחות. מלחמה, פאַלשער העראָיזם, אידעאַלן פון קליינ־בירגערלעכן העלדנטום, פאַרקריפּלטע דערציִונג, רעוואָלוציע, דאָרשט נאָך געזעלשאַפטלעכקייט, די פּרוּוו צו אָריענטירן זיך אין דעם, וואָס עס קומט פאָר, די אַנטשטייונג פון דער נײַער שול, די יאָרן פון כורבן, די צעפאַלונג פון דער אַלטער פאַמיליע אאַז״וו. דערפאַר איז די דערציילונג וועגן דער ניט געשטויגענער שוואַמבראַניע — פריִער פון אַלץ אַ וואָרהאַפטיקע — אַ ביסל אַ פאַרשייטע, נאָר אַ גאָר וואָרהאַפטיקע דערציילונג וועגן ניט קיין אויסגעטראַכטער, נאָר אַ פאָרגעקומענער רעוואָלוציע.

## די געאָגראַפיע

מע קאָן זיך איבערצייַגן, אז די ערד איז
קיילעכדיק:
זעץ זיך אפּן אייגענעם הינטערכיילעך —
און גליטש זיך.

מאַיאַקאָווסקי

ווי יעדעס לאַנד, האָט שוואַמבראַניע געדאַרפט האָבן אַ געאָגראַפיע, אַ קלימאַט, אַ פלאָרע, אַ פאַונע און אַ באַפעלקערונג.

די ערשטע קאַרטע פון שוואַמבראַניע האָט געמאַכט אָסיע. ער האָט אַראָפּגעמאָלט פון עפּעס אַ דאַנטיסטישער רעקלאַמע אַ גרויסן צאָן מיט דרײַ וואָרצלען. דער צאָן איז ענלעך געווען אַף אַ טולפּאַן, אַף דער

קרוינ פונ די ניבעלינגנ און אפנ בוכשטאב „ש" — דעמ ערשטנ בוכשטאב פונ שוואמבראניע. ס'איז געווענ אָנגענומענ אײנצוזענ אינ דעמ א מינ סימבאל. און מיר האבנ אײנגעזענ. ס'איז געווענ דער צאָנ פונ דער שוואמבראנער כאָכמע. שוואמבראניע האבנ מיר צוגעגעבנ די קאָנטורנ פונ א צאָנ. איבערנ אָקעאנ זײַנענ צעוואָרפנ אינדזלענ און פלעקנ. לעמ די פלעקנ איז געווענ אנ ערלעכע אויפשריפט: „דער אינדזל רעכנט זיכ ניט, ס'איז אומגערנ געמאכט א פלעק". ארומ דעמ צאָנ האָט זיכ געשפרייט דער „אקיאנ". איבער דער גלאָטקײַט פונ אָקעאנ האָט אָסיע געמאכט שטורעמדיקע זיגזאגנ און האָט פארצייכנט, אז דאָס זײַנענ „כוואליעס"... ווײַטער איז אפ דער קארטע געווענ אנגעמאָלט א „יאמ", ווו אײנ ווײַזערל האָט אָנגעוויזנ „מיטנ שטראָמ", און דאָס אנדערע האָט געמאָלדנ „און אזוי איז קעגנ". ס'איז נאָכ געווענ א „פליאזיש", דער טײַכ באלמא, וואָס האָט זיכ געצויגנ, ווי א שנירעלע, די הויפט־שטאָט שוואמבערנ, די שטעט ארגאָנסק און דראנדזאָנסק, די בוכטע „אויסלאנד", „יענערבערעג", א האפנ, בערג, און צומ סאָפ „דאָס ארט, ווו די ערד ווערט פארקײַלעכט"...

די אויסגעקרומטקײַט פונ אונזער פלאנעטע האָט זייער באונרויקט אָסיען. ער האָט אלײנ אָנ שומ טײַנעס געשטרעבט זיכ איבערצײַגנ, צי די ערד איז קײַלעכיק גוט, וואָס מיר זײַנענ דעמלט נאָכ ניט באקאנט געווענ מיט מאיאקאָווסקיג, אניט וואָלטנ אומגעקומענ אָסיעס הייזלעכ, ווײַל ער וואָלט, פארשטײט זיכ, אויסגעפרוווט די קײַלעכדיקײַט פונ דער ערד מיטנ אייגענעמ געזעס... נאָר אָסיע האָט געפונענ אנדערע אויפגאבעס צו דערוויזנ דאָס. פארנ ענדיקנ די קארטע פונ שוואמבראניע האָט ער זיכ אויסגעפירט מיט אנ ערנסטער מינע הינטער טויער פונ אונדזער הויפ. לעמ די שפײַכלערס זײַנענ קומ צו באמערקנ געשטאנענ רעשטלעכ פונ עפעס א קײַלעכיק בערגל — א פאָסטאמענט פאר א קלויסטער, צי א קלומבע. די צײַט האָט קימאט אויסגעגלײַכט דאָס בערגל. שײַנענדיק האָט זיכ אָסיע צוגעפירט צומ בערגל און מאייעסטעטיש אָנגעוויזנ מיטנ פינגער.

— אָט, — האָט ער געזאָגט — אָט איז דאָס אָרט, ווו די ערד ווערט פארקײַלעכט.

כ'האָב ניט געוואָלט ווידערשפרעכנ: ס'קענ זײַנ, אז די ערד ווערט פארקײַלעכט פונקט דאָ. נאָר קעדיי ניט ארויסצולאזנ פארנ קלענערנ ברודערל, האָב איכ געזאָגט:

— אויך מיר א זאך! אָט האָב איך געזען אין סאראטאָוו אזא אָרט, וואָס ווערט נאָך בעסער פּאַרקיילעכט.

אויסערגעוויינלעך סימעטריש האָט זיך באַקומען אף דער קאַרטע



אונזער שוואמבראניע. די שטרענגע גרענעצן פון דעם שוואמבראנער קאַנטינענט האָט געמענט מעקאַנע זיין יעדער אָרנאַמענט. אין בײַ־רעזו — בערג, א שטאָט און א יאם. אין מיזרעך — בערג, א שטאָט און א יאם. לינקס — אַן אייגנגוס, רעכטס — אַן אייגנגוס. די דאָזיקע סימעטריע האָט פּאַרווירקלעכט די גרויסע גערעכטיקייט. וואָס אַף איר האָט באַזירט די שוואמבראנער מעלוכע און וואָס איז געלעגן אין גרונט פון אונדזער שפּיל. אין די ביכער זינט דאָס עוסס, און דאָס שרייבטס ווערט צעטראָטן ערשט אין די לעצטע קאַפּיטלען, אָבער אין שוואַמ־

בראניע זיינענ די העלדנ באלוינט געווענ, אונ די פּאסקודניאקעס אויס-
געראטנ געוואָרנ פונ סאמע אָנהייב. שוואמבראניע איז געווענ א לאנד פונ סאמע זיסנ וווילשטאנד אונ גלענצנדסטער פּאַרפולקומקייט. איר געאָגראפיע האָט געוווּסט נאר גלאטע ליניעס.

סימעטריע — דאָס איז גלייכגעוויכט פונ דער ליניע, ליניישע גע-רעכטיקייט. אלע גליקנ, אפילע די געאָגראפישע, זיינענ געווענ פארטיילט סימעטריש. לינקס אונ איינגוס, רעכטס אונ איינגוס. אינ מיזרעך — דראנזאָנבע, אינ מייַרעב — אנטאנסק. דיר א קארב, מיר א רובל, יוישער.

## געשיכטע

איצט, ווי מע פּאַסט פאר אַן עמעצער מעלוכע, האָט זיכ שוואמ-בראניע געדאַרפט באַזאָרגנ מיט געשיכטע. דאָס האַלבע יאָר שפּילנ זיכ האָט אַרייַנגענומענ אינ זיכ עטלעכע יאָרהונדערטנ שוואמבראַנער ערע.

די געשיכטע פונ אלע לאַטייַנישע מעלוכעס באַשטייט, ווי די לערנ-ביכער זאָגנ, דעריקער פונ מילכאָמעס. שוואמבראניע האָט אויליס געני-טענ מילכאָמע האלטנ. נאָר ס'איז איינגטלעכ ניט געווענ מיט וועמענ צו האלטנ מילכאָמע. דעמאָלט האָט מענ גענומענ דעם אונטערשטנ טייל פונעם גרויסנ צאָנ אָפּהאקנ אינ צוויי האַלבע קייַלעכנ. לעמ זיי האָבנ מיר אָנגעשריבנ „א פ א ר ק א נ“. אונ אינ די אָפּגעהאַקטע האַלבנ קייַלעכנ האָבנ זיכ באוויזנ צוויי פייַנטלעכע מעלוכעס: קאַלדאָניע — (פונ די ווערטער „קאַלדוג — א מעכאַשעפ אונ קאַלעדאָניע) אונ באַלוואָניע — (פונ די באַגריפנ באַלוואַנ אונ באָליוויע). צווישנ באַל-וואָניע אונ קאַלדאָניע האָט זיכ געפונענ א ג ל א ט א ר ט. ס'איז ספּעציעל אויסגעטיילט געוואָרנ אַפּ מילכאָמע האַלטנ. אַפּ דער קאַרטע איז טאַקע אַזוי געווענ אָנגעשריבנ: „מילכאָמע“.

דאָס דאָזיקע וואָרט, אָנגעשריבנ מיט גרויסע אונ שוואַרצע בוכ-שטאַבנ, האָבנ מיר אייַנגעבנ דערזעענ אינ די צייטונגענ...

מיר האָבנ זיכ פאָרגעשטעלט, אַז א מילכאָמע קומט פאָר אַפּ א גוט אייַנגעטראַמפּלטנ אונ ריינ-אויסגעקערטנ פּלאַצ, אַזוי ווי א פּאַ-ראַדנ-פּלאַצ. די ערד ווערט דאָ ניט פאַרקילעכט. דאָס אָרט איז געווענ א גלייכס אונ א גלאַטס.

— די גאַנצע מילכאָמע איז באַרעכנט מיט א טראָטואַר, — האָב איכ אייַנגערעדט דעם ברודער...

— אונ א וואָלגע איז פאראנ אפ דער מילכאָמע? — האָט זיכ אָסיע אינטערעסירט.

פאר אים האָט דאָס וואָרט וואָלגע באטייט יעדנ טייכ ביכלאל. בא די זייטנ פונ דער מילכאָמע האָט זיכ געפונענ די „געפענגעניש“. אהינצו פלעגט מענ ארייננעצנ די געפאנגענע סאָלדאטנ. אפ דער קארטע איז דאָס אויכ געווענ אָפגעמערקט מיט דריי אויפשריפטנ „געפענקעניש“.

די מילכאָמעס אינ שוואמבראניע פלעגנ זיכ אָנהייבנ אזוי: דער פאָטשטאליאָנ פלעגט קלינגענ אינ פאראד-טיר פונעם פאלאצ, ווו ס'האָט געוווינט דער שוואמבראנער קייסער.

— שרייבט זיכ אונטער, אייער קייסערלעכע מאיעסטעט, ס'איז א רעקאָמענדירטער בריוו, — פלעגט זאָגנ דער פאָטשטאליאָנ.

— פונוואנענ קאָנ דאָס זיינ? — פלעגט זיכ וווּנדערנ דער קייסער, באנעצנדיק דעמ בלייפעדער מיט שפייעכץ (אָסיע איז געווענ דער פאָטשטאליאָנ, אונ איכ — דער קייסער).

— עפעס א באקאנטע האנטשריפט, — פלעגט זאָגנ דער פאָטש-טאליאָנ — דאכט זיכ פונ באליוואניע, פונ זייער קייסער.

— אונ פונ קאלדאָניע איז קיינ בריוו ניט געווענ? — פלעגט פרעגנ דער קייסער.

— מע שרייבט — פלעגט דער פאָטשטאליאָנ ענטפערנ מיט אי-בערצייגונג, פונקט ווי ער וואָלט קאָפּירנ אונדזער פאקראָווסקער פאָטשטאליאָנ ניעבאָהע (יענער פלעגט שטענדיק זאָגנ „מע שרייבט“, ווענ מע פלעגט אים פרעגנ, צי זיינענ פאראנ פאר אים בריוו).

— קייסערינ יע! גיב א שפּילקע! — פלעגט נאָכדעמ שרייענ דער קייסער.

אופעפענענדיק מיט דער שפּילקע דעמ קאָנווערט, פלעגט דער שוואמבראנער קייסער לייענענ:

„טייערער הער קייסער פונ שוואמבראניע!

וואָס מאכט איר עפעס? מיר לעבנ. אראניקענ נאָכ. גאנצ נייהאָשיע. נעכטנ איז בא אינדז געווענ א גרויסע ערדציטערניש אונ דריי וווּלקאנענ האָבנ אויסגעבראָכנ. נאָכדעמ איז נאָכ געווענ א גרוי-סע שרייפע אינ פאלאצ אינ א שטארקע פארפלייצונג. אינ יענע ייאר ראָט זיכ באקומענ א מילכאָמע מיט קאלדאָניע. נאָר מיר האָבנ זיי

צעקלאפט אפ שטיקלעך און אלעמען ארייגעזעצט אין געפענקעניש. ווייל אלע באלוואנצעס זיינען זייער דרייסטע און העלדן. און אלע שוואמבראנער זיינען נאראנים, כוליגאנעס און וואנדאלן. און מיר ווילן מיט אייך מילכאמע האלטן. מיט גאטס הילף מעלדן מיר אייך אין צייטונג א מאניפעסט. גייט ארויס מילכאמע האלטן אפ דער מילכאמע. מיר וועלן אייך באזיגן און ארייזעצן אין געפענקעניש. און אייך איר וועט ניט ארויסגיין אפ דער מילכאמע, זייט איר פאכדאנים, ווי מיידלעך. און מיר פאראכטן אייך. איר זייט נאראנים.

גיט איבער א גרוס אייער מאדאם, דער קייסעריניע און אייער קרוינפרינץ.

אפן אריגינאל אפגעשטעמפלט מיטן פוס פון מיין מאיעסטעט מיטן קנאפל — דער באלוואנער קייסער".

אט דאס איז געווען אונדזער דיפלאמאטישע שפראך. מיר האבן זי געשעפט פון די היסטארישע ראמאנען, פון די צייטונגען און גע־שפרעכן אפן הויף.

איבערלייענענדיק די בריוו, פלעגט זיך דער קייסער בייזערן. ער פלעגט אראפנעמען פון דער וואנט די שאבליע און רופן די שליי־פערס. נאכדעם פלעגט ער אוועקשיקן „א טעלעגראמע מיט א ספע־ציעלן קוריער און א באצאלטן ענטפער". אין דער טעלעגראמע פלעגט שטיין געשריבן:

„איך גיי אפ אייך".

אין לערנבוך פון רוסישער געשיכטע פלעגט שיקן אזעלכע ווארע־נונגען זיינע פיינט יאראסלאוו צי סוויאטאסלאוו. „איך גיי אפ אייך" פלעגט טעלעגראפירן דער גרויספירשט ווייל איך דארטן די פעטשע־ניעגן אדער די פאלאוועצעס, און פלעגט זיך יאגן „נעקאמע נעמען אין די נארישע כאזארן". נאר מיט אזא גראבן יאג, ווי דער באלוואנער קייסער, האט ניט געלוינט ריידן אפ „איך" דעריבער פלעגט דעו שוואמבראנער קייסער אויסמעקן: „איך גיי אפ אייך" און אנשרייבן „איך גיי אפ דיר"... פלעגט דער רייכער איינלאדן אפ א וויזיט דעם ליפעקאנט פון דער מעדיצין פון זיין מאיעסטעט, דעם לייב־אויבער־דאקטער, און פלעגט נעמען שטעלן זיך צום פריזיוו.

— נו, — פלעגט זאגן דער לייב־אויבערדאקטער, — וואס מאכן מיר עפעס. ווי האלט עס מיטן מאגן?.. הא־א... וויפל מאל? — און נאכדעם פלעגט דער קייסער זאגן צום פורמאן.

— וויאָ! געפּאָרן, מיט גאָטס הילף! טרײַב אָפּ וואָס די וועלט שטיים.

און ער פלעגט אָפּפאָרן אַף דער מילכאָמע. אַלע פלעגן שרײַען הורא און אים אָפּגעבן „טשעסט“. און די קייבערינגיע פלעגט פון פענצטער פאָכען מיט א ווײַס טיכעלע.

פארשטייט זיך, פון אַלע מילכאָמעס פלעגט שוואמבראניע ארויס די זיגערן, ווי רוסלאנד אין די אַלטע לערנביכער פון געשיכטע.

באלוואָניע איז באזיגט און פארייניקט געוואָרן צו שוואמבראניע. מ'האָט נאָך ניט באוויזן אונטערקערן דעם „פלאַץ-מילכאָמע“ און דורכלופטערן די „געפענקעניש“, ווי אַף שוואמבראניע האָט זיך שוין א לאָז געטאָן קאלדאָניע. קאלדאָניע איז אויך באזיגט געוואָרן.

אַף „יענעם ברעג“ איז אויסגעטיילט געוואָרן אַף דער קאַרטע אַן אָרט פאר אויסלאנד. דאָרטן האָבן געוווינט די בוצפּעדיקע פיליגווינען — רײַזנדע איבער אײַז-לענדער, עפּעס א מיטל-זאַך צווישן פיליגרימען (אווילע רענל) און פינגווינען. די שוואמבראנער האָבן זיך עטלעכע מאָל געטראָפן מיט די פיליגווינען אַפן פּלאַץ פון דער מילכאָמע. אויב דאָ פלעגן שטענדיק זיגן די שוואמבראנער. פונדעסטוועגן האָבן מיר ניט פארייניקט די פיליגווינער מיט דער שוואמבראנער אימפעריע. אניט וואָלט ניט געווען מיט וועמען צו האַלטן מילכאָמע. פיליגווינטיע איז איבערגעלאָזן געוואָרן אַף צוכט, צו קולטיווירונג געשיכטע.

## פון פּאָקראָווסק ביז דראַנדזאָנסק

אין שוואמבראניע האָבן מיר געוווינט אין דער הויפּטגאַס פון דער שטאָט דראַנדזאָנסק, אין א בריליאַנטן הויז, אַפן 1001-טן שטאָק.

אין רוסלאנד האָבן מיר געוווינט אַפן מאַרק-פּלאַץ אין דער סלאָבאָדע פּאָקראָווסקאיא (שפּעטער די שטאָט פּאָקראָווסק) אַף דער וואָלגע, אנטקעגן סאַראַטאָוו. מיר האָבן דאָרטן געוווינט אַפן ערשטן שטאָק.

דורך די אָפענע פענצטער פלעגט זיך אַרײַנרײַסן דער קוויטשיקער געשריי פון די הענדלערס. דאָס פריִענדיקע אַלטוואַרג פונעם מאַרק איז געווען אָנגעוואָרפן אַפן פּלאַץ. די אײַנגעשפּאַנטע פערדלעך האָבן געטרייסלט מיט די טאָרבעס, בראָמטשענדיק דאָס עבן... די יונגינקער

האָבנ פארהויבנ די האָלאָבליעס צום הימל, ווי אינ געבעט. עסנוואַרג, קראַמ, באַקאַליי, גרינס, גאַלאַנטעריי, האַנטאַרבעט... דינהויטיקע קאַ־ וועניעס זײַנענ געלעגנ פּיראַמידעסווײַז, ווי סנאַריאַדנ אַפּ די באַטטיאַ־ נענ פונעמ פילמ „די פאַרטיידיקונג פונ סעוואַסטאָפּאָל”.

דער דאָזיקער פילמ איז געגאַנגענ אַפּנ דאָג, אינעמ „סינעמאַטאָ־ גראַפישנ עלעקטרע־טעאַטער” „עלדאָראַדאָ”. דעמ קינעמאַטאָגראַפ פלעגנ שטענדיק אַרומרינגלענ ציגנ. גאַנצע טשערעדעס פלעגנ זיכ פאַר־ שענ באַ די אַפּישנ אונ צופרידנ דרייענדיק מיט די וויידלעכ, פלעגנ די דאָזיקע הערנערדיקע מעצענאַטנ אַרומהריזענ דעמ ליטאָגראַפישנ טרויער פונ וועראַ כאָלאָדנאַיאַס * פּרעמענ.

פונ „עלדאָראַדאָ” צו אונדזער ווינונג האָט זיכ געצויגנ די אַזוי־ גערופענע „ברעשקע” אָדער ברעכאַלאָווקע. אָוונט־צײַט פלעגט איבער ברעכאַלאָווקע פאַרקומענ אַ שפּאַציר. גאַנצ ברעשקע האָט צוויי קוואַרטאַלנ. די שפּאַצירער פלעגנ זיכ שאָקעווענ שטויסנ אַהינ אונ צו־ ריק, פונ ווינקל צו ווינקל, ווי קלייניטשקע כוואַליעס אינ אַ וואַנע פונ ברעג צו ברעג. די מיידלעכ פלעגנ זיכ באַוועגנ אינ דער מיט. זיי פלעגנ שווימענ פאַמעלעכ, ווי וויגנדיק זיכ. אַזוי שווימט די קאַווענער־ שאָלעכצ באַ די וואָלגער האַפּנס. אַ הוילע קנאַקערײַ פונ געפּרעגלטע יאָדרעס האָט זיכ געהערט צווישנ דעמ האַמוינ. גאַנצ ברעשקע איז געווענ שוואַרצ פונ יאָדערנ־שאָלעכצ. יאָדערנ פלעגט מענ באַ אונדז רופנ „פּאָקראָווסקער געשפּרעכ”.

לענגאויס ברעשקע פלעגנ שטיינ אינ רייענ באָבערימ אינ קומענע באָטנ, אָנגעטאָנ אַפּ די שטיוול. די באָבערימ פלעגנ מיט אַנ עלע־ גאַנט־אַנגעבויגענעמ פינגער אַראָפּנעמענ פונ די ליפּנ גאַנצע קרענצ־ לעכ אויסגעשטעקעלעפּטע שאָלעכצ. די באָבערימ פלעגנ זיכ גאַנצ אײדל ווענדנ צו די מיידלעכ:

— דערלויבט זיכ צוטשעפּענ. ווי רופט מענ אײַכ מיט נאָמענ... מאַרוסיע צי קאַטיע?

— אַנו, לאָז צורו... ס'אַרא גיבער! — פלעגט ענטפערנ דאָס מיידל. — נו, כאַפּט דיכ דער רועכ... טשעפּע זיכ צו.

אונ אַ גאַנצנ אָוונט פלעגט זיכ שווער שטייגנ פאַר די פענצטער די טעמפּע שרײַענדיקע אינ שיילנדיקע ברעכאַלאָווקע.

* וועראַ כאָלאָדנאַיאַ — רעמלט אַ באַוווסטע קינאָ־אַקטריסע.

אונ מיר פֿלעגנ זיצנ אינ פֿינצטערנ גאסט־צימער אפֿנ פֿענצטער. מיר פֿלעגנ קוקנ אפֿ דער האלב־פֿינצטערער גאס. פֿארבײַ פֿלעגט שווימענ ברעשקע. אונ אפֿנ פֿענצטער פֿלעגנ מיר אויסטורעמענ פֿאלאצנ, לופֿטשלעסער, פֿלאמעס פֿלעגנ זיך צעלאָזנ, אונ א ניט־געהערטע קאַנאָנאדע פֿלעגט אונדז אויפֿטרייסלענ. די צעשמעטערונג־סצענאריאָנ פֿונ אונדזערע פֿאנטאזיעס פֿלעגנ רײַסנ די נאכט. מיר פֿלעגנ צעשיסנ ברעשקע פֿונ אונדזער פֿענצטער. אפֿנ פֿענצטער איז געווענ שוואמבראניע.

צו אונדז פֿלעגט דערגיינ די סירענעס פֿונ די וואָלגער דאמפֿערס. זיי פֿלעגנ זיך ציִענ פֿונ דער ווײַטער טיף פֿונ דער נאכט, ווי פֿעדעמ: אייניגע דינינקע אונ ציטעריקע, ווי די הערעלעכ אינ אנ עלעקטראָ־לעמפּעלע, אונ אנדערע גראָבע אונ אָנגעצויגענע, ווי די באס־סטרונע אינ א קלאַוויר. אונ אפֿנ עק פֿונ יעדנ פֿעדעמל איז ערגעץ געהאנגענ א דאמפֿער אינ דער פֿײַכטער אויבער־וואָלגע. מיר האָבנ אפֿ אויסווייניק געוווּסט דעם אלעפֿבייז פֿונ דער דאמפֿער־שפּראכ. מיר פֿלעגנ לייענענ די סירענעס ווי א ביכל. אָט איז דער סאמעטענער, פֿערלנ־כער, דער הויכ־אויפֿגעצויגענער אונ פֿאמעלעכ אָפּשטארבנדיקער „דערנענטערונג"־הודאָק פֿונ א דאמפֿער פֿונ דער געזעלשאפֿט „רוס". ערגעץ האָט אויסגעזידלט א פֿארכאָלעמט שיפֿל, א הייזעריקער בוקסיר, אנ אויסגעשפּאנטער אינ א שווערער בארזשע. אָט זײַנענ צוויי קורצע העפֿלעכע פֿײַפֿנ: דאָס האָבנ זיך באגעגנט „סאמאָליאָט" מיט „קאווקאז אונ מערקורי".* מיר ווייסנ אפֿילע, אז „סאמאָליאָט" גייט ארופֿ קיינ ניזשני, אונ „קאווקאז אונ מערקורי" אראָפּ, קיינ אסטראכאנ, ווײַל „מערקורי" האָט זיך געגריסט דער ערשטער.

## דזשעק דער באגלייטער פֿונ די מאטראָסנ

ביכלאל איז די וועלט פֿאר אונדז — א בוכטע, אנ אָנגעפּילטע מיט דאמפֿערס, דאָס לעבנ — א שטענדיקע נאוויגאציע, אונ יעדער טאָג — א רייס. אלע שוואמבראנער זײַנענ זעלבסטפֿארשטענדלעכ מאטראָסנ. יעדער שוואמבראנער האָט בא זיך אפֿנ הייפֿ אנ אייגענעמ דאמפֿער. אונ פֿארנ סאמע באַשעוועסטנ בינגער פֿונ שוואמבראניע איז

* „סאמאָליאָט" אונ „קאווקאז אונ מערקורי" — שיפֿ־געזעלשאפֿטנ.

אנערקענט ד ז ש ע ק ד ע ר ב א ג ל י י ט ע ר פ ו ן ד י מ א-
ט ר אָ ס ן.

דער דאָזיקער מעלובעדמאַן האָט צו פאַרדאַנקען זײַן אָפּשטאַמונג דעם קליינינקן ביבעלע „דער טאַשנבאַגלייטער פון מאַטראָסן און ווערטערבוך פון די נייטיקע פראַזן". דאָס דאָזיקע ביבעלע, א פאַר-שמאַלצטס ביז חורבוויטיקעט, האָבן מיר געקויפט פאַר פינף קאָפּע-קעס אפן מאַרק, און די גאַנצע כּסדרע פונעם ביבעלע האָבן מיר אַרײַנגעלייגט אין מויל פון אונדזער נײַעם העלד — דזשעק דעם באַגלייטער פון די מאַטראָסן. אַזוי ווי אינעם ביבעלע איז געווען אַ קורצע לאָציע און נאַוויגאַציע אַי א ווערטערבוך, איז דזשעק געוואָרן אַן עמעסער פּאָליגלאָט.* ער האָט גערעדט דײַטש, ענגליש, פראַנצי-זיש און איטאַליעניש. ווען איך פלעג פאַרשטעלן דזשעקן, פלעג איך פּאַשעט לייענען קעסיידער דעם ווערטערבוך פון די נייטיקע פראַזן. ער פלעגט זיך באַקומען אויסגעצייכנט:

— א דונער, בליצע, וואַסערהויזן!.. א גוטמאָרגן אײַך, הער אָדער פרײַלן, כאָך מאָרנינג באָנזשור, צי רעדט איר אַף אַנדערע שפּראַכן?

— יאָ, איך רייד אַף דײַטש און אַף פראַנצייזיש, גוטמאָרגן, גוטן אָוונט, זײַט געזונט. גוטען מאָרגען. אַבענד, אַדיע. איך בין אָנגעקומען מיטן דאַמפער, מיט דער שיף, צופֿוס, דילטנדיק: פאַר מיר, א פּיע, א שוואַל... א מענטש פון יענער זײַט באָרט. און אַזאַמאַ אין מאַרע. ווי גרויס איז דער פּרײַז פאַרן ראַטעווען? וויפל איז דער בערגע-לוין?..

אָפּט פלעגט דזשעק איבפּאַרשעמט ליגן. איך פלעג מוזן הײַט ווערן פאַר אים.

— לאַצמאַן, זעץ מיך אויעס אפן זאַמדבאַנק, — האָט זיך געבייר-זערט דזשעק אַף דער 103-טער זײַט, אָבער אַף די 104-טער זײַט פלעגט ער זיך שוין מוידע זײַן אַף אַלע שפּראַכן.

— כ'האָב בעקיוון אויפגעזעצט די שיף אַפן זאַמדבאַנק, קעדיי צו ראַטעווען א טייל פראַכט...

...אונדזער פּאַראַוּסקער טאָג הייבן מיר אָן מיט א רעגנענטער-ריינג-הודאָס, נאָך לינגדיק אין בעט. דאָס קערן מיר זיך אום פון דער

* א מענטש, וואָס רעדט אַף א סאַך שפּראַכן.

באנאכטיקער שוואמבראניע. אנושקע זעט געדולדיק צו אונדזער אינ־דערפרייקע פראצעדור:

— א שטילנ — קאמאנדעוועט אסיע נאכנ אפפייפנ — ווארפ די „טשאלקע".*

מיר ווארפנ אראפ די קאלדרעס.



די מלוכה־פאנ פונ שוואמבראניע.

— שטיי. לאז אראפ דעמ טראפ.

מיר לאזנ אראפ די פיס.

— א גוטמארגנ.

די שוואמבראנער מאטראסנ גייענ באקומענ די פראכט פונ וויסנ־שאפט אונ דערציונג.

## בא א שטילנ האפנ

אונדזער שטוב איז אויכ א גרויסער דאמפער. דאס הויז האט געווארפנ דעמ אנקער אינעמ שטילנ האפנ פונ דער פאקראווסקער סלאבאדע. די כוואליעס פונ ברעכאלאווקע וואשנ עס ארומ.

דעמ טאטנס דאקטער־קאבינעט איז א קאפיטאנ־בריקל. דער ארײנגאנג פאר די פאסאזשירנ פונ צווייטנ קלאס, דה. פאר אינדז, איז פארבאטנ. דער נאסטרצימער איז דער ערשטער קלאס. דער עסצימער — די קאיוטקאמפאניע. די טעראסע איז דער אפענער שיפ־דעק. אנוישקעס צימער אונ די קיכ — דער דריטער קלאס, דער טריומ — די

---

* טשאלקע (чалка) — די שטריק, מיט וועלכער מע בינדט צו א שיפל צו א ברעג־סלופ.

מאשינ-אָפּטײלונג. דער אַרײַנגאַנג פאַר די פּאַסאַזשירנ פונ צווײטנ קלאַס איז אַהערצו אויכ פאַרבאָטנ. אַ שאָד... דאָרטנ איז אַנ עמעסער רחוב. דער קוימענ איז דאָרטנ ניט אויסצוהאַלטנ, נאָר אַנ עמעסער. דער אויוונ הודעט מיט עמעסנ פײַער. פונ דער קאיוט-קאָמפּאַניע קלינגט מענ אומגעדולדיק. דער סאַמאָוואַר גיט אַ פּײַפ צום אָפּגײנ. דער סאַמאָוואַר לויפט, נאָר אַנושקע כאַפּט אים אונ טראָגט אים, אַ געפאַנגענעמ, אינ קאיוט-קאָמפּאַניע. זי טראָגט דעמ סאַמאָוואַר מיט אויסגעצויגענע הענט, אַ ביסל דערווײַטערט פונ זיכ. אַזוי טראָגט מענ קלײנטשינקע קינדער, ווענ זיי קלײַבנ זיכ אָפּטאָנ ניט קײנ שײנע זאַכ.

מע פאָדערט אונדז „ארופ“, אונ מיר פאַרלאָזנ די מאַשינ-אָפּטײלונג פונ שטוב.

מיר גײענ אַוועק אָנ בײַשעק. די קיכ איז דער הויפּט-אילומינאַטער פונ אונדזער דאַמפער. ווי מע זאָגט, דאָס פענצטערל אינ דער וועלט. אַהינצו גײענ שטענדיק אַרײַנ מענטשנ, וועגנ וועלכע מע האָט אונדז א י נ מ אָ ל פ א ר א ל ע מ אָ ל געזאָגט, אַז ס'איז ניט קײנ פּאַסיקע באַקאַנטשאַפט. ניט קײנ פּאַסיקע באַקאַנטשאַפט באַטײַט: אויפקויפער פונ אַלטוואַרג, שלײַפערס, קאַטערינשטשיקעס, קאַראַבײניקעס, טשערקעסנ-שלאָסערס, פּאָטשטאַליאָנעס, פּײַערלעשער, בעטלער, קוימענקערער, הויפ-וועכטער, די קעכנס פונ די שכײנים, קולנ-טרעגער, ציגײַנערקעס, פורמאַנעס, באָנדערס, קוטשערס, האָלצהעקער... דאָס זײַנענ אַלצ פּאַסאַזשירנ פונ דריטנ קלאַס. מיסטאָמע זײַנענ זיי די סאַמע בעסטע, די סאַמע אינטערעסאַנטע מענטשנ אויפ דער וועלט. נאָר אונדז רעדט מענ אײַנ, אַז אַרומ זיי שווײבלט אונ גריבלט מיט אַלערלײ מיקראָבנ אונ שעדלעכע באַצילנ. אַסיע האָט אַפילע אײנמאָל געפרעגט בײַ לעוואָנטי אַבראַמקינ, דעמ אָרעמענ אָפּטרעט-ראַמער, דעמ מײַסטער פונ פּאָמויניצעס:

— ס'איז עמעס, וואָס מע זאָגט, אַז אומ אײַכ שווײבלט אונ גריבלט... נײנ... חה. קריכנ סקאַרלאַטינקעס?

— טו-טו — האָט זיכ באַלײדיקט לעוואָנטיע — וואָס פאַר סקאַרלאַטינקעס... אַז מיר גײענ אַרומ גלאַט אַזוי זײַנ געוויינלעכע לײַז... אונ סקאַרלאַטינע, — אַזאַ כײַע איז גאָר ניטאָ... סקאַרלאַפּענדרע איז פאַראַנ, דאָס איז אַזאַ אינזעקט, אַזאַ שלאַנג, זי לעבט אינ די קישקעס.

— בײַ אײַכ, הײסט עס, — האָט זיכ דערפרײט אַסיע — איז פול אונ פול מיט סקאַרלאַפּענדרעס אינ די קישקעס? יאָ?

אבראמסקינ האט זיכ גאר באליידיקט, ער האט אנגעכאפט די היטל אפנ קאפ אונ האט מיט קאס א האק געטאנ די טיר.

זייער א באלערעוודיק ארט איז די קיכ. בא אונדז אינ שוואמבראניע זיצט דער קייסער אליינ אינ קיכ אונ דערלויבט דארטנ אלעמענ זיצנ.

אינ פאקראווסק, צומביישפיל, פאר ניטל, קומענ אהער צו די קינדער פראווענ קאליאדעס. זיי זינגענ:

מאלאניע געגאנגענ
געבעטנ איוואנקענ:
איוואנקע, מיינ סאטע..

אפנ נייעמ יאר קומט אונדז „באגריסנ" דער גאראדאווי אליינ. ער גיט א קלאפ מיט די אפצאסנ אונ זאגט:

— איכ האב די ערע...

מע טראגט אימ ארויס אפ א טעלערל א קעלישעק בראנפנ אונ א זילבערנעמ רובל. דער גאראדאווי נעמט דעמ קארב, באדאנקט אונדז אונ טרינקט פאר אונדזער געזונט. מיר קוקנ אימ אינ מויל. דער גאראדאווי גיט א גרעבצ אונ ווערט שטיל, ווי פארשטארבנ. עס שיינט, אז ער הערט זיכ צו ווי דער בראנפנ גיסט זיכ אריינ אינ זיינ פאליצייישנ מאגנ. נאכדעמ גיט ער נאכאמאל א קלאפ מיט די אפצאסנ אונ לייגט צו די האנט צומ דאשעק פונ היטל.

— פארוואס טוט ער עס? — ווערט אסיע טשיקאווע.

— דאס גיט ער אונדז אפ ערע, — האב איכ אימ געגעבנ צו פארשטיינ. — געדענקסט, ווענ ער איז אריינגעגאנגענ, האט ער געזאגט: „איכ האב די ערע"... אונ איצט גיט ער זי אונדז אפ.

— פארנ רובל? — האט געפרעגט אסיע.

דער גאראדאווי איז פארשעמט.

— וואס טוט איר דא, ארבאראווצעס! — דערהערט זיכ דעמ טאטנס באס.

— טאטע, — שרייט אסיע — אונ אונדז האט דא דער פאליציאנט אפגעגעבנ ערע פאר א רובל.

— איבערגעצאלט, איבערגעצאלט — לאכט דער טאטע — די ערע פונ א פאליציאנט איז אפילע קיינ פיאטאק ניט ווערט... נו, לעבעדיקער — מארש פונ דער קיכ... ווי הייסט דאס דארטנ בא איינכ? מיטנ לינקנ אקסל צוריק, מיטנ רעכטנ פארויס...

# דער היימישער קאַפּיטאַנ

דער טאַטע איז אַ הויכ־וווּקסיקער בלאָנדינ, אַ קוטשעראַוער. דאָס איז אַנ אומגעהייער האַרעפּאַשנער מענטש, וואָס ווייסט ניט וואָס איז אַזוינס מידקייט. ווענ ער האָרעוועט זיכ אָנ, קאָנ ער אויסטרינקענ אַ גאַנצנ סאַמאָוואַר. ער רעדט זייער הויכ. ווענ ער ווערט אינ כּאַס אונ שרײַט אַפ די מאָגערע נאַרישע פּאַציִענטנ פונ די כוטערנ, האָבנ מיר שטענדיק מורע, די קראַנקע זאָלנ ניט אויסגייג פונ שרעק. מיר, אַפ זייער אָרט, וואָלטנ געוויס געשטאָרבנ. אָבער אַזוי איז ער זייער אַ פריילעכער מענטש. עס טרעפט זיכ אַמאָל אַזוי: עס קומט צו אים אַ קראַנקער, בײַ אים „אינ ברוסט ברענט ווי אַ פײַער" אונ אינ עטלעכע מינוט אַרומ פאַרגעסט שוינ דער קראַנקער וועגנ דער ברוסט אונ כאַפּט זיכ פאַרנ בויכ, — ער איז שוינ קראַנק געוואָרנ פונ געלעכטער... אונ ווענ דער טאַטע אַליינ הייבט אָנ בושעווענ, וואַרפט זיכ די קאַץ מיט אַנ אימפּעט אונטערנ בופעט אונ אינ אַקוואַריום ווערט אַ קאָכעניש. צו אַנטויטעס יעדער טראָגט ער אַרויס די מאַמע צו מיטיק אַפ די הענט. ער שטעלט זי אַוועק אַפנ דיל אונ זאָגט: „די באַלעבאָסטע איז געקומענ צו פאָרנ".

אַ סאַך פריילעכע ווערטער ווייסט דער טאַטע.

— פרעס אונ פאַרפּאַטשקע דעמ פּאָנעמ — זאָגט ער אינדזן בײַמ וואַרמעס. — היי, איר, הויבערבריער, קאַלאָנצעס, באַלוואַנצעס, באַ־האַלט די שנורגלעכצ, — אונ פאַרקוועטשט אינדזערע נעזער צווישנ דעמ טײַטל־פינגער אונ דעמ מיטלסטנ. פונ אימ האָט זיכ דאָס אויס־געלערנט דער שוואַמבראַנער קייכער ווענדנ זיכ צומ קוטשער:

„יאָג זיי אינ ווײַדל אונ אינ גריווע"

אַמאָל, ווענ מע דאַרפ פאַרטיידיקנ אַנ איבעריק בעטל פאַרנ נײַ זעלישאַפטלעכנ שפּיטאָל, טרעט דער טאַטע אַרויס אַפ אַ וואָלאָסט־פאַרזאַמלונג. אונ די זאַטע פאַרזאַמלונג גוואַלדעוועט: מע דאַרפ ניט... אונ נאָכדעמ ווערט אומבאַדינגט באַשריבנ אינעמ בלעטל „סאַראַ־טאָווסקי וועסטניק", ווי דער הער סמאַרשינא האָט געריפנ דעמ הער דאָקטער צו אָרדענונג, אונ ווי דער הער דאָקטער האָט געפּאָרעט אַרײַנשרײַבנ אינ פּראָטאָקאָל דעמ הער גובערנס ווערטער, אונ ווי הער גוטניק...

דער טאַטע איז באַקאַנט מיט דער גאַנצער סלאָבאָדע. די אויסגע־

פוצטע באַבענע-פּראָצעסיעס האַלטנ קימאַט שטענדיק פאַר זייער בויזו זיכ אָפּצושטעלנ בא אונדזערע פענצטער. א פאַרטרויערטער האַרמאָניער רינגלט דעמ אַרומ אונדזער שטוב. ברעשקע איז פאַרשאָטנ מיט קאַנפעטנ. הונדערטער גלעקלעכ קלינגענ אַפ די מיט סטענגעס באַציר-טע באַמטנ. אַפ די פאָדערשטע שליטנס צווישנ טעפּיכער ברילט אַנ אָרקעסטער. אונ מע טאַנצט, עס טאַנצנ אינ די ברייטע שליטנס גופא די קוויטשענדיקע שאַדכנטעס, — הייטע ווי בירעקעס, מיט סטענגעס אינ פאַרפּירענע קוויטנ אינ די הענט:

ציניע, דורעטשקע דו מײַנע, ע! אוכ!
ביסט א פריילעכע, א פיינע, דעכ! דוכ!
גיב-זשע פריילעכ מיר די האַנט, אַכ! עכ!
אינעם פרעמדנ, פרעמדנ לאַנד, דעכ! דעכ!

נאָכ א זאַכ געדענק איכ וועגנ דעמ טאַטנ.

די שיפּערס, די מײַנער, די אַרבעטער פונ טאַטאַק, פונ דעפּאָ אינ פונ דער בײַנ-מיל זײַנענ געגאַנגענ האַרגענענ די בוליגאַנעס. פונ די בוליגאַנעס האָט מענ שוינ אינ דער כלאָבאַדע ניט געקאָנט אויס האַלטנ.

די פּאָליציי האָט גאָרנישט ניט געטאָנ. די אײַנוווינער האָבנ אַליינ באַשטימט פּאָטער וועגנ פונ זיי. ס'איז צונויפגעשטעלט געוואָרנ א צעטל פונ די לאַמע נרעכטע גאַזלאַנימ. מיטנ צעטל אַדרעסנ איז דער האַמוינ געגאַנגענ פונ גאַס צו גאַס. דער האַמוינ איז געגאַנגענ אינ גיצראַנעט...

איינער פונ די אָנפירער פונ דער באַנדע בוליגאַנעס האָט זיכ בא-האַלטנ באַמ טאַטנ אינ שפּיטאָל. ער איז ווירקלעכ געווענ קראַנק. ער האָט געבעטנ ראַטעווענ אימ, ער איז געפאַלנ צו די פיס.

דער צעהיצטער האַמוינ האָט אַרומגערינגלט דעמ שפּיטאָל. ער האָט געוואָלדעוועט אונ געהידעט בא די פאַרמאַכטע טויערנ. דער טאַטע איז אַרויס צומ האַמוינ.

— יאָב ווילט איר?.. כ'וועל ניט לאָזנ, — האָט געזאָגט דער טאַטע. — פאַרטײַטשט דעמ דיישל, איר וועט מיר נאָכ אָנטראָגנ טרענק אינ שפּיטאָל. נאָכדעמ וועט מענ נאָכ האָבנ רעווינסעצירנ...

— דו, דאָקטער, ביכ אונדז יאָר אַרויס באַלעבאָס... מיר גיבנ אַנ איבערשריפט. מיר וועלנ אימ שיינ... אויסהיילנ.

— דאַמ קראַנקנ באַלבאַטיענא -- האָט שמייענ אינ אַפגעהאַרט

געענטפערט דער טאטע — איז א הייכע טעמפעראטור. איכ קאנ אימ ניט אויסשרײַבנ. אונ טומלט ניט. אניט שרעקנ זיכ די קראנקע — אונ דאס איז פאר זיי שעדלעכ.

דער האמוינ האט זיכ שטיל צוגערוקט נעענטער. דעמלט איז ארויס אנ אלטער טרעגער אונ האט אזוי געזאגט:

— בעוורע, דער דאקטער האט רעכט. זיי לאזנ ניט זייער ספעציאליטעט. קומט, בעוורע, מיר וועלנ מיט באלבאשנ מאכנ א סאפ א צווייטנ מאל. אנטשולדיקט וואס מיר האבנ אייכ באאומרויקט.

באלבאשנ האט מענ געפאטערט אינ דרײַ כאדאשימ ארומ.

## די כאנאנסקער ערד

דער טאטע איז זייער א היציקער. אז ער איז אינ קאס, פארשרײַט ער די וועלט. אינדז גיט מענ דאמלט אריינ א כיילעק אפ וואס די וועלט שטייט. אזש א רויכ גייט פונ אונדז... דעמלט טרעט ארויס אפ דער סצענע די מאמע. די מאמע דינט אונדז אלס א מאדעראטער (דעמפער, פארטויבער) בײַ דעם טאטנס צו פיל שרײַענדיקע געשפרעכנ. דער טאטע הייבט אנ קלינגענ שטילער.

די מאמע איז א פיאניסטקע, א לערערנ פונ מוזיק. גאנצענע טעג צעלויפנ זיכ איבער אינדזער שטוב די „צעכייענדיקע גאמעס", עס שפרינגענ אונ גרימפלענ די עקזערסיסנ (געניטונגענ). די טרויעריקע שטימ פונ א פארקאטערטער שילערנ ציילט אפ פארשלאפנ:

— איינס־אונ, צוויי־אונ, דריי־אונ, פיר־אונ... איינס־אונ, צוויי־אונ...

אונ די מאמע זינגט מיטנ מאטיוו פונ דעם אומשטערבלעכנ „באנאנ".*

— ערשטער, פינפטער, דריטער פינגער, ווידער דעם ערשטנ אונ פערטנ. שטילער די האנט, האלטעט ניט, פינפטער, ערשטער...

אינ אינדזער גאנצע קינדהייט איז געווענ אײַנגעוועבט אפ דער מוזיק. ביז איצטער וויינענ זיכ אלע מײַנע זכרוינעס מיטנ מאטיוו פונ באנאנ. אינ נאר די טעג, וואס זענענ דערטרונקענ אינ דער קלעפיקער [illegible] פונ היץ, די טעג פונ אינדזער דיפטעריט, סקארלאטינע,

* א באוווסטער זאמלבוכ פונ געניטונגענ פאר פיאניסטנ.

מאָלען, קרופּ, דערמאָנען זיך אָן אַקאָמפּאַנעמענט. די מאַמע האָט אונדז אַליין אויסגעבאָוועט.

די מאַמע איז אַ קורצזיכטיקע. זי בייגט זיך נידעריק צו צום פּולט, און צום אָוונט שווינדלט איר אין די אויגן פֿון די שוואַרצינקע וויבריאָנען, וואָס חאַפּן זיך נאָענט.

אינעם טאַטנס קאַבינעט אויפֿן טיש איז פֿאַראַן אַ פּאַפּיר־האַלטער: אַ דינע, לאַנגע בראָנזענע פֿרויען־האַנט האַלט רעצעפּטן, פּאָסטקוויטאַנציעס, רעכענונגען. די מאַמע האָט פֿונקט אַזוינע הענט. אַ צעפּעסטעטע פֿריילן, האָט זי העלדיש פֿאַרלאָזן די גבֿירישע שטאָט און איז אַוועקגעפֿאָרן מיטן טאַטן אין „זעמסטווע", אין דאָרף, צו דער ווײַטער און שטילער וויאַטקע. דאָרטן איז איר באַשערט געווען אָפּצוזיצן פֿיל שלאָפֿלאָזע נעכט בײַ דעם שוואַרצן אויסגעקריצטן פֿראָסטיקן פֿענצטער. פֿון די פֿענצטער פֿלעגט בלאָזן. דאָס נאַכט־לעמפּעלע פֿלעגט פֿינטלען, ווי וויינענדיק. פֿון יענער זײַט פֿענצטער איז געווען אַ שרעקלעכע פֿינצטערניש און אַ זאַווערוכע... אין ערגעץ, אין אַזאַ פֿאַרגליווערטער ווייענדיקער פֿינצטערניש, פֿלעגט פֿאָרן דער טאַטע אין אַ פּויערשן שליטן אין אַ דאָרף פֿאַר צוואַנציק קילאָמעטער ווײַט. בײַ די זײַטן פֿלעגן צאַנקען פֿײַערלעך. דאָס זײַנען אָבער געווען ניט קיין הײַזער, נאָר וועלף. עס פֿלעגט אָפּהילכן אַ ווײַטער גלאָק — דער לײַכטטורעם פֿון זאַווערוכעדיקע נעכט. דער טאַטע פֿלעגט פֿאָרן אַהין, ווו דער גלאָק פֿלעגט קלינגען. פֿון די שנייבערגן פֿלעגט אַרויסקריכן אַ שוואַרץ דאָרף. בײַם צאַנקעדיקן פֿײַער פֿון אַ קינעלע פֿלעגט דער טאַטע אין דער שטיקעניש פֿון שעפּסן־טולופּלעך מאַכן אַ דרינגענדיקע אָפּעראַציע. נאָכדעם פֿלעגט ער וואַשן די הענט און פֿאָרן אַהיים.

## א הודאָק האָט אופגעוועקט שוואמבראניע

ווינטער־צײַט גייט אויך אַרום איבער פּאָקראָווסק אַ זאַווערוכע. מיט שניי און ווינטן שפּאַרט זיך אַרײַן דער סטעפּ אין דער סלאָבאָדע. די גאַנצע נאַכט קלינגען דעמאָלט די פּאָקראָווסקער קלויסטערס. אַ גלאָק — איז דער לײַכטטורעם פֿון דער זאַווערוכעדיקער נאַכט. ער ווײַזט ווּ אַ וועג די פֿאַרבלאָנדזשעטע אין סטעפּ. דער גלאָק נעמט אַ מענטשן אין וועג פֿאַרן קאָלנער און פֿירט אים אַרויס אויפֿן וועג.

נאָר בײַ אונדז זײַנען אַלע אין דער הײם. בײַ אונדז איז װאַרעם. פֿונ יענער זײַט פֿענצטער שפּינט די װיכערדיקע װערעטענע אַ דינינקנ פֿאָדעם אונ װױעט אינ קױמענ. דאָס סװישטשעט אונדזער הױז — דער דאַמפֿער, ער באַהאַלט זיכ אױס אינ שטילנ האַפֿנ פֿונ דער זאַ־װערוכע אונ פֿונ אַלע אומגליקנ.

בײַ אונדז זײַנען די שטענדיקע געסט. דער שטײַערנ־אינספּעקטער טשעפּאַנױאַנ, דער קלײנינקער צאָנדאָקטער באַפֿלױער. אַמאָל האָט אים אָנגערופֿנ אַלפֿיטאָעס אונ צו אַלעמענס פֿאַרלעגנהײט „צאָנ־פֿולװער". דער טאַטע שפּילט מיטנ אינספּעקטער אינ שאָכ, אונ די מאַמע שפּילט אױפֿנ קלאַװיר פּאַדערעװסקיס אַ מענוועט. אַנושקע טראָגט אַרײַנ דעמ סאַמאָװאַר, אונ דער סאַמאָװאַר הירזשעט אױף אַנושקען.

— גל... גל... — הירזשעט ער אונטער: — גלאָ־אָ־אָמפּ...

דער פֿרײלעכער אינספּעקטער שרעקט אַנושקען, װי שטענדיק. צומ הונדערטנ מאָל שטעלט ער פֿאָר, װי ער װיל קלױמערשט אַנושקען מאַכנ פּאָשנ (אָנלײגנ קישעלעכ אינ די זײַטנ). דערבײַ לאָזט אַרױס דער אינספּעקטער אַ מאָדנעמ גרילציקנ קלאַנג:

-- קרקלכ־כ־כ...

צומ הונדערטנ מאָל שרעקט זיכ אַנושקע אינ קװיטשעט. אינ דער אינספּעקטער לאַכט אונ פֿרעגט:

— „װידאַלמינדאַלי"?

דער טאַטע קוקט אױפֿנ זײַנער אונ זאָגט:

— נו, אַרכאַראָװצעס, מאַרש פּאָפּנ. מיר פֿאַרהאַלטנ אײַכ ניט.

מיר זאָגנ געהאָרכזאַמ „אַ גוטע נאַכט" אונ גײענ אָפּשװימענ אינ דער באַנאַכטיקער שװאַמבראַניע.

די טראָכנ אָפּגעבונדנ, דה. די שיפֿ זײַנענ אױסגעטאָנ. אינ קינ־דער־צימער הערנ זיכ די אָפּגאַנג־באַרענעכ:

— די לינקע פֿאָרױס. שש־ש־ש־ש... יאַ־אַ... מיטל־גאַנג. פֿאָרױס ביזנ פֿולנ... פֿולער!

איצט זײַנענ מיר זױדער שװאַמבראַנער. אונדז זײַנענ נימעס גע־װאָרנ די שטילע האַפֿנס, די עקװערטנ, דאָס קלינגעניש פֿונ די פֿאַר־ציִענטנ, דאָס, װאָס מע לאָזט אונדז ניט אַרײַנ אינ קיכ.

מיר שװימענ צומ צװײטנ הײמלאַנד. די ברעגנ פֿונ גרױסנ צאָנ הײבנ זיכ שױנ אױפֿ פֿונ דאָרטנ, װו די ערד פֿאַרקײַלעכט זיכ. אינ

דער הייל פון מויערגעפלעכ שמאכט די קייסערינע, די היטערן פון דער געהיימעניש. די דראנדזשאנסקער פאלאצן ווארטן אף אונדז.

אנגעקומען. איך שטיי אפן קאפיטאן־בריקל און דריק אן דעם הור־דאק־הייבער. ס'וואקסט אויס א הודאק. א דערנענטערונג־הודאק. א לאנגער דערנענטערונג־הודאק.

עס הודעט.

איך עפן אויף די אויגן. פאק־דאוויק. דער קינדערצימער. א הודאק.

אין די פענצטער קלאפט אן אליארם־סירענע. דער גאנצער צימער איז פול מיט א גרויסער און שווערער הודערײַ. דער הודאק גייט אי־בערן שטוב, שלאגנדיק מיט די שטעק־שיך.

עס הודעט.

און דעמלט לעבן אויף אין שטוב די גלעקלעך. מע קלינגט פון דער פאראדנער טיר. מע קלינגט פון קאבינעט אין קיך. עס קלינגט דער טעלעפאן. עס הערט זיך ווי דער טאטע שרײַט:

— אך, משוגעים! — צעטראגט זיך איבערן שטוב, — וואס איז? זיי האבן ניט פארויסגעזען? נו, גיט, פאראן טראג־בעטלעך? איך בין שוין גרייט. איך וועל באלד זײַן. אין שפיטאל ווייסט מען.

עס הודעט, עס הודעט עמעצנס א גרויסער אומגליק.

די מאמע איז אריינגעלאפן אין קינדערצימער און דערציילט:

אף דער בײַן־מיל איז א קאטאסטראפע. דאס הייסט אן אומגליק. ס'איז אײַנגעפאלן די הויכע וואנט פון טריקן־קאמער.

דער דירעקטער האט געהייסן ארופלייגן אף איר צו פיל ביינער אף טריקענען. און זי איז געווען אן אלטע. מע האט דעם דירעקטער גע־ווארנט. די וואנט האט ניט אויסגעהאלטן און איז איינגעפאלן. פופציק ארבעטער זײַנען געבליבן אונטער איר. די מענטשלעכע ביינער און יענע, וואס האבן זיך געטריקנט — אלע אינאיינעם.

דער טאטע מיט אנדערע דאקטוירים זײַנען אוועקגעפארן ראטעווען די פארוואונדעטע.

— יא... אזוי... אזוי... אזוינע זאכן, ווײַזט זיך אויס, קאנען פאר־קומען.

נײַן. בא אונדז אין שוואמבראניע וואלט דאס קיינמאל ניט געקאנט זײַן. פאר קיין פאל ניט!

# קריטיק פונ דער וועלט אונ פונ דער אייגענער ביאגראפיע

איניינעם מיט דער וואנט פונ דער בייג־מיל איז אויכ איינגעפאלנ אונדזער גלויבנ אינעם וווילטיק פונעם מעכטיקנ שייוועט דערוואקסענע. אינ זייער וועלט האט זיכ דא אונ דארטנ ארויסגעוויזנ א היפש ביסל פאסקודסטווע. מיר האבנ די וועלט הארב קריטיקירט, מיר האבנ פעסט־געשטעלט, אז:

1. אינ דער וועלט באלעבאטעווענ ניט אלע דערוואקסענע. אינ איר באלעבאטעווענ נאר די, וואס טראגנ קאקארדעס אפ די היט־לענ, גוטע פעלצנ אונ רייניקע קעלנערלעכ. די איבעריקע — אונ זיי זיינענ די מערהייט — רופנ זיכ „ניט פאסיקע באקאנטשאפט“.
אונ זיי וועלנ אויכ מוזנ אנטדעקנ פאר זיכ א וואסער־עס־איז לאנד אזוי ווי אונדזער שוואמבראניע.

2. דער דירעקטער פונ דער בייג־מיל האט דערהארגעט אונ צע־קאליעטשעט פופציק מענטשנ — די, וואס פאסנ ניט פאר קיינ באקאנטשאפט, — אונ איז געבליבנ אומבאשטראפט. די שוואמ־בראנער וואלטנ קיינמאל ניט ארייננעמענ אזא אינ דער שפיל.

3. איכ אונ אסיע טוענ גארנישט (מיר לערנענ זיכ נאר), אונ קראוודישע, אגרעסיווע פלימעניצע, וואשט די דילנ אונ דאס געפעס בא די שכיינים אונ עסט א צוקערקע נאר זונטיק. זי האט גאר קיינ ערד ניט, זי האט קיינ שום שוואמבראניע ניט...

מיר פארענדיקנ אונדזער רעשימע פונעם אלוועלטלעכנ אומ־וווילשטאנד דערמיט, וואס מיר נעמענ אים ארומ מיט א גרויסנ פיגור־קלאמער. דער קלאמער איז ענלעכ אפ א פליענדיקער מעווע. באמ נעזל פונ דער מעווע שטייט א היים אונ פארשטנדיק ווארט: א ו מ־ ג ע ר ע כ ט.

## „מיר זיינענ דעמאקראטנ“

שפעטער האבנ מיר אויכ ארייגעטראגנ אינ רייסטער פונ די אומ־גערעכטיקייטנ אונדזער דערציונג. איצט פארשטיי איכ, אז מע דארפ ניט שטארק זידלענ אונדזערע עלטערנ. זיי זיינענ געווענ ניט מער ווי

מענטשן פון זייער צייט און אַוודאי גאָר ניט פון די ערגסטע. אין דער גרעסטער מערהייט אינטעליגענטישע פאַמיליעס האָט מען די קינ־דער דערצויגן נאָך טויזנט מאָל ערגער. דאָס דעמאָלטיקע נידערטרעכ־טיקע ליבן האָט אונדז פּונקט אַזוי געקאַליעטשעט, ווי אונדזערע עלטערן...

ניט א משיקאַווע זאַך: אונדזערע עלטערן האָבן גערעכנט, אַז זיי זײַ־נען אַפילו ניט פרעמד דעם דעמאָקראַטיזם. צום בײַשפּיל, די קאַליוזשע, וואָס מיר האָבן געמאַכט באַם אַקוואַריום, האָבן מיר אַליין געמוזט אויסווישן. רופן צוליב דעם אַנישקען איז געווען פאַרבאָטן. דער טאַ־טע האָט מיט שמאָלץ גערעדט וועגן דעם צווישן באַקאַנטע. ווײַטער, כדי דערציִען אין אונדז דעמאָקראַטישע געפילן, פלעגט דער טאַטע פאַרטעמען מיט אונדז אַ רײַזע אַן א קאָטשער. מע פלעגט דינגען א טאַראַטײַקע מיט א פערד. מיר פלעגן פאָרן ,,אין פאָלק". דער טאַטע אין א טשעסוטשאַנעם העמדל האָט אַליין אָנגעטריבן די פערד. דער טאַטע פלעגט געשמאַק שרײַען: ,,טפּר-ר-ר", ,,נאָ", ,,הײַ". נאָר אויב אַפן שמאָלן וועג פלעגט זיך פונדערווײַטנס באַווײַזן א יאָסעף-עס-איז געערטע דאַמע, פלעגן אַנטשטיין שוועריקייטן. דער טאַטע פלעגט אונדז בעטן אין פאַרלעגנהייט:

— נו, יאַטן, זינגט עפעס... נאָר הויך... אַז זי זאָל זיך אומקוקן. איך קען דאָך, סאָפּאָקאָלהאַפּ ניט שרײַען צו איר: ,,הײַ, היט זיך"... בײַ־פראַט נאָך, אַז דאָס איז, דאַכט זיך, א באַקאַנטע...

מיר פלעגן זינגען. ווען דאָס פלעגט ניט העלפן און די דאַמע פלעגט ניט אַראָפּגיין פון וועג, דעמאָלט פלעגט דער טאַטע שיקן מיך. איך פלעגן אַראָפּקריכן פון דער טאַראַטײַקע, צוגיין צו דער מאַדאַם און זיך ווענדן צו איר העפלעך:

— מוטע, מאַדאַם... דער טאַטע בעט אײַך א ביסל אָפּרוקן זיך, אַניט קאָנען מיר ניט דורכפאָרן, און מיר קענען אײַך אומגערג צעקוועטשן...

די דאַמע פלעגט זיך געווייניגלעך באַליידיקן. נאָר פון וועג פלעגט זי אַראָפּגיין. געענדיקט האָט זיך דאָס פאָרן אין פאָלק, דער דאָזיקער וועג-דעמאָקראַטיזם מיט דעם, וואָס דער טאַטע האָט אונדז אַלעמען איינמאָל איבערגעקערט אין א גראָבן. פון דעמאָלט אָן האָבן מיר אויפ־געהערט רײַזן.

# די וועלט פון באַלעכײַים

קעדיי איינצופלאנצן אין אונדז א ליבע צו באַלעכײַים און איידעלער מאכן אונדזערע נעשאָמעס, זײַנען אײַנגעשאַפט געוואָרן פארשיידענע פאַרשטייער פון דער באַלעכײַים־וועלט. אויסער קעץ און הינט זײַנען געווען פיש. די פיש האָבן געלעבט אין אקוואַריום. איינמאָל האָט מען באַמערקט, אז די קלייניקע צאָלדענע פישלעך האָבן אָנגעהויבן פארשווינדן וועגן איינס נאָכן אנדערן. נאָכדעם האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אָסיע פלעגט זיי ארויסכאַפן, אראײַנלייגן זיי אין א קעסטעלע פון שוועבעלעך און נאָכדעם באַגראָבן. אים איז זייער נעפעלן געווען דער לעוויע־צערעמאָניאַל. אין הויף האָט מען געפונען א גאַנצן בעסאַלמען פון פיש.

נאָכדעם איז פאָרגעקומען אַן אומאָנגענעמלעכקייט מיט דער קאַץ. די קאַץ האָט מוירעדיק צעדראַפעט אָסיעס הענט: אָסיע האָט מיטן טאַטנס צייןבערשטל גערייניקט דער קאַץ די ציין...

גאָר א טרויעריקע געשיכטע איז פאָרגעקומען מיטן בעקעלע. דאָס בעקעלע האָט דער טאַטע געקויפט ספּעציעל פאַר אונדז. דאָס בעקעלע איז געווען א קליינס, א שווארצס, א קוטשעראַווס. ס'איז געווען ענלעך אָפּ א קאָלנער, וואָס איז אַנטלאָפן פון טאַטנס פעלץ. דער טאַטע האָט עס געבראַכט אין טאַסט־צימער. די דינינקע פיסלעך כונעם בעקעלע זײַנען זיך צעפּאָרן אַפן לינאָלעום.

— אָט — האָט געזאָגט דער טאַטע — דאָס איז פאַר אײַך! נאָר וועט עס גוט אָפּהיטן.

דאָס בעקעלע האָט אָפּ דעם געענטפערט „בע־ע־ע" און באַלד אָנגעשאָטן „צעדער־ניסלעך" אָפן טעפּיך. נאָכדעם האָט עס ארומגעהרוישעט די אטלאַסענע טאַפּעטן אין קאבינעט און האָט נאָך געמאַכט דעם פּאַטעל. צום גליק איז דער טאַטע און דער צײַט (נאָכן וואַרמעס) געשלאָפן און האָט דאָס אַלץ ניט געזען. מיר האָבן זיך א ביסל נעפאָרעט מיטן פרייעלעכן בעקעלע. נאָר גיך איז דאָס אונדז נימעס געוואָרן, און מיר האָבן פאַרגעסן אַן אונדזער קאַהאַקולענעם כאַווער. דאָס בעקעלע איז ערגעץ פאַרשוווּנדן. אין א שאָ ארום האָבן זיך אין פוסטן גאַסט־צימער דערהערט הילכיקע אראָדן פון דער פּיאַנינע. דאָס איז דאָס בעקעלע ארופגעשפּרונגען אָפּ די קלאַווישן. דער טאַטע האָט זיך פון דעם אויפגעכאַפּט און האָט זיך גענומען אײַלן און שפּי-

מאָל. ניט אָנצינדנדיק קיין פייער, האָט ער אין דער פינצטערנייש ארופגעצויגן די הויזן און גענעצטדיק איז ער ארויסגעגאַנגען אין עס־צימער. פון שרעק האָבן מיר זיך ביידע גלייך אוועקגעזעצט אַף איין בוינקל. די מאַמע האָט א פליעסקע געטאָן מיט די הענט. דער טאַטע האָט א קוק געטאָן אַראָפּ און איז פאַרציטערט געוואָרן... אין הויז איז אים דערגאַנגען נאָר ביז די קני. צעהרייזעטע, נאַסע און אויס־געשמירטע שטיקער שמאַטעס זיינען געהאָנגען אַף דעם פּוס... אָט ווהין ס'איז פאַרפאַלן געוואָרן דאָס בעקעלע.

דעם זעלבן אָוונט האָט מען דאָס בעקעלע אָפּגעפירט צוריק צום באַלעבאָס.

## פון א פיין הויז

מ'האָט אונדז אויך געלערנט גוטע מאַנירן. פריער פון אַלץ איז פאַרבאָטן געוואָרן דריגען מיט די פיס און פלוידערן באַם וואַרמעס. שווייגן באַם עסן — דאָס האָט מען שטאַרק געשעצט. דער טאַטע האָט באַשטימט א פרעמיע: א גריוועניק פאַר א שטילן וואַרמעס. דער טאַטע האָט פאַרזיכערט, אז ער וועט פון דעם ניט אָרעמער ווערן. דער טאַטע האָט קיין טאָעם ניט געהאַט. קיינער פון אונדז האָט קיינמאָל ניט פאַרדינט קיין גריוועניק.

מע האָט אונדז אויך געפרוווט דערציִען מיט פרעמדע געדונגענע הענט. מע האָט געדונגען א באָנע פון א „פיין הויז". מ'האָט זי גערופן אווגוסטע קאַרלאָוונע. אזא בייזע מאַכשייפע האָב איך מער ניט באַגעגנט. מיך האָט זי פיינט באַקומען פון אָנהייב אָן, און מיר איז זי דערווידער געוואָרן ביז גאָר.

— נו־ן — האָט זי מיך גערייצט — אָט בין איך צו יידן אייך אריינ־געפאַלן. אזוי, אזוי, א גוטע ראַסע... דו ווייסט, אז דיינע אורעלטערן האָבן קריסטוסן צום צײלעם צוגעקלאַפּט. גאָט האָט אייער ראַסע פאַר־שאָלטן, און דיר וועט א מויז אַף יענער וועלט אויסעסן דעם בייך. אזוי... דו ווייסט, ווי מע רופט אייך? זשידעס, רופט מען אייך... יאָ.

— איר זייט א יודאָפאָבקע * און א נאַר — האָב איך געזאָגט איר ניט וויינענדיק — אַנושקע זאָגט אויך, אז איר... זייט אַן אַלטע יענטע... אָט. און טאָמער וועט איר נאָבאַמאָל... וועל איך זיך דעמלט קלאָגן פאַר דער מאַמען.

* אנטיסעמיטקע.

— אוואַרע, אוואַרע, — האָט געזאָגט אויגוסטע קאַראָלינאַ — גיי, גיי, קלאָג זיך, גיב איבער. יעדע דער פּאַרטער איז אויך געווען פון איטערע.

איך האָב זיך ניט געקאָנט גיין קלאָגן. פּלעג איך זוינען באַנאַכט. די באַלייזדיקונג האָט מיר געפּרעסט די געדערים, ווי די מויז, וואָס די באָבע האָט מיר צוגעזאָגט אין געגעם. א פּלאַן פון געקאַמע איז גרייט געוואָרן. ווען די באָבע איז איינמאָל אַרײַן אין קינדערצימער, האָט איר א קלאַפּ געטאָן איבערן קאָפּ די באַרשט. די באַרשט האָט זיך געהאַלטן אָפּ דער טיר. אין דעם זעלבן מאָמענט האָבן א קלונג געטאָן די גלעקלעך פון די צוגעבונדענע לייצעס, און דאָס נאַכט-טעפּל דאָס איר א בלענד געטאָן סאַמע בא דער נאָז, ווי א בלווער מעטעאָר. דאָס טעפּל האָט זיך געוויגט אונטער דער ליכטערע... נאָך דעם איז געווען א סקאַנדאַל. איך האָב געמוזט זיצן אין „אַפּטייקל". אָבער אַלץ איז קלאָר געוואָרן. אַנושקע איז אַוועק נאָך א פּורמאַן. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט געזעגענען זיך מיט אייניקטע.

## ארום אונדז

דער טאַטע און די מאַמע האָבן געאַרבעט פון אינדערפֿרי ביז אָפּדערנאַכט. און מיר זײַנען געוואַקסן — דער עמעס זאָגנדיק — גלענצנדיקע ליידיקגייער. אונדז האָט מען אײַנגעאָרדנט א קלאַסישע „גאָלדענע יוגנטהײַט" מיט אידעאַלן אויסגעלייענטע פון א ביכל פון דער „גאָלדענער ביבליאָטעק". מיר האָבן געהאַט א באַזונדער צימער פאַר גימנאַסטיק, קינדערישע צונג, אויטאָמאָבילן און דאַמפּערס. מ'האָט אונדז געלערנט שפּראַכן, מוזיק און מאָלן... מיר האָבן געוואוסט אָפּ אויסווייז ניק די מײַסעלעך פון די ברידער גרים, די גריכישע מיטאָלאָגיע און די היסטאָרישע בילינעס. נאָר אַלץ איז פאַר מיר בלאָז געוואָרן, ווען כ'האָב איבערגעלייענט עפּעס א ביכל, וואָס האָט זיך אָנגערופן, ווי מיר דוכט, „ארום אונדז". אינעם ביכל איז זייער פּאָשעט געווען באַשריבן ווי מען באַקט ברויט, ווי מע מאַכט עסיק, ציגל, ווי מע גיסט שטאָל, ווי מע גאַרבט לעדער. דאָס דאָזיקע ביכל האָט אויפגעדעקט פאַר מיר די קאָמפּליצירטע און מיסטישע וועלט פון זאַכן און פון די מענטשן, וואָס מאַכן די זאַכן.

די זאַלצ אסן טיש איז דורכגענאַנגען דורך דער גראַדירגיע, דאָס

מיטגענומענע טעפל מיטנ באָרשט — דורכ דער ראָמענ. די שיכ, די שאָלנ, די שער, דאָס פענצטער, די לאָקאָמאָטיווג, בייי — דאָס אַלצ, וואָס זיכ ארויס, האָט דערפונענ, ארויסבאקומענ אונ געמאכט די גרויסע קונציקע מענטשלעכע ארבעט. די דערציילונג יענג דעמ שאָפּנ־פּעלצל איז געווענ א כאַב אינטערעסאנטער אײדער דער מיטאָס וועגנ דער גאָלדענער פעל. מיר האָט זיכ שרעקלעכ פארוואָלט אליינ מאכנ געניטיקע זאכנ. נאָר די אלטע ביכער אונ די לערער, וואָס האָבנ באגײַסטערט געראַנגט וועגנ געקרוינטע העלדנ, האָבנ גארנישט דערציילט וועגנ מענטשנ, וואָס מאכנ זאכנ. פונ אונדז האָט מענ דערציילנ אָדער לידיקייטנ, אומבאהאָלפענע מויגעניכצנ, אָדער א גערוועדיקע קאָמטע פּנישטערער — מענטשנ פונ „רייִנער גײַסטיקער ארבעט". עמעצ, מע פלעגט אונדז אפּט שענקענ קוביקעס אונ קליינע ציגל אינ מע פלעגט אונדז פארליינג מאכנ א מינ געבעבדיקע ענלעכקײַט פונ מאשינעס. די ענערגיע האָט געזוכט אנ אויסוועג. מיר האָבנ אויסגעקאַמעדירט די פּראַשינעס פונ די דייאנעס, דערלערנענדיק דעמ ווירקלעכנ געביי פונ די זאכנ, אונ האָבנ באקומענ דערפאר גרויסארטיקע פעטש".

מיר האָבנ אפילע מעקאנע געווענ איינעמ פּעקטיסטיקע, דעמ בלעבערס ראבנ שילער. פּעקטיסטיקע האָט אונדז ניט געקאנט אנדערנ פאר אונדזערע קורצע הויזנ. עמעס, ער איז געווענ אנ אנאלפאבעט, דערפאר אבער האָט ער געמאכט עמעצע עמערס, עבטע קווערטלעכ, ריאַלע שייפלנ, טאָצנ, וואנעס. נאָר איינמאָל, בײַסנ באַרנ זיכ, האָט אונדז פּעקטיסטיקע באוויזנ אפּ זײַנע געלויכטיקנ ליבנ ריאלע בלויע ווענדנ, עמעצע ווינדנ, ווירקלעכע סימפּטאָמ פונ דער הארבער לער פונ זײַנ בייזנ באלעבאָס. דער בלעבער האָט געשלאגנ פּעקטיסטיקענ. ער האָט געצווונגענ דאָס יינגעלע ארבעטנ א גאנצנ טאָג, ער האָט אימ געקאָרמעט מיט פארשיידענע אָפּפאל־פּראָדוקטנ, אונ שלאָגנדיק פּעקטיסטיקענ איבערנ מאָגנדוקנ, האָט ער אימ מיט די פויסטנ אײַנגעקלאפּט זײַנ בלעבערישע טירע...

## פילאָסאָפיע אונ האנטווערקערײַ

מיר האָבנ איבגעהערט מעראנגע זײַנ פּעקטיסטיקענ. פאינלעכע געדאנקענ זײַנענ אײַנגעדרונגענ אינ אונדזערע קעפּ. מענטשנ פונ גײַסטיקער ארבעט האָבנ זיכ אונטערגעוואָרפנ די זאכנ אינ האָבנ גארנישט געקאנט

מאַכן מיט זיי. און מענטשן — די מײַסטערס זײַנען געווען דערשראָקן און האָבן אַליין קיין זאַכן ניט געהאַט.

ווען אין אונדזער ווינקל פֿלעגט פֿאַרמיסטיקט ווערן דער קלאָזעט, אָדער דער שלאָס פֿון בופֿעט פֿלעגט פֿאַרקלעמען דעם שליסל, אָדער ווען מע פֿלעגט דאַרפֿן אָפּרוקן די פּיאַנינע אין פֿאַריכטן די עלעקטרע־באַלײַכטונג, פֿלעגט מען אַראָפּשיקן אונדזערע אין קעלער־שטוב, וווּ ס'האָט געוווינט אַן אַרבעטער פֿון אונזבאַנדעפּאָ, ס'זאָל קומען שמעצער. שמעצער פֿלעגט קומען. און די זאַכן פֿלעגן אים פֿאָלגן. די פּיאַנינע פֿלעגט מען אָפּטראָגן אין דער נייטיקער ריכטונג. דער פֿאַריכטעטער שאַלטער פֿלעגט אַנציקט קנאַקן מיטן ציגל פֿון קאָנטאַקט. די קאַנאַליזאַציע פֿלעגט זיך אויסהוסטן, און דער שלאָס פֿון בופֿעט פֿלעגט באַפֿרײַען דעם שליסל־באָרד. די מאַמע פֿלעגט זאָגן: „גאָלדענע הענט" און — פֿלעגט נאָכדעם איבערציילן אין בופֿעט די זילבערנע לעפֿלען...

דערנאָך, ווען די אײַנוווינער פֿון קעלער־שטוב פֿלעגן דאַרפֿן שרײַבן אַ בריוו אין דאָרף אַרײַן, פֿלעגן זיי אַנקומען צו אונדז אַרויף. און ווען עס זענען זיי אונטער זייער דיקטאַנט געבליבן פֿאַרשריבן „און די ערשטע שורות" די גריסן צו זייערע צענדליקער טאַטעס, מאַמעס, באָבעס, זיידעס, שוועסטער און שוואָגער, פֿלעגן זיי זיך וווּנדערן אויף קול:

— אָט דאָס הייסט טויגן! וואָס איז אונדזער האַנטוועריק — הוילע פֿינצטערניש. אָן פֿאַרשטאַנד.

אין האַרצן אָבער האָבן די ביידע גאָר ניט געקאָנט אָנקוקן איינער דעם אַנדערן.

— איך מיר אַ קונץ! — פֿלעגט זאָגן דער טאַטע באַליידיקט — פֿאַריכטן דעם קלאָזעט... די מאַכן אַן אָפּעראַציע, מאַכן, ציינביישפּיל, אַ טרעפּאַנאַציע פֿון אַ שאַרבן.

און איינער האָט מען געטראַכט.

— דו וואָלסט אַ פּרוּוו געטאָן קריכן אַף אַלע פֿיר אינמיטן צוגס. איך מיר אַן אַרבעט קריכן מיט דער פּען!..

צווישן אונדז און דער קעלער־שטוב זענען געווען אויך באַציונגען. ווי אין דעם באַוווּסטן מעשהלע וועגן דעם בלינדן וואַנדערער און זײַן זעענדיקן לאַמען פֿרײַנט. אַף זייער קעגנזײַטיקער פֿײַנרעכער אָפּהענגיקייט האָט זיך געהאַלטן זייער צווייפֿלהאַפֿטע פֿרײַנטשאַפֿט. דער בלינדער פֿלעגט טראָגן אַף זיך זײַן באַוועג. דער לאַמער, זיצנדיק אַף די אַקסלען פֿון זײַן פֿרײַנט, פֿלעגט באַטראַכטן דעם אַרום און אָנווײַזן

דעם קורס און קאָמאַנדעווען. פֿונדעסטוועגן האָבן אַלע מענטשן פֿון דער גרופּע „ניט פּאָסיקע באַקאַנטשאַפֿט" געקענט אַליין מאַכן זאַכן. ס'קאָן זײַן, אַז זיי וואָלטן אַפֿילו אויך געקענט אויסלערנען, נאָר... אונדז האָט [illegible] געגרייט פֿאַר „מענטשן פֿון ריינער גײַסטיקער אַרבעט". — האָבן ב[illegible] יערפֿאַר געמוזט קלעפּן פֿון די אומזיסטיקע בײַלאַגעס צו די זשור-נאַ[illegible] לעבנלאָזע מאָדעלן פֿון זאַכן, קאַרטאָנענע שיפֿן, פּאַפּירענע זאַ-וואָגן טרייסטנדיק זיך דערמיט, וואָס אַפֿן קאָנטינענט פֿונעם גרויסן צאָג קענען אַלע אינזשעניעריגער פֿון קליין ביז גרויס ניט נאָר לייענען אָס אויסנווייניק מיטסעלעך, נאָר אויך אײַנבינדן זיי... אָבער שוואַמבראַניע איז דאָך געווען ניט מער ווי אַ שפּיל-מאָדעל פֿון דער וווּנדערלעכער וועלט.

## גאָט און אָסיע

אָסיע איז געווען אַ וווּנדערלעכער פּלאָנטער-קאָפּ. ער האָט זיך גאָר פֿרי אויסגעלערנט לייענען, און צו פֿיר יאָר האָט ער שוין פֿאַרנעדענקט, וואָס איר ווילט, פֿון די שילדן ביז דער מעדיצינישער ענציקלאָפּעדיע... אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלייענט, האָט ער פֿאַרגעדענקט, און דערפֿאַר איז אין זײַן קאָפּ געווען אַן עמעסער מישמאַש: ניט פֿאַרשטענדלעכע און נײַע ווערטער פֿלעגט ער שרעקלעך איבערדרייען. ווען אָסיע פֿלעגט ריידן, פֿלעגן זיך אַלע קאַטשען פֿון געלעכטער. ער פֿלעגט פּלאָנטערן פּאָמידאָרן מיט פּיראַמידעס. איינמאָל, בעטנדיק די מאַמע אָנשמירן אים פּוטערברויט, האָט אָסיע געזאָגט:

— מאַמע, שמיר מיר אָן אַ בראָמאָפּוטער...

— גאָט מײַנער — האָט די מאַמע געזאָגט — ס'איז עפּעס אַ וווּנ-דערקינד!

אין אַ טאָג אַרום האָט אָסיע געזאָגט:

— מאַמע, אין קאָנטאָר איז אויך פֿאַראַן אַ וווּנדערקינד, אַז אים קלאַפּט מען און מע דרוקט.

דאָס האָט ער 'צונויפֿגעפּלאָנטערט וווּנדערקינד מיט אונדערוווד*. נאָר ער האָט אויך געהאַט ריכטיקע באַגריפֿן און אָנשווּנגען. איינמאָל האָט אים די מאַמע איבערגעלייענט די באַרימטע מוסער-דערציילונג וועגן אַ יונגטלעכן, וואָס האָט זיך געפֿוילט אײַנצובייגן זיך נאָך אַ פֿעדער-

---

* אַ ניסטעם שרײַב-מאַשינקעס.

קאַווע אונ האָט נאָכדעמ געמוזט צונויפקלײַבנ פונ וועג די בלומענ, וועלכע זײַנ פאָטער האָט בעקיווּנ געוואָרפנ אפ דער ערד.

— האָסט פאַרשטאַנענ דעמ טאָג דערפונ? — האָט געפרעגט די מאַמע.

— פאַרשטאַנענ — האָט געזאָגט אָסיע — דאָס איז וועגנ דעמ, אַז מע טאָר ניט עסנ קיינ ניט געוואַשענע פאַרשטויבטע יאַגעדעס...

אַלע מענטשנ האָט אָסיע געהאַלטנ פאַר זײַנע אַלטע באַקאַנטע. ער האָט געקאָנט מיט יעדערנ אינ גאַס פאַרפירנ א געשפרעכ, פאַרטומלענ־דיק זיי מיט די סאַמע אומבאַגרײַפלעכע פראַגנ.

איינמאָל האָב איכ אימ איבערגעלאָזנ אַליינ אינ פאָלקסגאָרטנ זיכ שפּילנ. אָסיע האָט צופעליק פאַרוואָרפנ די פּילקע אינ קלומבע. ער האָט זי געוואָלט אַרויסנעמענ אינ, טרעטנדיק איבער די קווייטנ, האָט ער פּלוצעמ דערזענ א ברעטעלע: „דאָס גראָז ניט טרעטנ". ער האָט זיכ דערשראָקנ. דעמאָלט האָט אָסיע באַשטימט זיכ ווענדנ נאָכ זײַטיקער הילפ. אינ דער טיפעניש פונ דער אַליי, מיטנ רוקנ צו אָסיענ, איז געזעסנ א הויכע שוואַרצע דאַמע. פונ אונטער דער שטרויענער הוט זײַנענ אירע לאַנגע קרײַזלעכ געפאַלנ אפ די אַקסלענ.

— מײַנ פּילקע איז פאַרשפּרונגענ. ווג „קווייטנ ניט רײַסנ" — האָט געזאָגט אָסיע דער דאַמע אינ רוקנ אַרײַנ.

די דאַמע האָט זיכ אויסגעדרייט אונ אָסיע האָט מיט שרעק באַמערקט, אַז בא איר איז א געדיכטע באָרד. אָסיע האָט פאַרגעסנ אָנ דער פּילקע.

— מומע! — האָט ער געפרעגט — מומע! פאַרוואָס האָט איר א באָרד?

— איכ בינ דענ א מומע? — האָט מיט א צערטלעכ באַסאָווע קאָל געזאָגט די דאַמע — איכ בינ דאָכ א גאַלעכ, א נײַסטלעכער.

— א גאַסנ־לײַכטער? — האָט אָסקע געזאָגט מיט אומצוטרוי — איז פאַרוואָס־זשע טראָגט איר א קליידל? — ער האָט זיכ פאָרגעשטעלט, ווי אומבאַקוועמ עס מוז זײַנ צו קריכנ אינ אַזא לאַנג קליידל צי באַ־לײַכטנ די גאַסנ.

— ס'איז ניט קיינ קליידל — האָט געענטפערט דער גאַלעכ — ס'איז א ריאַסע. איכ בינ געקליידעט לויט מײַנ אַמט. א פּאַטער בינ איכ. פאַרשטאַנענ?

— באַלד — האָט געזאָגט אָסיע, זיכ דערמאָנענדיק אינ עפּעס — איר

זײט א פאטערל, זינ א מאמעלע איז אויכ פאראנ. אינ גראמאפאנ איז פאראנ אזא מוזיק: פאטערלעכ־מאמעלעכ...

— אוי, הו, שקאצ איינער — האט זיכ צעלאכט דער גאלעכ — ביכט ניט קיינ קריכט, יאָנ? ווער איז דאָס דיינ טאטע? אב, א דאָקטער...

יא, יאָ, כ׳פארשטיי... א ייד הייסט עס.. וועגנ גאָט ווייסטו?

— כ׳ווייס — האט געענטפערט אָסיע — גאָט הענגט בא אנוישקעג אינ קיכ... אינ ווינקל... יעצט קריכט ער איז זיינ פאמיליע...

— גאָט איז אומעטומ, — האט שטרענג געזאָגט דער גאלעכ — אינ דער הוים, אינ פעלד אונ אינ כאָד — אומעטומ. אט רייד‌נ מיר איצט צווישנ זיכ, אונ גאָט הערט אונדז... ער איז שטענדיק מיט אונדז.

אָסיע האט א קוק געטאָנ ארומ אונ ארומ, נאָר גאָט האט ער ניט דערזענ. אָסיע האט באשלאָסנ, אז דער גאלעכ שפילט מיט אים אינ עפעס א נייער שפיל.

— גאָט איז אפדערעמיטנ, צי נאָר אזוי זיכ? — האט ער געפרעגט.

— נו, באטראכט אליינ, נו, ווער האט עס אלץ געמאכט? — האט געפרעגט בא אים דער גאלעכ, אנווייזנדיק אפ די קוויטנ.

— אפ מיינ ערנוואָרט, ניט איכ. אזוי איז געווענ — האט זיכ אָסיע דערשראָקנ, מיינענדיק, אז דער גאלעכ האט באמערקט די צעטראָטענע קוויטנ.

— גאָט האט דאס אלץ באשאפנ — האט פארגעזעצט דער גאלעכ.

אונ אָסיע האט א טראכט געטאָנ: „גאָט, זאל ער מיינענ, אז כ׳איז גאָט, — אבי ניט איכ".

— דיכ אליינ האט אויכ גאָט באשאפנ — האט דער גאלעכ געזאָגט.

— ניט עמעס, — האט געזאָגט אָסיע — מיכ האט די מאמע באשאפנ.

— אונ די מאמע ווער?

— איר מאמע, די באָבע!

— אונ די סאמע ערשטע מאמע?

— זי איז אליינ ארויס — האט אָסיע געזאָגט (איכ האָב שוינ מיט אים געלייענט קולטור־געשיכטע), — צו ביסלעכווייז, פונ א מאלפע.

— אוכ — האט געזאָגט דער פארשוויצטער גאלעכ — אונ אומ־ערהערטע, אונ אומגעזעצלעכע דערציונג, מע פארדארבט די קינדער.

אונ ער איז אוועק שטויבנדיק מיט דער ריאסע.

אָסיע האט מיר גענוי איבערגעגעבנ זיינ גאנצנ דיספוט מיטנ גאלעכ

— אזא קאַמישער — האָט זיכ דערמאָנט אָסיע — ער טראָגט א קליידל, האָט א באָרד.

אונדזער פאַמיליע איז געווענ קימאַט אַן אַפּיקאָרסישע. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער צווייפלט, צי ס'איז פאַראַנ א גאָט, און די מאַמע האָט געזאָגט, אַז גאָט — דאָס איז די נאַטור, נאָר ער קאָנ באַשטראָפנ. גאָט איז אַמאָל אויפגעקומענ אינ באַנאַכטיקנ געוויינ פונ דער ניאַנקע, נאָכדעם איז ער אַרײנ אינ שטוב דורכ דער שוואַכ פאַרמאַכטער קיכ־טיר. גאָט איז באַשטאַנענ פונ אַנ אייל־לעמפּל, פונ גלאָקנ־קלאַנג און אַנ אי־קאָנע, פונ געשמאַקנ רייעכ־האַקוידעש, וואָס האָט זיכ געטראָגנ פונ די פרישע פייכטיקע קוילעטשנ. און אַמאָל פלעגט ער מיט זיכ פאָרשטעלנ עפּעס א ווייטע בייזע קראַפט, וואָס האָט געוואוינט אינ הימל און נאָכגעשפּירט, צי ס'איז אַנ אַווירע, צי ניט קיינ אַווירע אַרויסצושטעלנ א צונג דער מאַמענ. אינ בוכ „מיינ ערשטע הייליקע געשיכטע" איז געווענ א בילדל, ווו גאָט איז געזעסנ אויפ א הויכ און האָט באַשאַפנ די גאַנצע וועלט אויפ דער ערשטער זייט. נאָר דאָס ערשטע ביכל פונ נאַטורוויסנשאַפט האָט צעווייעט דעם רויכ. און גאָט האָט מער ניט געהאַט אויפ וואָס צו זיצנ.

## די הימלישע שוואַמבראַניע

ס'איז נאָכ איבערגעבליבנ עפּעס א הימליש קיניגרייכ. ווענ עס פלעגנ קומענ אָרעמעלייט און אַנשיקעס פלעגט זי זאָגנ „נעמט ניט פאַר איבל", פלעגט זי טרייסטנ אַז ווי אַז זיכ, אַז אַלע אָרעמע, אַלע קאַפּצאַנים, און וועמענ ס'איז אַלע, וואָס פאַלנ ניט פאַר אונדזער באַקאַנטשאַפט, וועלנ אַרײנפאַלנ נאָכ דער טויט אינעם הימלישנ קיניגרייכ און וועלנ זיכ דאָרטנ מעסטנ זיכ אינעם גאַניידנ־עדל.

איינמאָל האָב איכ מיט אָסיען באַשטימט, אַז מיר וועלנ שוינ אַריינ־פאַרנ אינ אזא מינ הימלישנ קיניגרייכ. אונדזער שווייניע, די ריינסטע מאַריניע, האָט באַדאַרפט געהאַט. איר כאַטשע איז פאַרגעקומענ אינ טראַנסקעד קריכנטער. אַנישקע האָט אינגאַנצנ מיטגענומענ מיט זיכ.

אינ קריכנטער איז געווענ שיינ, ווי אינ שוואַמבראַניע. ס'האָט גאַנצ ניט געשטערט. אַרומ זיינענ געווענ אָנגעטאָנענע מאַראַבינ און פּאַרטיי־ענע אַרטיסטנ. זיי זיינענ געווענ אַרומגעריינט מיט געשטעלנ בכאַרעכ. באַמבע און הייכנ איז געווענ טאָג, האָט דאָ געברענט ליכט. און אַלע.

קיניג־ הימליש עמעס אַן אין ווי געווען זײַנען קאַפּצאָנים און מעליכט
רײַך. און אַלע האָבן זיך געצײַלעמט.
נאָכדעם איז אַרום דער היפּש־גאַנצער און האָט אָנגעהויבן פאַר־
שטעלן, אַז ער איז קלויסטער נאָך. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ
גרויס גאָלדן העמד, און איבערן קאָפּ האָט ער אויך אָנגעטאָן
עפּעס אַ לאַנג גאָלד־סיצל, אויך אַ גאָלדנס. ער איז געבליבן שטיין
פאַר אַ טומבעטשקע, וואָס איז געווען אַזוי ווי אַ נאַכטטישל. פאַר
דער טומבעטשקע האָט מען אויסגעבעט אַ לײַלעך. מאַרישע, די גאַנצע
אין קווייטן, ווי אַ פּרינצעסן, איז אויך באַנאַנד מיט איר כאָסן זיך
צינויפגעריידן פאַר טרעפן זיך, פּונקט ווי מיר, ווען מיר שפּילן זיך טרע־
פעניש. זיי האָבן זיך פּאַמעלעך געשטעלט מיט די פּיס אויפן לײַלעך. מיר
האָבן ניט געהערט וועגן וואָס זיי האָבן גערעדט מיטן גאַלעך, נאָר עפּיס
האָט אונדז פאַרדריסן, אַז זיי פאַרטרעפן, און איצטער פרעגן זיי באָס
גאַלעך — אַ קאַסטן מיט געלט צו אַ גאָלדענער ברעג! און נאָכדעם זאָל
דער גאַלעך האָבן געזאָגט „אהו" און מאַרישע האָט געזאָגט „איך קאָן
ניט". דער גאַלעך האָט געזאָגט דעם כאָסן — „צעלאָז זיך", און דער
כאָסן — „איך וויל ניט". מאַרישע האָט אַ ביסעלע געוויינט.
— אָט אַ נאַר — האָט עפּיס געזאָגט — צו וואָס דאַרף מען? ס'איז
דאָך אָפּצופּלײַסן.
נאָכדעם האָבן זיי אָנגעהויבן שפּילן אין רינגעלעך, און ווען זיי האָבן
זיך געהייסן באַזעצן, האָט דער גאַלעך געהייסן זיך פּעסט האַלטן בײַ די הענט.
מיר האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן שפּילן אין אַ „רעדל", נאָר דער
גאַלעך האָט זיי אָנגעהויבן פירן אַרום דער טומבעטשקע. דער כאָ־
האָט געזונגען עפּעס ניט פאַרשטענדלעכס, נאָר אונדז האָט זיך איבערגעחזרט
„ליבכט וועמען, ניט אַ קוש, אַ־לי־לוליע, ניט אַ קוש". מאַרישע האָט
אויסגעקליבן איר כאָסן און זיי האָבן זיך צעקושט...
נאָכן באַזוכן דעם קלויסטער האָבן מיר באַשלאָסן, אַז דאָס הימלי־
שע קיניגרײַך — דאָס איז אַזאַ שוואַמבראַניע, וואָס די דערוואַקסענע
האָבן אויסגעטראַכט פאַר די אַרעמעלײַט.
אין אונדזער שוואַמבראַניע האָב איך אײַנגעפירט ניסטלעכע ניט
צוליב ציירונג, נאָר מער צוליב גלעכטער. דער הויכט־קאַלען פון שוואַמ־
בראַניע איז געווען דער פּאַטריאַרך העמאַטאָגען. דאָס האָט דערמאָנט
אָן דעם פּאַטריאַרך גערמאָגען. אויסער דעם האָט זיך געמאָטאָגען גערופן
די קלעפּיקע פּריקרע מיקסטור, מיט וועלכער מע האָט אונדז געשטאָפּט...

# די פאָקראָווסקער סאנדריליאָנע

די מייסעלעכ פלעגנ זיכ אויסלאָזנ מיט א גוטנ סאָפ. קעכנס פלעגנ ווערנ פרינצעסנ, אײַנגעשלעפערטע שיינהייטנ פלעגנ זיכ אויפכאפנ, מאכשייפעס פלעגנ אומקומענ, קלוגע־דרייסטע יעסוימימ פלעגנ געפינענ זייערע עלטערנ... אפנ לעצטנ זייטל פלעגט מענ שפילנ א כאסענע, מעד איז ביר פלעגט זיכ דאָרטנ גיסנ אונ קיינער פלעגט ניט געניסנ.

אינ שוואמבראניע, אינעמ האלב־פאנטאסטישנ לאנד, האָט אלצ זאכנ באשיינט אונ געקריינט — דער גוטער סאָפ. אונ מיר זענענ געקומענ צומ אויספיר, אז די מענטשנ וואלטנ געלעבט א סאכ בעסער אונ גליקלעכער, ווענ זיי וואלטנ זיכ געשפילט אינ א מייסעלע, ווי מיר. נאָר ס'האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז מייסעלעכ לאָזנ זיכ אויס גוט נאָר אינ די ביכלעכ. אינ דער ווירקלעכקייט האָט אפילע דאָס מייסעלע געהאט א ניט קיינ אָנגענעמענ סאָפ. אונ אינעמ סאָפ פונ דעמ ווירקלעכנ מייסעלע, אינ וועלכנ ס'האבנ געפראוועט א שפיל טאָג אנדערע ארומיקע מענטשנ, איז ניט געווענ קיינ מעד, נאָר עס האָט זיכ באוויזנ דער גאראדאָוווי.

ווער ווייסט דענ ניט דאָס מייסעלע וועגנ דער אָרעמער שטיפ־טאָכטער מיטנ נאָמענ סאנדריליאָנא, וועגנ איר בייזער שטיפמאמע, דער עקספלואטאטערנ?.. ווער האָט ניט געהערט וועגנ די טויבנ, וואָס האָבנ אויסגעפיקט די גאנצע הרעטשקע פונעמ קריגל מיט אש, וועגנ דער גוטער פייע, ווי זי האָט געקראָגנ פאר דער סאנדרי א קאָנטראמארקע אפנ באל אונ וועגנ דער טופליע, וואָס איז פארלאָרנ געוואָרנ אינ פאלאצ? נאָר ס'א פראגע, צי עמעצער ווייס, אז דאָס מייסעלע וועגנ דער סאנדריליאָנע איז פארשריבנ אינעמ אלטנ קאָנדויט־זשורנאל פונ דער פאָקראָווסקער מענער־גימנאזיע.

דער אויפזעער פונ דער פאָקראָווסקער גימנאזיע צאפ־צאראפיטש האָט באשריבנ אפ די זייטנ פונעמ קאָנדויט א גאנצנ וואריאנט פונ דער דאָזיקער אומשטערבלעכער געשיכטע. נאָר צאפ־צאראפיטש איז געווענ קורצ אונ שארפ. דעריבער וועט מיר אליינ אויסקומענ דערציילנ וועגנ דער פאָקראָווסקער סאנדריליאָנע.

גערופנ האָט מענ זי מארפושע, געווענ איז זי א דינסט־מיידל, צימער־וועליקע האָט זי געדינט בא אונדז אינ האָט געליבנ פאָסט־מארקעס.

# געשטעמפלטע אָדלערס

חיַיטע שטעט און לענדער. אונטער
מאַרקעס פלעגנ אַנקומענ פונ
זיי, אינ די קאָנווערטנ, זיַינענ געווענ אריַינגעלייגט גרוסנ אינ די שורע־
לעכ, מוידאָעס, ביטעס, דאנקענ, די נײַסטע רעפּועס פאַר מעדידנ אונ
אנדערע קרענק. דעמ טאטנ (אלס א דאָקטער) פלעגנ די אויסלענדישע
פירמעס שיקנ רעקלאַמע־פּראָספּעקטנ פונ פאטענטירטע מעדיקאמענטנ.
נאָר מאַרפּושענ האָט נית אינטערעסירט דער אינהאלט פונ די קאָנווערטנ.
זי פלעגט נאָר אראָפּריַיסנ פונ זיי די מאַרקעס אונ נאָכדעמ אריַינוואַרפנ
די קאָנווערטנ. איינעמ געקאָוועטנ קאסטנ אונטער מאַרפּושעס בעט זיַינענ
הונדערטער מאַרקעס געלעגנ איינגעסאָרטירט אינ פאפּיראָסנ־פודעלעכ.
די קאָנווערטנ פלעג איכ מיטנ ברודערל צערײַסטעלנ אינ קיב. אפנ
באָדנ פונ פילאטעליע איז פאַרשטאַרקט געוואָרנ אונדזער פריַינטשאפט
מיט מאַרפּושענ. מיר האָבנ געוווּסט אלע אירע סודעס. מיר האָבנ גע־
וווּסט, אז דער פודמאנ פונעמ טאטנס שפּיטאָל איז מאַרפּושעס סימפּאַ־
טיע אונ אז דער אָנגעשטעלטער פונעמ אפּטייק־מאגאזינ איז גלאט א
גאָרנישט אונ א גרויסהאלטער, וויַיל ער רייצט מאַרפּושענ, רופנדיק
זי „מעטלאמאָרפאָזע”... מיר האָבנ זיכ אויכ דערוווּסט, אז אויכ א
מענטשנ גיט א נימ, דאַרפ מענ אימ באלד טאקע זאָגנ: „אפּ־טשכי”,
א ששעבעלע אינ נאָז, א ביסל גראָז, א שליסל פונ שלאָס, ס'זאָל קיצ־
לענ אינ נאָז; נימ אפנ ווינט. די קישקעס פונ הינד, די קישקעס אינ
רויב, אינ שלייעס דער בייב. אלע... אופ! אינ די אפדערנאכטנ פלעגט
מאַרפּושע עפענענ דעמ קאסטנ אונ דערלויבנ אונדז באטראכטנ אירע
רייַכטימער. דאָ זיַינענ געווענ גאנצע קאָמפּלעקטנ פונ פעטערס די גרויסע
אונ אנדערע מאָנארכנ. די קייסאָרימ אלעקסאנדערס זיַינענ צוגעפּאַנ־
באַרמירט געוואָרנ לויט די נומערנ I, II אונ III, אפ די קייסערישע
נעוער זיַינענ געשטאנענ געשטעמפּלטע דאטעס. די געשטעמפּלטע אָד־
לערס האָבנ צעפּויזעט די פעדערנ אינ די רויטע, גרינע אונ בלויע
פירעקנ מיט די אייַנגעצייכנטע קאנטנ. אויסטערלישע לייבנ זיַינענ גע־
זעסנ הינטער די גראטעס פונ די שטעמפּלענ. מיר האָבנ ווי פאַרקישעפּ־
טע באטראכט אָט די בונטע קאָלעקציע אינ מאַרפּושעס, מישנדיק מיט
ליבע די קייסאָרימ אונ די אָדלערס. האָט געטרוימט אפנ קאָל: „איז אָט,
אז כ'וועל אָנקלייבנ בינ צוויי טויזנט, וועל איכ זיי פאַרקויפנ. אינ פאַר־
געלט וועל איכ זיכ אופנייענ א טאַלעטקליד. פונ פאַרנט מיט פעדער־

לעב. פונ הינטנ א באנד אונ ארומ א שלייער אינ האַנט, אינ מירנ זענ, צי וועט ער מיר רופנ מעטלאמאָרפּאָזע... מירנ זענ"...

## גאזארטיקע נאטשאלסטווע

מיטיע לאַמבערגנ האָט מענ אויסגעשלאָסנ פונ דער צווייטער סאראַ־טאָווער גימנאזיע דערפאר, וואָס ער האָט זיכ ניט פונ אָפּגערופנ וועגנ „זאַקאָנ באָזשי". ער איז אָנגעקומענ אינ פּאָקראָווסקער גימנאזיע אונ האָט זיכ באַזעצט בא אונדז. מיטיע האָט זיכ געהאַלטנ פאַר „א קאָרבנ פונ דער רעאַקציע" אונ דערפאַר האָט ער געהאַלטנ פאַר זײַנ הייליקנ כיוו אָנצוטאָנ אַלע צאָרעס דער נאַטשאַלסטווע. ער האָט געזאָגט:

— איכ נעמ געקאָמע, הה. איכ שפּײַ אפּ דער נאַטשאַלסטווע אינ אַלע אירע אָרטנ — אינ פּאָליסיקנ, האַרטנ־אונ גאָזאַרטיקנ צושטאַנד.

פאַר דער נאַטשאַלסטווע אינ פּאָליסיקנ אונ קאָפּעדיקנ צושטאַנד האָט מיטיע געדערבנט די עלטערנ. פאַר דער האַרטער נאַטשאַלסטווע האָט מענ געמוזט אָנערקענענ דעמ דירעקטאָר אונ די לערער פונ דער גימנאזיע. מיט די ווערטער „גאָזאַרטיקע אונ אומעטומ הורבדרינגענדיקע נאַ־טשאַלסטווע" האָט מיטיע געמיינט די רעגירונג, די פּאָליציי אונ דעמ זעמסקי נאַטשאַלניק. אפּנ זעמסקי נאַטשאַלניק האָבנ די גימנאַזיסטנ געשאַרפּט די ציינ צוליב איינענע טעמים. דערבײַ האָבנ די גימנאַזיסטנ פונ די העכערע קלאַסנ דערמאָנט די נעמענ פונ דער גימנאַזיסטקע זאָיע שווידטשענקאָ אונ עמע איגער. זיינ ס'פלעגנ זיכ ענדיקנ די לי־מודים, פלעגט דעמ זעמסקיס שליטנ אָפּט אָפּוואַרטנ אפּנ ראָג זאָיענ מיט עמענ. אפּנ שטאָטגליטש איז שטענדיק די גאָזאַרטיקע געשטאַלט פונ גראָבנ זעמסקי נאַטשאַלניק געשוועמענ מיט איינער פונ די מיידלעכ. די גימנאַזיסטנ האָבנ זיכ געבמירעט אונ געוואָרפנ אינ אימ שניי־שטי־קער פונ הינטער די פאַרקאַנעס. אפּנ פאַרקאַנ פונ גריטש איז געווענ אָנ־געמאָלט א גרויסער שוואַרצער קאָטער אונ ס'איז געווענ אויפגעשריבנ „קאָטאָק".

## ווײַנאכטנ

אפּ יאַנטעיו איז צו אינדז געקומענ צו נאַכט אינדזער שוועסטערקינ־ווטיע, א יונגער מאָלער (איצט איינער פונ די אָנגעזעענער פונ דער אסאָ־ציאַציע פונ רוסישע קינסטלער „אכר"). ווטיע איז געווענ אייטערנע־יוונלעכ פריילעכ, דערציילנדיקע אינ גרימאַריע...

— זיי זײַנען א סימפּאַטישער — האָט געזאָגט וועגן אים מאַרפּור־
שע — נאָר זיי זײַנען מעסוקנ גרויסנאָויק.
אַפּ יאָנטשוו האָט מען אינ דער קאָמערצפּאַרזאַמלונג אײַנגעאָרדנט
א גרויסנ באַל־מאַסקאַראַד פאַר דער אויבגעווײלטער געזעלשאַפט.
באַקאַנטע דאַמען האָבנ געגרייט קליידער. אונדז האָט מען אויכ צו־
געשיקט אײַנלאַדונג־בילעטנ. און דאָ איז מיטיען אײַנגעפאַלנ א גלענצנ־
דיקע אידיי — אָנזאָלצנ אַפּנ מאַסקאַראַד דעם זעמסקי נאַטשאַלניק. דער
טאַטע האָט מיט באַגײַסטערונג אָנגענומען די אידיי. וויטיע האָט פּאַרגע־
ליגט זײַנ הילפּ אַלס קינסטלער. מ׳האָט אָנגעהויבנ צוטראַכטנ קליידער.
א גאַנצנ טאָג זײַנען אַלע אַרומגעגאַנגענ פאַרטראַכטע אינ שטיל זאָרגנ־
דיקע. פּונ צײַט צו צײַט פלעגט מיטיע אַרײַנלויפּג מיט א שײַנענדיק
פּאָנעם אונ אויסשרײַען:
— כ׳האָב צוגעטראַכט! שרעקלעכ לעבערלעכ...
— נו? — האָבנ אַלע געזאָגט.
— מע דאַרפ זיכ אָנטאָנ ווי זעלבסטמערדער... אונ אַפּנ מעס, דא,
אַפּנ קלייד, אָנשרײַבנ: ,,כ׳בעט אַלס שולדיקנ אינ מײַנ טויט רעכענענ
דעם זעמסקי נאַטשאַלניק“... כאַ־כאַ...
— אונ די מוזיק שפּילט דערבײַ שאָפּענס מאַרש — האָט אָפּגעפּאָ־
טשעריש צעגעגעבנ די מאַמע, — שרעקלעכ קאָמיש!
— יאָ — האָט טרויעריק געזאָגט דער טאַטע — כ׳האָב נאָכ קיינ־
מאָל אינ מײַנ לעבנ אַזוי ניט געלאַכט.
דער פּאַרשעמטער מיטיע האָט זיכ געשטעלט אַפּנ קאָפּ אינ דריגענ־
דיק מיט די פּיס האָט ער געשריִען:
אָט אַזוי וועל איכ אַפּצולאָכעס שטיינ מיט די פּיס אַרויפּ, ביז־
וואַנען די אידייען וועלנ מיר ניט צוקומען צום קאָפּ.
12 אזייגער באַנאַכט האָט דער טאַטע צוגעטראַכט. ער האָט ווירק־
לעכ צוגעטראַכט א וואונדערלעכ קלייד. אויבער דעם איז ביכלאַל דעם
טאַטנס פּלאַנ געווען א גלענצנדיקער: אַפּנ מאַסקאַראַד האָט געזאָלט גיינ
מאַרפּושע, אונ זי האָט עס געדאַרפּט איבעראַנ דעם היציקנ זעמסקי
נאַטשאַלניק.
אַלע זײַנען אַוועק אינ קיכ.
— מאַרפּע פּאָסאַדניצע — האָט פּײַערלעכ געזאָגט דער טאַטע —
צי ווילט איר ניט גיינ אַפּנ באַל־מאַסקאַראַד אינ דער קאָמערץ־פאַרזאַמ־
לונג?

— גאָט מײַנער האָט זיכ פאַרלוירנ מאַרפושע — מע גייט דאָכ אהינצו לויט אײַנלאַדונג־בילעטנ. וויזשע קאָנ איכ אהינצו גיינ?

— מיר וועלנ אײַנ, מאַרפושע, מאַכנ פאַר דער קייסערינע פונ באַל. נאָר דערצו דאַרפ מענ האָבנ... אַלע אײַערע מאַרקעס. וואָס? איר זשאַ־לעוועט?

— מאַרפושע — האָט מיטיע געזאָגט מיט באַגײַסטערונג — באַ־לערט זיכ. אינ אײַערע הענט איז דער גורל פונעמ זעמסקי נאַציאָנאַל־ניק. אינ אײַערע הענט איז דער גורל... איר וועט זײַנ די קייסערינע פונ באַל.

— עכ, זאָל שוינ זײַנ אַזוי — האָט געענטפערט מאַרפושע נאָכ א שווערנ איבערלייגנ זיכ אונ איז אַרונטערגעקראָכנ אונטערנ בעט נאָכנ קאַסטנ.

## טעג, צונויפגעקלעפטע מיט סינדעטיקאָנ

צוויי טעג האָט די גאַנצע שטוב געאַרבעט איבערנ אָנצוג. בעת צע־שניטענע קאַרטאָנ אונ פאַפיר זײַנענ געלעגנ אויפנ טיש אינ דעמ „פאַ־רעצכ קיכ", ווי מאַרפושע האָט גערופנ דעמ טאַטנס קאַבינעט. אַלע זײַנענ געווענ פאַרפאַטשקעט אינ פאַרב אונ גומיראַביק. פונ די סינדע־טיקאָנ־טיוביקעס האָבנ זיכ געצויגנ קלעפיקע שפינוועבס־פעדעמ.

וויטיע איז אַרומגעגאַנגענ באַלעבאַטיש פאַרריסנ די נאָז, אונ פונ אימ האָט זיכ געגאָסנ שווייס אינ טרײַ. דער טאַטע האָט אומזיסט גע־פרוווט אָפרײַסנ אַנ אַרגענטינער מאַרקע פונ זײַנ רעקל. די מאַמע האָט געלערנט מאַרפושענ, ווי איבצופירנ זיכ, אונ עטלעכע ענגלישע פראַזעס. איכ מיט אָסיענ האָבנ זיכ פאַרוואַנדלט אינ א סיאַמער צווילינג, זיכ יעצנדיק צופעליק אפ א סטענגע, וואָס איז געווענ באַקלעפט מיט סינ־דעטיקאָנ. די סטענגע האָט זיכ צוגעקלעפט צו די הויזנ. מיר האָבנ זיכ פעסט צוגעקלעפט איינער צומ צווייטנ.

אפערנאַכט, פאַרנ מאַסקאַראַד, אינ אָנגעפאַרפומירטע, מיט א פײַ־נער פריזור, האָט מענ מאַרפושענ אָנגעטאָנ אינ דעמ אינגאַנצנ שוינ פאַרטיקנ אָנטאָנ. דאָס איז געווענ א קאָלאָסאַלער פאָסט־קאָנווערט, א פילשטענדיק גרייטער צומ אָפשיקנ. די האַלב=אַרשינאָווע מאַרקעס זײַנענ געווענ אָנגעקלעפט באַ די ווינקלענ. אפ יעדערער פונ זיי איז אַוועק א גוטע מײַע מאַרפושעס מאַרקעס. די צייכענונג אינ דעמ קאָליר פונ די מאַרקעס האָט קינציק צוגעקליבנ וויטיע. אונטער די מאַרקעס זײַנענ

דורכגעגאנגענ פּעטע קאָליעס פונ אויסערגעוויינלעכע שטעמפּלענ. דער אדרעס איז געווענ אָנגעשריבנ מיט א שיינעמ ראָנדאָ

> רעקאָמענדירט
>
> # צאָפּן־פּאָליוס
>
> גאס פון קאפיטאן גאטעראס, א שטוב מיט א טעראסע רעכטס פון דער לאווע
>
> די פּאָליארע זעמסקע אופּראווע
>
> זײַנ קאָלטגעבורט דער צאָפּנ־מאיעסטעט
>
> **דעם נאטשאלניק דעם זעמסקי**
>
> **דעם הער עמסקי**
>
> צוריק־אדרעס: פּראָג. פּרענט אפנ ראָג.

מארפּושענ האָט מענ פּארכאסמעט אינ א קאָנווערט. אפנ קאָפּ האָט מענ איר אָנגעטאָנ נאָכ א קאָנווערט, פארשטייט זיכ, א סאכ א קלער־נערנ. בא די ווינקלענ זײַנענ אויכ געווענ מארקעס. אפנ קאפּטור־קאָנ־ווערט איז געווענ אָנגעשריבנ:

דעם אנאָנים וועט איר ניט וויסנ,
עס מעג אײַכ ווי פארדריסנ!

אונ איר וועט זיכ ניט דערשלאָגנ,
קיינער וועט אײַכ גאָרניסט זאָגנ.

מאניע, זאָיא, עמא, טונע —
אלע וועלנ הײַנט זײַנ שטומע.

מארפּושעס שיכ זײַנענ אויכ אײַנגאנצנ פארקלעפּט געווענ אינ מאר־קעס. די קאָנווערטנ האָבנ זייער געקלײַחט מארפּושענ.

— ביסט אזא שיינע, מארפּושע, — האָט איר געזאָגט אָסיע — ביסט מאמעש ענלעכ אפ דער מומע, וואָס אפ דער קארטינקע: „וואַשט דעם קאָפּ מיט פּיקסאפּאָנ“. אפילע שענער.

א ווײַסע זײַדענע מאסקע מיט א זילבערנעמ זוימ האָט פארדעקט מארפּושעס געזיכט. אלס ערנ־פּאָטשטאַליאָנ איז אויסגעוויילט געוואָרנ וויטיע. אינ שטאָט האָט אימ קיינער ניט געקענט, אינ אויסער דעם

האָט ער זיך נאָך אָנגעקלעפּט א פּאָר שוואַרצע וואָנצעס און אָנגעטאָן דער מאַמעס שוואַרצע הוט מיטן שטרויס־פעדער. די קינסטלעכע וואָנ־צעס און די נאַטירלעכע נאָז האָבן אים צוגעגעבן א גאָזלאָניש און ראָ־מאַנטיש אויסזען... א מין שפּאַנישער גראַנד אָדער א רומענישער טאָ־טערינשטשיק .

# די אנאָנימקע

וויטיע איז וווילינגעריש צוגעפּאָרן מיט זיין ווערט־פּאַקעט צום קלוב. אונטער די באַלויכטענע פענצטער בורקעט א באַראַבאַן. די מוזיק איז פאַרהרוזיעט געוואָרן אין דער אָפענער פּאָרטקע. וויטיע האָט עלע־גאַנט אַראָפּגענומען מאַרפּושען און איר אויסגעטאָן דעם מאַנטל. ער פאַרנייגט זיך פאַר איר, ווי סע פּאַסט פאַר א גרויסאַרטיקן קאַוואַליער:

— טרואַקאַר וואַזעמ נאָטר דאַם דע פּאַרי אַבראַקאַדאַבראַ! — רעדט ער צו איר, פאַרדרייענדיק די צוגעפּרוירענע וואָנצעס.

די גאַרדעראָבשטשיקעס קוקן אף זיי מיט אכטונג. פון די ברייטע טרעפּ שטראַלט די ליכט, און ס'הערט זיך מוזיק און פריילעכער יאָנ־טעוודיקער טומל. אין דער הייך האָט מען באַלד אַרומגערינגלט מאַר־פּושען, לייענענדיק מיט נייגיר דעם אַדרעס. אף א מינוט פאַרטויבט דער געלעכטער די מוזיק. נאָך פּלוצעם פאַרשווינדט דער געלעכטער. מאַרפּושע זעט, ווי אין דעם אָוואַלן שפּיגעלע פון איר מאַסקע קוקט אַרויס די פאַרלאָרענע פיזיאָנאָמיע פונעם זעמסקי.

דער זעמסקי לייענט און רויטלט זיך. נאָך מאַרפּושעס פּיס, קליי־ניקע און באַקלעפּטע מיט מאַרקעס, פאַרכאַפּן דעם זעמסקי.

— נ—יאָ— זאָגט דער זעמסקי—טייערע אַנאָנימעטשקע... דער־לויבט אף א וואַלס?..

— אָלרייט — ענטפערט די אַנאָנימעטשקע — שפּיק אינגליש?

דער זעמסקי האָט זיך פאַרלאָרן. אינגליש קען ער ניט פונדאַנען אַהער. דער גוויר אַדאָלף עדוואַרדאָוויטש שטאַרק פּרווט אים העלפן. ווי־ניט־ווי גיבן זיי איר צו פאַרשטיין מיט זשעסטן, אַז דער נאַטשאַל־ניק לאַדט זי איין אף א וואַלס. די מוזיק שפּילט. די מוזיקאַנטן בלאָזן אָן די באַקן, און עס דוכט זיך אויס, אַז די וועט ווערן צע־בלאָזן פון דער פויקערן. די מוזיק קוועטשט אים דאָס האַרץ, ווי א נאַס נאָזטיכעלע. דער זעמסקי איז מעבאַבער מאַרפּושען מיט געפרוי־רנס. שטאַרק צעגייט פון נאַכעס. פּונקט ווי דאָס געפרוירנס. דער זעמ־

סקי קושט דער אַנאָנימקעס האַנט. די דאַמענ זײַנענ־איפערזיכטיק. אי־בערנ זאַל קריגנ האַשאָרעס אינ סערפּאַנטינ. עס שיטנ זיכ קאָנפעטי. אינ מארפושעס טעלערל שיטנ זיכ זשעטאָנענ — שטימענ פארנ פּריז.

— מוזיק, האַלט! — דונערט דער זעמסקי נאַטשאַלניק, נאָר דער מוזיק־אָרקעסטער ווערט ניט גלײַכ אײַנשטומט, פּונקט ווי א טראַמטאַראַמ, ווענ עס ענדיקט זיכ די פּלאַטע.

— הערנ, — שרײַט דער זעמסקי — די גרעסטע צאָל זשעטאָנענ האָט צונויפגעקליבנ די מאַסקע „בריוו”. איר קומט דער ערשטער פּריז — א גאָלדענער זייגער! הורא, דער וווּנדערלעכער אַנאָנימקע, הוראַ!! לאָמיר עפענענ דעמ בריוו!

דער זאַל רוישט. עמעצער שעפּטשעט מאַרפּושענ:

— ביסט א יאַט, מאַרפּע—פּאָפּאַדניצע, אַזוי א יאַט.. האַק ווײַטער!

מיטיע שטײט צוריסנ. די כאַווײרים־גימנאַזיסטנ, די גימנאַזיסטנ כיקענ. מיטיע גײט צו צומ זעמסקינ. ער זאָגט:

— איר ווייסט, כ'האָב זיכ, האָבט זיכ, דערוווּסט, ווער ס'איז די אַנאָנימקע.. דאָס איז א באַוווּסטע.. נאָר אײגנטלעכ, וואָס רייד איכ! כ'האָב דאָכ צוגעזאָגט שווײַגנ.

— איכ בעט אײַכ, יונגערמאַנ — שעפּטשעט דער זעמסקי — שפּײַט אָפּנ צוזאָג. דערציילט! איר ווילט געפרוירנס?

— ניינ, פּרענט ניט — ענטפערט אימ אָפּצופּיקענייש מיטיע אונ עסט אופ דאָס געפרוירנס.

— לאָמיר, הערנ, עפענענ דעמ בריוו! — שרײַט דער זעמסקי. נאָר פּלוצעמ באַווײַזט זיכ אינ זאַל דער גרויסנאָזיקער אומבאַקאַנ־טער מיט די גרויסע וואָנצעס.

— קאַראַמבאַ קאַראַקאַטאַג מעליספּוד דמינאַנט ספּעט אַקאָרד אַליער־אַנפּאַט — רעוועט דער אומבאַקאַנטער, נעמענדיק מאַרפּישענ אונטער דער האַנט, פירנדיק זי צו די טרעפּ.

דער זעמסקי לאָזט זיכ נאָר אימ. מאַסקעס, דאָמינאָס, אַרלעקינענ, גוסאַרנ, קווייטנ־טעפּלעכ, פּיקדאַמענ, באַבעלעכ, שפּאַניערנס, באָ־יאַרנ — דער גאַנצער בונטער מאַסקאַראַד־האַמוינ לאָזט זיכ צו די טרעפּ. וויטיעס שרעקלעכע נאָז אונ וואָנצעס האַלטנ אימ די נײַנעריקײַט פונ די געסט. קלוימערשט צופעליק שטופּנ אָפּ די גימנאַזיסטנ דעמ אוי־לעמ. מאַרפּושע טוט אָנ דעמ מאַנטל, אונ דער שליטנ פאָרט אָפּ. וויטיע איז אַרײַנגעשפּרונגענ אינ שליטנ. זיי טראָגנ זיכ איבער

די שלעפעריקע גאסנ. בא מארפושעס קלעפנ זיכ צו די ברעמענ. די לאמטערנעס, ווי מעדוזעס, באוועגנ גאלדענע פעדעמ. סאנדריליאנע קערט זיכ אום אינ קיכ.

באנאכט האט שמיל געקלאפט אפנ לײדיקנ קאסטנ דאס נײע זויי־גערל. א גליקלעכע אונ א מידע, שלאפט מארפושע, דער צעריסענער קאנווערט — די שאלעכץ פונ דעמ לעגענדארישנ אוונט — וואלגערט זיכ באמ בעט. באמ שוועל שטײענ אינ ערנ־קאראול פיר פאר אומדויי־נע שיכ. אינדערפרי דארפ מענ זײ אויספוצנ.

## סאנדריליאנע איז דעמאסקירט

אינ דער צײטונג „סאראטאװסקי וועסטניק", אינ דער פאקראװסקער כראניק, איז געווענ אפגעדרוקט:

„מיטוואכ איז אינ קלוב פונ די[illegible]רע־פארזאמלונג פארגעקומענ א גראנדיעזער באל־מאסקאראד. [illegible]ענ א סאכ אינטערעסאנטע קלײדער. דעמ גרעסטנ דערפאלג [illegible]אט די מאסקע („דער אנאנימער בריוו". דאס קלייד איז געמאכט געווענ אינ דער פארמ פונ א פאסט־קאנווערט מיט עמעסע מארקעס, שטעמפלענ אונ מיט א שארפ־זיניקנ אדרעס. מיט רעכט האבנ די בײגעווענע באשטימט פארנ דאזיקנ קלייד דעמ ערשטנ פריז. דעמ פריז — א גאלדנ זייגערל — האט דער זעמסקי נאטשאלניק ה' ראזודאנאוו איבערגעטראגנ דער מאסקע. ווי שטארק די געסט האבנ זי געבעטנ, האט די מאסקע דאכ ניט געוואלט ארויסזאגנ ווער זי איז. אונ אנ אומבאקאנטער מענטש האט זי אוועקגעפירט פונ מאסקאראד. מע מיינט, אז דאס איז געווענ אנ אנ־געקומענע אקטריסע".

אונ אינ צווייטנ ארומ, ווענ די גאנצע שטאט האט זיכ געמאטערט אינ געהאלטנ אינ איינ טרעפנ, האט מענ דעמ טאטנ ארויסגערופנ צו דעמ זעמסקיס פארמיטנעוועטער פרוי.

נאכנ באטראכטנ די קראנקע האט דער טאטע געטרונקענ טײ מיטנ זעמסקי. ראזודאנאוו האט פארגעווארפנ דעמ טאטנ:

— וואס זשע איר ניט געקומענ אפנ מאסקאראד? אמ מײנ ערנ־ווארט, איר האט א סאכ פארלארנ. כ'קענ אײכ אינפארמירנ, אז דארטנ איז געווענ אזא מאסקעלע, אזו... כ'האט מיכ אפילע, א ביסעלע פאר־טשעפעט, נאר הערנאר כ'ארא פיסקעלכ! אונ די הענט! א ראסע, זאג

איכ אײנ, וואָס ראָטע הויכט, און אויסלענדערן, וועזט אוים... זי נייט מיר פונ זיינע ניט ארויס!

— נו, וואָס רעדט איר — האָט דער מאַטע געזאָגט באַשיידנ — וואָס איז דאָס פאר אנ אויסערגעוויינלעכע זאכ? ס'איז דאָכ אונזער דינסט מאַרפושע.

— אכ?! — האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ אפנ געלענ פונ שטול דער זעמסקי, רויט ווערנדיק, און זײַנ געזיכט האָט זיכ גלײַכ אויסגעצויגנ, מאַכמעס ס'האָבנ זיכ אראָפּגעלאָזנ זײַנע גראָבע ליפּנ און די אויגנ האָבנ זיכ פאַרקאַטשעט אפ ארופ.

דער מאַטע האָט זיכ שוינ ניט געקאָנט אײַנהאַלטנ און האָט זיכ אויסגעלאַכט, אז דעם זעמסקיס פרוי האָט באַלד ווידער באַקומענ א מיגרענ.

## דאָס שיכעלע פונ דער סאנדריליאָנע

דערמיט, אייגנטלעכ, ענדיקט זיכ די דערציילונג וועגנ דער לעצטער סאַנדריליאָנע. דער פאַוש האָט מאַרפושענ ניט געבראַכט קיינ שיכעלע אינ קיכ אַרײַנ. דערפאַר האָבנ זיכ די סימאָנים פונ דער סאַנדריליאָנע שיכעלע אָפּגעווישט אפ די זײַטנ פונעם קאָנטוירט-זשורנאַל. די ווילדע טײַבעלעכ, וואָס האָבנ ארויסגעשלעפּט פאַר מאַרפּושענ פונ טאָפּ איש א גרינפעלע גאָלד, זײַנענ באַשטראָפט געוואָרנ.

אינ עטלעכע טעג ארום האָט מענ לעמ דעמ זעמסקי נאַטשאַלניקס גאַנעקל געפונענ א גוואַלדיק גרויסנ גומענעמ באַט. דער באַט איז געווענ פעסט צוגעשרויפט צו די טרעפּלעכ פונ גאַנעק.

דעם זעלבנ אינדערפרי האָט עמעצער אויפגעהאַנגענ פאַלגנדע „באַפעלנ":

### באַפעל

איכ באַפעל דער גאַנצער פּרוויענ-באַפעלקערונג פונ דער שטאָט פּאָקראָווסק מעלדנ זיכ אינעם כאָמע קורצנ טערמינ צו דעם זעמסקי נאַטשאַלניק, קעדיי אָנצוטעסטנ אפנ רעכטנ פוס דאָס שיכעלע, וועלכעס ס'האָט פאַרלוירנ די אנאָנימע באַזוכערנ אפנ מאַסקאַראַד אינ דער קאָמערצ-פאַרזאַמלינג. די, אז וועט מענ עס וועט גוט זײַנ דאָס שיכעלע, וועט גלײַכ באַשטימט ווערנ אלס זעמסקע נאַטשאַלניצע. דער זעמסקי נאַטשאַלניק פאַרפליכטעט זיכ זײַנ אייביק אונטערנ קנאַפל פונעם דאָזיקנ שיכעלע.

דער זעמסקי נאַטשאַלניק ראָזוראַנאָוו.

מע דערציילט, אז אינדערפרי, בײַוואַנענ די פּאָליציי האָט צונעמענ דעם באָט פונ גאַנעק, האָט איינע א ביטעריאַנע, דערהערנדיק

וועגן דעם באפעל, באשטימט א פרגיז טאָג איך מאל, נאָר דער פּוס איז ניט געקראָכן.

— א ביסל צו קליין — האָט די פרוי געזאָגט מיט פארדרוס און האָט אויסגעשפּיגן אין באָט אריין.

מיטינגען און זיצונגען האָבן באוויזן „פאר ניט קיין פּאסיקע ביצי־פּעריקע שקאָצערײַ, וואָס קאָמפּראָמעטירט דעם לערנאנשטאלט, און פאר שלעכטער אויפפירונג „אין געזעלשאפטלעכן אָרט", האָט מען גע־מאכט א פאָרוואָרף און פארקלענערט די צייכנס פון אויפפירונג. דאָס איז דער עפּילאָג, דער אונטערשייד צווישן דער געשיכטע פון דער פאָר־ראָזיקער סאנדריליאָנע און דעם אלטן מעשהלע וועגן דער סאנדרי־ליאָנע.

## „די וויסנשאפט ווייס א סאך שיטיקעס"

שוין לאנג האָט אונדז אונדזערע מיטגעטיילט, אז די וויסנשאפט ווייס א סאך שיטיקעס. דאָס איז געווען די געהיימע פאָרמולע פון איינעם א דאָרטן־מאָקוס.

די קארטן פלעגט מען אויסלייגן פאַרהויז, לויט אלצײַנע ביכשטאבן, און די פארטראכטע פאר פלעגט גרינג געפינען ווערן. פינדאנען איז געדרונגען, אז די וויסנשאפט איז ווירקלעך אלמעכטיק און ווייס א סאך... אָט דאָס... שיטיקעס... וואָס ס'איז אזוינס שיטיק האָט קיינער ניט געוווּסט. מיר האָבן געזוכט אין ענציקלאָפּעדיעס און ווערטערביכער, אָבער דאָרטן איז „שיטיק" אויך ניט געווען.

נאָכדעם האָב איך וועגן דער באדײַטונג פון דער [illegible] דער־הערט אין גימנאזיע.

נאָר די מעכטיקייט פון דער וויסנשאפט איז דאָ ניט דער[illegible] גע־וואָרן אזוי אנשוילעך, ווי אין אנישקעס פּאקים. פון דער קאבינעט פלעגט די וויסנשאפט אראָפּפאלן און פארשטיין אונדזערע קעפּ. א [illegible] און ניט פארטײַטש, ווי זעגעלשפּאן. וועגן דעם שיטיק האָט אויך קיינער פון די לערער גארניט ניט געהאַט זאָגן קלאָר די שילער, וואָס זיצן דעם צווייטן יאָר אין קלאס. האָבן מיר געגעבן אן אײַנציצונג וועגן דעם צום לערער פון לאטייניש.

— פון וועמען האָט איר געהערט דאָס דאָזיקע וואָרט? — האָט גע־פרעגט פארלאָרן דער אמביציעזער לאטיניסט.

— די שילער [illegible] שטיל געוואָרן. אַפּאָזיציע [illegible] ס'וועט זײַן.

— פונ אונדזער קעגנ — האָב איכ געענטפערט באַ א פריילעכנ טומל פונ קלאַס.

— ניי אינ ווינקל אונ שטיי ביזנ קלונג — האָט מיר איבערגעשלאָגנ דער אָנגעצינדענער לאַטיניסט — אונ דער פּראָגראַמ פונ דער גימנאַזיע איז, דאַנקענ גאָט, ניט פאַראויסגעזענ, אַז מע דאַרפ דערלענענ דורכשלאָגנ אַט קאָנטראַרגעס, באַלוואַנ!

ביכלאַל איז מיר אינ גימנאַזיע שרעקלעכ ניט געגאַנגענ מיט אַט די פאַרשאָלטענע פראַגנ. צומ ביישפּיל, אפנ לימעד פונ געשיכטע האָט מיכ פאַרינטערעסירט „פאַרוואָס האָט מענ איוואַנ דעמ גרויזאַמענ ניט אַריינגעזעצט אינ טפיסע, אויב ער האָט אַזויפיל אויסגעהאַרגעט אומזיסט אונ אומנישט".

— וואָס רעדט איר? — איז בלייכ געוואָרנ דער לערער פונ געשיכטע — דעמ קייסער פונ גאַנצ רוסלאַנד?.. איר ווייסט וואָס איר רעדט?

— אויב אַזוי, הייסט עס, קאָנ דער קייסער הארגענענ, אויב ער וויל? — האָב איכ ניט אויפגעהערט פרעגנ.

— ס'איז געווענ א שווערע צייט — האָט זיכ פאַרלאָרנ דער לערער — אונ די דעמאָלטיקע זיטנ...

— אונ איצט? — האָב איכ פאַרגעצט. נאָר דער לערער האָט זיכ אויפגעהויבנ אַזא אָנגעצונדענער, אַז איכ בינ גלייכ שטיל געוואָרנ.

אנ אומאָנגענעמלעכקייט איז איכ געווענ אפנ לימעד פונ „רוסיש". ס'זיינענ געגאַנגענ די לימודימ פונ אויסדריקלעכנ לייענענ. אינ קלאַס האָט מענ לויט דער ריי געלייענט „טאַראַס בולבא". מיר איז אויסגעקומענ לייענענ דאָס אָרט, ווו די זאַפּאָראָזשצעס וואַרפנ אינ דניעפּער די נאָר אומשולדיקע יידנ, אונ יענע ווערנ דערטרונקענ... מיכ האָבנ ביז טרערנ גערירט די אומגליקלעכע. מיר איז געוואָרנ שווער צו לייענענ. דער גאַנצער קלאַס האָט געקוקט אָפ מיר, ווער סטאַמ מיט בייזער נייגעריקייט, ווער מיט פאַרשידנע שמייכעלעכ אונ ווער מיט אָפענער צופרידנקייט. אונ איכ — איכ בינ דאָכ אויכ געווענ פונ יענע, וועמענ די לוכטיקע קאָזאַקנ האָבנ דערטרונקענ... מיכ האָט מענ באַטראַכט, ווי אנ אַנשולדיקנ לערנמיטל. אונ נאָכ, אַזא גוטער שרייבער, א קלאַסיקער האָט זיכ נידערטרעכטיק איזדיעקעוועט איבער די יידישע פּיט. וואָס האָבנ געשווינדלט אינדערלויפנ...

דער קלאס האט געלאכט, אונ איכ האב דערפילט, אז איכ טרינק זיכ אינ די אייגענע טרערנ, ווי די ייִדנ אינ דניעפער.

— איכ... איכ וועל מער ניט לייענענ, — האב איכ געזאגט דעמ לערער אָזערניקאָוו — כ'וועל ניט לייענענ — אונ שוינ! נידערטרעכטיק! א ביזויענ, אז גאָגאָל זאָל אזוי שרייבנ.

— נו, גוט! — האט אָזערניקאָוו גראָב איבערגעשריִענ — קריטיק וועלנ מיר דורכגייִנ אינ פערטנ קלאס. אונ איצט פארשטאָפּ דעמ פאָנטאנ.

אונ איכ האב פארשטאָפּט דעמ פאָנטאנ. איכ האב פארשטאנענ, אז אונדזער גימנאזיסטישע וויסנשאפט איז ניט איינגעריכטעט אפ באפרידיקנ, ווי מע האט דעמאלט אָנגערופנ, אונדזערע גייסטיקע פארלאנגענ. זוכנדיק דעמ עמעס, האב איכ זיכ ווידער גענומענ בלאָנדזשענ איבער די פרייע ראזוועסג פונ שוואמבראניע.

דער בארימטער העלד פונ די אויפגאבעס, וואס איז באשיידנ אָנגערופנ געוואָרנ „איינער", דער דאָזיקער איינער, וואָס האט געקויפט 25 מיט דריי פערטל ארשינ געוואנט צו דריי רובל אנ ארשינ אונ פארקויפט נאָכדעמ צו 5 רובל, האט געליטנ צוליב שוואמבראניע גרויסע העזויקעס. די רעשטע, וואָס זיינענ ארויסגעפארנ איינער אנטקעגנ דעמ אנדערנ פונ די פונקטנ א אונ ב, האבנ זיכ בעשימאופנ ניט געקאָנט טרעפנ, ווייל זיי האבנ געפּלאָנטערט איבער שוואמבראניע, נאָר די באפעלקערונג פונ שוואמבראניע אינ אכיעס פערזאָנ האט פריידיק באגריסט מיינ אומקערנ זיכ.

## אנ אָרט אפנ גלאָבוס

ווענ איכ האב זיכ אומגעקוקט אפנ קאָנטינענט פונ גרויסנ צאָנ, האב איכ זיכ גענומענ צו רעפאָרמעס, פונקט ווי פעטער דער גרויסער.

פריִער פונ אלצ האט מענ געדארפט גרונטפעסטיקנ שוואמבראניע אפ א וועלכנ־ש־איז באשטימטנ אָרט פונעמ ערדקיילעכ. מיר האבנ באַ איר אויסגעפונענ אנ ערטעלע אפנ וויטנ אָקעאנ, אינעמ דאָרעמדיקנ האלב־קיילעכ. ווענ בא אונדז איז געווענ ווינטער, איז אינ שוואמבראניע אוויארומ [illegible] זומער. אונ שפּילנ איז דאָכ אינטערעסאנט אינ דעמ, וואָס איז איצט ניטאָ.

איצט האט זיכ שוואמבראניע פעסט באזעצט אפנ גלאָבוס. דער

קאָנטינענט פון גרויסן צאָג איז געלעגן אינעם שטילן אָקעאַן צו מיר
רעכטס פון אויסטראַליע, אײַנשליסנדיק אַ שטיק פונעם אינדי־
אָקעאַניע. די צאָפּנברעגעס פון שוואַמבראַנער קאָנטינענט, רעגנייענדיק
ביזן עקוואַטער, האָבן געבליט מיט דער טראָפּישער הײַנקײט, און אירע
דאָרעמדיקע געגנטן זײַנען פאַרפראָרן געווען פון דער נאָענטער שכייניגע
מיט דער אַנטאַרקטיק.

נאָכדעם האָב איך אַרויסגעטריבן אַף דער שוואַמבראַנישער ערד
דעם אינהאַלט פון אַלע איבעריקע בילדער. אָביע, באַמערקנדיק זיך
ניט אָפּצושטײַן פון מיר, האָט זיך איבערגעדרעבט נײַע ווערטער און
פרעגט זיי פּלאַנעטן אָן ראַכמאָנעס.

מאָנטעגלעך, ווי נאָר איך פֿלעגן קומען פון גימנאַזיע, פרעגט מיך
אָביע אָפּרופן און אַ ווײַט אין שעפּטישע.

גרויסע נײַעס! דזשעק איז אײַנגעפאָרן קיין קיראַנו אַף יאַני
נאָך שאַהאָראַן... און הונדערט ווילדע באַרהאַנעס האָבן זיך אַרײַנגע־
וואָרפן אַף אים און אים גענומען האַרגענען! און דאָ האָט נאָך פונעם
איבערוואָרף טעראַקאָטע אַנגעהויבן זעצן אַ דויך מיט אַ פײַער, גוט, וואָס
זײַן געטרײַער כאַראַ בערנאַר האָט אים געראַטעוועט — ער האָט אָנ־
געהויבן האַווקען...

איך האָב זיך געכיוט אָנשטייבן, אַז כאַ אָביענ איז קאָפּ האָבן זיך
איבערגעפּלאָנטערט קוראַגאַ מיט ניגאַראַגואַ. באַרהאַנעס אין קאַניבאַרן
טעראַקאָטע אין דראַראַטאָנג, שאַהאָראַר און קאַסאַלאָט, די אַרטיקע
כאַראַ בערנאַר האָט ער איבערגעפּראַטערט מיטן מין הינט בעגלבער־
נאָר... און איבערהויפּט ער דעם וויראַג, דערפֿאַר, וואָס ער שפּילט
מיט פײַער.

## די אָפּשטאַמונג פון די פּאַסקודניקעס

מיר זײַנען געוואַקסן. די בילשטאַבן פון מײַן האַנטשריפט האָבן זיך
שוין געגרינטן באַר די הענט. די שורעלעך האָבן זיך ווי די סאָלדאַטן
געגלײַכט אַף דעם בלאַט. און איבערהויפּט האָבן מיר זיך איבערצײַגט, אַז
אַף דער וועלט איז פאַראַן ווייניק גלײַכגילטיקייט און אַבסאָלוט גראַד,
ליניעס. נאָך דער ווילקערלעכער קריינג און פּינקטלעכע פראַגע פּלאַנעטן. באַ
דער נאַטור, האָט זיך אַרויסגעוויזן, זײַנען כאַראַקטעריסטיש ווינקל־
שפּיגלען...

דער דאָזיקער איבעריקע פון דער וועלט האָט זיך באַוויזן פון דער

איבעריקן קאמף, וואס הערשט אין דער נאטור. די קאמפליצירטע קאנטורן פון די קאנטינענטן האבן אויך געהאט אפ זיך שפורן פון דעם דאזיקן קאמף. יאמען האבן זיך ארייַנגעריסן אין דער ערד. די טריקעניש האט ארויסגערוקט אירע פינגער אינעם בלויען קאפ פונעם יאם. מע האט געמוזט רעווידירן די גרענעצן פון אונדזער שוואמבראניע. אזוי האט זיך באוויזן די נייע קארטע.

נאר דאָ האבן מיר באמערקט, אז קאמף ליגט ניט נאר אין יעבער פון געאגראפיע. עפעס א קאמף פירט אן מיט גאנצן לעבן. דורכט אינעם שיפדורים פון דער געשיכטע און באווייזט זי. אָן דעם דאזיקן קאמף וואָלט אפילו אונדזער שוואמבראניע געווען לאנגווייליק און טויט. די שפיל איז געוואָרן שטייענדיק, ווי וואסער אין א זומפ. מיר האבן נאך דערמיט ניט געוואוסט, אז קאמף שאפט די געשיכטע. אין אונדזער געמיט־לעבער דירע האבן מיר זיך ניט געראנט באזונדער מיט דעם אימפעטיק דורכדרינגענדיקן גרויסן קאמף פאר עקזיסטענץ. און מיר האבן דערפילט באשטימט, אז אט די אלע מלחמות, רעוואלוציעס אאז"וו. — אז דאס אלץ איז א קאמף צווישן נייעם און שלעכטס. דאס איז אלץ. און הערנדיק די שוואמבראנער שפיל זאל זיך אנטוויקלען, האט מען געמוזט באווייזן אין שוואמבראניע א פאר פאטריאטן. דער באמע גרעסטער פאט־ריאט פון שוואמבראניע איז געווען דער בליט־ארישטאקראטיער גראף איראדאנאל שאטעלענא.

צו יענער צייט האט מען אין אלע זשורנאלן רעקלאמירט איראדאנאל שאטעלענא — א מאדערנעם הייל־מיטל פון שטיינער אין די נירן און אין לעבער. אף די מעדיצינישע וועגן „איראדאנאל" פלעגט מען ערבמוטיל זיין איבערגעמאָלט א מענטש. יעמען ס'האבן געפּײַניקט שטיינער אין לעבער. די ווייטיקן זיינען געווען געשילדערט ווי א צייכנונג, וואס האט צוגעפּאסט דעם הערצער פונעם אויסזען. אדער מע פלעגט אנמאלן א מענטשן מיט א קליידער־בארשט, וואס האט געריינט א ריינע מענטש־לעבער נירן. דאס אלץ, האבן מיר באשטימט זיינען דעם בליט־ארישטאקראטן גראף פארבונדן.

## דער אויבערשטער שטאָק פון דער וועלט

באלד די לעבער פון די הייזער געהערן דער ווייטלעבער וועלט. נאר ביז־דעבטשויעגן ליגן ווי האבן איבער דער לאנגווייליקער ערד און וואַרפן זיך ניט אונטער אירע געזעצן. די לעבער האבן אנגעפירט די שוואמבר־

ראַנער. איבער זייערע קרומע שפּיצן און קאַרניזן האָבן די בוידעמער און בראַנדמויערן פֿלעגן איך מאָלן ווײַטע און קאַפּריזנערלדיקע ריזן. קריכנדיק פֿון דאַך צו דאַך, האָט מען געקאָנט אויסזײַן דעם גאַנצן קוואַרטאַל גיט אַנדערנדיק זיך אין דער ערד. און פֿאַרנאַכט איז גוט געווען ליגן אויפֿן אָפּגעקילטן בלעך צווישן קוימענס און דעם שטאַר־קעסטל און קוקן אין הימל. דער פֿאַרגאַנגענער הימל איז געשווומען איבערן קאָפּ, און דער דאַך איז געשווומען קעגן דעם וואָלקנשטראָם. אַמאָל מאַכט האָט אויסשעכנעסווייטשעט דער וואַכטע־שטאַר. דער טאָג, ווי אַ גרויסע שייב, האָט געהאַלטן באַם צעשווימען צום אָוונט. דער טאָג האָט אויפֿגעהויבן די הויטע ווענטלעך פֿון ווינט־אונטערגאַנג און געוואָרפֿן שאָטנס אין הויף, נעגלדיקע ווי אַנקערס. נאָר גיין איבער די דעכער איז געווען שטרענג פֿאַרבאָטן. פֿיליפּיטש, דער הויף־וועכטער, האָט מיט אַ בעזעם אָפּגעהיט די איבערערדיקע געגנט. ער איז געווען וואַכזאַם און שטרענג.

די באַלעבאַטים פֿון די פֿרעמדע הײַזער, רעזשעדענדיק ווי איך קריכ איבער זייערע דעכער, האָבן געשריגן, אַז ס׳איז „שוין צײַט, אַז דעם דאָקטערס קינדער זאָלן אויפֿהערן שלאַנדערן איבער די דעכער", באַמיט כ׳האָב ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס מוזן דעם דאָקטערס קינדער דאַפֿקע קריכן איבערשלייפֿנדיק איבער דער ערד. נאָר די פֿאַרפֿלוכטע ווערטער „דעם דאָקטערס קינדער" האָבן אונדז איביק פֿאַרפֿאָלגט און געצוווּנגען זײַן לײַטיש.

איינמאָל האָט מיך פֿיליפּיטש שיער ניט געכאַפּט. ער האָט מיך אויסגעשפּירט. ער האָט זיך געיאָגט נאָך מיר, דינערנדיק איבערן בלעך, ווי עליאָהו האַנאָווי... איבערן נאָענטן הויף, וווּהין כ׳האָב געוואָלט אַראָפּשפּרינגען, האָט מען אַראָפּגעלאָזן דעם הונט פֿון דער קייט. אין צווייטן הויף איז געשטאַנען דער באַלעבאָס אין אַ פּאָר ראָזע גאַטקעס, און דאָס האָט מיר גאַראַנטירט, אַז ער וועט מיר באַלד געבן „אַזאַ פֿאַרציע, אַז איך וועל שוין מער ניט קריכן איבער זײַנע דעכער"... נאָר דאָ האָב איך בײַ אַן אַנדער שכייניש בראַנדמויער באַמערקט אַ לייטער. כ׳האָב אַרויסגעשטעלט פֿיליפּיטשן אַ צונג און זיך געראַטעוועט.

## א מיידעלע אין בעז

דער הויף, אין וועלכן איך בין אויפֿגעוואַקסן, איז פֿול געווען מיט בוימלעך. די בוימלעך האָבן אויפֿגעשלאָגן דעם ליאָדישן פּינטע בעז. דאָס סעדל האָט גוט און מעכטיק געבליט.

אונטער מײנ פּלײצע האָב איכ דערהערט גרינגינקע, שטילע טריט. פונ סעדל איז ארויסגעלאָפנ א פרײלעכ מײדעלע מיט א לאַנג גאָלדנ צעפּל אונ מיט א פּראָלניק אינ די הענט. זי האָט מיכ גענומענ אומ־מערקזאַמ באַטראַכטנ. איכ האָב מיט דער פּלײצע זיכ גענומענ רוקנ צומ טויער.

— ייִנגעלע, פאַרוואָס אײַלט איר זיכ? — האָט מיכ געפרעגט דאָס מײדעלע.

— כ׳האָב מוירע פאַרנ הײפ־וועכטער — האָב איכ געענטפערט.

דאָס מײדעלע האָט שוואַרצע שפּרינגענדיקע אײגעלעכ, ענלעכע צו די פּילקעס, מיט וועלכע מיר שפּילנ זיכ. כ׳האָב געפילט, אז כ׳וועל זיכ ניט ראַטעווענ. נאָר אנטלױפנ האָט מענ ניט געקאָנט.

— איר האָט מוירע פאַר די הויפ־וועכטערס? — האָט זי געפרעגט.

— כ׳וויל זיכ מיט זײ ניט אָנהײבנ — האָב איכ געענטפערט מיט א קאָפּ־באַוועג איכ בינ אפ זײ מיטנ לינקנ נאָזלעכל דורכנ רעכטנ אקסל. איכ האָב אַרײַנגעלײגט די הענט אינ די קעשענעס, דאָס מײדע־לע האָט אפ מיר א קוק געטאָנ מיט אכטונג.

— וויאזוי קאָנ מענ עס דורכנ אקסל? — האָט זי געפרעגט.

כ׳האָב באַוויזנ. מיר האָבנ א ביסל געשוויגנ. נאָכדעמ האָט דאָס מײ־דעלע געפרעגט:

— איר זײַט אינ וועלכנ קלאַס?

— אינ ערשטנ — האָב איכ געענטפערט.

— איכ בינ אויכ אינ ערשטנ — האָט זיכ דערפרײט דאָס מײדעלע — בא אײַכ איז דער קלאַסנ־הער א שטרענגער?

— בא אונדז איז א מענטאָר, אינ ניט קײנ הער.

— אונ בא אונדז איז א דאַמע — האָט געזאָגט דאָס מײדעלע — א בײזע איז זי, א שרעק.

ווידער האָבנ מיר א ביסל געשוויגנ.

— אונ בא אונדז — האָט געזאָגט דאָס מײדעלע — קענ אײנע א שילערנ באַוועגנ מיט די אויערנ. אלע זײַנענ איר מעקאַנע.

— אויכ מיר א זאַכ — האָב איכ געזאָגט — בא אונדז איז פאַראַנ אײנער, שפּײַט ער ביז דער סטעליע. אײַ איז ער געזונט! מיט אײנ לינ־קער האַנט קאָנ ער אלעמענ אויסקלײַנ. מיטנ פיסט קאָנ ער א באַרבע צעברעכנ... מע דערלויבט אימ נאָר ניט. אניט וואָלט ער זײ, אפ מײַנ ערנוואָרט, צעבראָכנ.

ווידער שווינגן מיר. אינעם שביינעדיקן הויף האָט אָנגעהויבן שפּילן א קאַטערינקע. איך האָב גענומען באַטראַכטן דעם הויף, זוכנדיק א נעמען פּאָרן געשפּרעך. א רויב איז געשוועמען אין הימל. א גרויסער שלאַנג — א קאָנווערט מיט א לאַנגן עק — האָט זיך געדרייט איבערן דאַך.

— בא מיר וועט די ספּראַנטשקע קיינמאָל ניט פאַרזשאַווערט ווערן — האָב איך פּלוצעם א זאָג געטאָן — דערפאַר ווייל זי איז פון ניקל... ביטע, איר קענט זי אָנטאַפּן.

כ'האָב אָראָפּגענומען דעם רימען. דאָס מיידעלע האָט מיט אינטערעס און איידלקייט באַטראַכט די ספּראַנטשקע. כ'בין געוואָרן העלדיש, כ'האָב אַראָפּגענומען די היטל און איר באַוויזן, אַז אינווייניק אונטערן האָטעק איז מיט א בימישן בלייער אָנגעשריבן מיין פאַמיליע, כדי די היטל זאָל ניט פאַרפאַלן ווערן. דאָס מיידעלע האָט איבערגעלייענט.

— און מיך רופט מען טאַיע, נאָר מיין עמעצער נאָמען איז טאַיסיע אָפּילאָווא — האָט געזאָגט דאָס מיידעלע — און אייך רופט מען ליאָניע, — יאָ?

— ליאָניע — האָב איך געענטפערט — דערלויבט זיך זייער אָנגענעמ באַקענען...

## די ערשטע שוואמבראַנערן

איצט פילט איך, דער פרייער זון פון שוואמבראַניע, אַלע טאָג אַראָפּלאָזן זיך פון דאַך אין טאַל פון בעז. און טאַיע אָפּילאָווא איז באַשערט געווען צו ווערן די שוואמבראַנער באַוווּ. אָסיע איז געווען קעגן. ער האָט געשריען, אַז פאַר קיין שום נאַשעריַיען וועט ער ניט אַריינלאָזן מען אין דער שפּיל קיין מיידעלעך. ווידקלעך, ביז איצטער זיינען אין שוואמבראַניע ניט געווען קיין מיידלעך. כ'האָב אָבער דערוויזן אָסיען, אַז אין אַלע ליַיטישע ביכלעך גאַנווענט מען צו און מען ראַטעווערט פריַיען, און אַז אין שוואמבראַניע וועט מען אייך איצט אָנהייבן גאַנווענען און ראַטעווען. אויסער דעם האָב איך צוגעגרייט פאַר דער ערשטער שוואמבראַנערן א ווונדערלעכן נאָמען: הערצאָגיניע קאַסקאַרע סאַגראַרא (די טאָכטער פון הערצאָג קאַסקאַרע באַרבע). אפילו אינעם זשורנאַל „גיוואַ". וואָס פון זיין טאָוועלע האָב איך גענומען אָט דעם נאָמען, געפינס איך. איז געווען אָנגעשריבן, אַז דאָס קלינגט „גריינג און

אײדל". אָסיע האָט געמוזט מסכּים זײַן. און איך האָב אָנגעהויבן ציבישלעך אַרײַנפֿירן קאַסקאַרען, דה. טאַיען, אין די אינינאָנים פֿון שוואַמבראַניע. צוערשט האָט זי גאָרנישט פֿאַרשטאַנען, נאָר נאָכדעם האָט זי זיך אָנגעהויבן ציבישלעך אָריענטירן אין דער געשיכטע און אין דער געאָגראַפֿיע פֿונעם קאָנטינענט פֿון גרויסן צאָן. זי האָט צוגעזאָגט שטרענג היטן דעם סוד.

כ'האָב אײַנגאַנצן אײַנגענומען טאַיען, ווען איך האָב זיך אָנגעטשעפּעט א פּאָר פּאַפּירענע עפּאָלעטן און געמאָלדן, אַז איך גיי מילכאָמע האַלטן מיט פּיליגווינעיע און אַז כ'וועל איר ברענגען א טראָפּיי.

אָבער צווייטן טאָג האָב איך זיך אומגעקערט פֿון דער פּיליגווינער קאַמפּאַניע. איך בין געשפּרונגען איבער די רעדער מיט די טראָפּייען אין די הענט. די טראָפּייען זײַנען באַשטאַנען פֿון צוויי שמאַנט־קוכנס. איר און מיר. פֿון מײַן קוכן האָט אָסיע אָפּגעגריזשעט א שטיקל.

איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פֿון וואַנט און בין פֿאַרשטײנערט געוואָרן. באַנאַנד מיט טאַיען האָט איבערן סעדל געשפּאַצירט אַן אומבאַקאַנט ייִנגעלע, אין אַן אוניפֿאָרם פֿון א שילער פֿונעם מיליטערישן קאַדעטן־קאָרפּוס. ער איז געווען א סאַך עלטער און העכער פֿון מיר. ער האָט געטראָגן עמעצנס עפּאָלעטן און אַן עמעצנס שפּיז און בכלל האָט ער זיך גרויס געהאַלטן.

— האַ! — האָט ער איבערגעשריִען דערזעענדיק מיך — אָט דער איז דאָס אײַער שוואַמבראַמאַן?

— הערט אײַם — האָט פֿאָרגעזעצט דער קאַדעט באַרײַדעוודיק — איר זײַט א צוויל ייִנגל... איז ווי־זשע שעמט איר זיך ניט אָנגריפֿן א פֿרײַנד מיט אַזוינע שײנע געמענט!!! איר ווייסט, וואָס איז אַזוינס קאַסקאַרא באַגאַדא? דאָס זײַנען, אַנטשולדיקט מיר פֿאַרן אויסדרוק, פּראָשקעס קעגן א פֿאַרשפּאַרעניש... עב, ווי אומגליקלעכער יאָרה, מע זעט באַלד, אַז עס איז א דאָקטערס א זינדל...

דאָס האָט מיך אָנגעצונדן.

— א קאַדעט ווי א פּלאָקן אין בעט! — האָב איך אַ געשריי געטאָן און בין אַרויף אפֿן דאַך. מיט א האַלבן קוכן האָב איך דערלאַנגט דעם קאַדעט. אַנדערהאַלבן האָב איך אַלײן אויפֿגעגעסן.

נאָכדעם האָב איך זיך אוועקגעלייגט אפֿן דאַך און גענומען איבערלעבן. איבער מיר האָט געסווישטשעט דער וואַכטעריסטאַר. אײַנזאַם און שטאָלץ בין איך געשווומען קיין שוואַמבראַניע. און דער טאָג, ווי א שיף,

האָט געהאַלטן באַם צושווימען צום אָוונט. און אינעם הויף זײַנען גע־פאַלן שאָטנס נעגלדיקע, ווי אַנקערס.

— צום טײַוול! — האָב איך געזאָגט.

נאָר דאָס איז ניט שײַער געווען שוואַמבראַניע.

## דער קריג-טעאַטער

איך שטויב קומט פאַר א מילכאָמע. א ברודער גייט אַף א ברודער. די דיסלאָקאַציע, דה. די לאַגע פון די קעמפנדיקע צדדים איז אַזאַ: שוואַמבראַניע איז אין טאָטנס קאַבינעט, פיליגווויניע — אין עסצימער. דער זאַל איז אָפּגעגעבן פאַר דער מילכאָמע. אינעם פינצטערן דורכגאַנג־צימער געפינט זיך די געפענקעניש.

איך, אַלס דער עלטסטער, בין נאַטירלעך באַ די שוואַמבראַנער. איך גרײַף אָן, באַוויַזנדיק זיך מיט א פּאַטעל און מיט די בלעטער פון די פיקוסן און ראָדאָ דענדראָנען. דאָס ברודערל אָסיע האָט זיך געהאַלטן אונטער דעם פיליגוויגער שווער פון עסצימער. ער שרײַט:

— בוסיפּו... פון ליאַליע! איך זע דאָך דיך, איך האָב דיך שוין צוויי מאָל דערהאַרגעט... און דו קריכסט נאָך אַלץ. לאָמיר מאַכן „אויס שפּיל"!

— ניט „אויס שפּיל" נאָר וואָפנשטילשטאַנד — האָב איך אים בייז פאַרריכט — און ווידער האָסטו מיך ניט דערהאַרגעט אַף טויט, דו האָסט מיך נאָר אָפּ דורך און דורך קאָנטוזיעט.

אין דורכגאַנג־צימער, דה. אין געפענקעניש, שמאַכט קלאַוודיוישע פון שכייניש הויף, מיר האָבן זי ספּעציעל אײַנגעלאַדן אין דער שפּיל, צו זײַן א געפאַנגענע, לויט דער ריי איז זי אָדער א שוואַמבראַנער אָדער א פיליטווינער באַרמהאַרציקע שוועסטער.

— מע וועט מיך שוין גיך באַפרײַען פון געפענקעניש? — פרעגט פאַרכטיק קלאַוודיוישע. איר האָט שוין אָנגעהויבן דערעסן דאָס זיצן כסדר אַזוי אין דער פינצטערניש.

— קאָנסט וואַרטן — ענטפער איך שטרענג. — אונטערן דרוק פון דעם סוינעס גרעסערע קרעפטן איז אונדזער העלדיש כאַיל אָפּגעטראָטן אין פולער אָרדענונג אַף די פריער צוגעגרייטע פּאָזיציעס.

דעם דאָזיקן אויסדרוק האָב איך גענומען פון די צײַטונגען. די טאָג־טעגלעכע יעדיעס פון פראָנט זײַנען פול מיט שייגע פאַרנעפּלטע ווערטער,

וואס באהאלטנ די פארשיידענע מיליטערישע אומאנגענעמלעכקייטנ, קארבאנעס, מאפאלעס אונ דאס לויפנ פונ די ארמייענ. אונ דאס אלצ רופט זיכ קלינגענדיק אונ פייערלעכ: דער קריג־טעאטער.

אפ די פאקאד־בילדלעכ פונ דער „ניווא“ דינט דאס פראנטעוואטע בטיעל אפ פריילעכ די מאלערישע מילכאמע. אפ די שטילע גענעראלישע אקסלענ האבנ זיכ צעלייגט די באגילדעטע פאפיליאטקעס פונ די עפא־לעטנ אונ אפ זייערע ברוכטנ גלאנצנ די אָרדענ־שטערנס. אפ די קא־לענדארנ, אפ די פאפיראסנ־קעסטלעכ, קארטלעכ, באנבאנישקעס, — אומעטומ וואראָרט זיינ העראָיזמ דער העלדישער קאזאק קאזמא קריו־טשקאוו.

ארויסלאזנדיק דעמ טשוב פונ אונטער דעמ אפ א זייט פאר־וואָרפענעמ היטל פארניכטעט ער פאטרולנ, עסקאדראָנענ, פאלקנ, גאנ־צע ארמייענ דייטשנ... אפ די גימנאזישע גאמעס־דינסטנ ווינטשעוועט מענ לאנגע יאָרנ דעמ „קריסטוס־געליבטנ בניעק“. מיר, די גימנאזיסטנ, ארומגעבונדנ מיט דרייקאָליגדיקע שארפנ, פארקויפנ איבער די גאסנ די פענדלעכ פונ די פארבינדעטע.

אינ די פרשקעס, וואס זיינענ איבערגעבליבנ פונ דער „וויסער ראמאשקע“*, קלינגענ געשאנקענע קריגערישע מאטיוונ. מיט שטאלצ ליגנ מיר צו די הענט צו די דאשקעס פונ די היטלענ, דערזעענדיק שלאנקע אפיצערנ.

טראפייענ אפנ פראנט... געפאנגענע... איז הימער, מוזיק, שפיל דעמ זינ! מיר האבנ געזיגט — עס לויפט, עס לויפט דער פיינט... אטאקעס, מאניפעסטנ... איז פארנ צאר, פאר ראסיי... פאר אונדזער גלויבנ...

אפנ אריגינאל איז מיט דער אייגענער האנט פונ זיינ קייסערלעכער מאיעסטעט אויסגעקריצט: „ניקאלײַ“.

די וועלט איז פול מיט מילכאמע. די מילכאמע — א גרויסע, א שיינע, א פייערלעכע פילט אנ אונחזערע געשפרעכנ, כאלוימעס, שפילנ, געדאנקענ. מיר שפילנ נאר אינ מילכאמע.

...דער וואפנשטילשטאנד האט זיכ געענדיקט. מיינ מיליטער שלאנט זיכ אפ די צוטריטנ פונ פאדערצימער.

---

* דער סאג פונ דער „וויסער ראמאשקע“ איז באשטימט געווארנ פאר געלט־זאמלונגענ צו קעמפנ קעגנ טובערקוליאז.

561—5

אין קריג־זאַל באַווייזט זיך אָנגעשטריקט די גייטראַלע אַנושקע און פֿאָדערט, מיר זאָלן טייקעף באַפֿרײַען קלאַודיען פֿון געפֿענקעניש. אַז איר וואַרט די מאַמע אין קיך.

ס׳ווערט געמאָלדן „אוים שפּיל", ד.ה. וואַפֿנשטילשטאַנד. מיר לויפֿן אין קיך.

קלאַודיעס מאַמע, דער שכנס קעכן, א פּרויענצימער מיט א שטענדיק פֿאַרשוואָלן געזיכט, זיצט לעבן טיש. א גרויסער קאָנווערט ליגט לעבן איר. זי גריסט זיך מיט אונדז און נעמט פֿאָרזיכטיק דעם בריוו.

— קלאַודיושע — זאָגט זי, דרייענדיק אין פֿאַרלעגנהייט דעם קאָנווערט, — פֿון פּעטרונקעס איז אָנגעקומען א בריוו. בעט דעם יונגנמאַן, ער זאָל איבערלייענען אין דער היים. ווי לעבט ער האָרטן... גאָט מײַנער..

איך זע אויפֿן קאָנווערט דעם הייליקן שטעמפּל „פֿון דער ווירקנדיקער אַרמיי".

מיט דערעכערעג נעם איך דעם בריוו אין האַנט. א באַנג אַבטונג און באַגײַסטערונג האָט זיך אָנגעקליבן אין די שפּיץ פֿינגער. פֿון דאָרטן א בריוו! א בריוו פֿון דער מילכאָמע! „מאַרש פֿאָרויס, מאַרש, שוואַרצע גוסאַרן!" „אַפֿן אָריגינאַל איז מיט דער אייגענער האַנט פֿון זײַן מאַיעסטעט..."

איך לייען הויך, מיט א פֿרייִלעכער שטימע:

„...און נאָך טײַערע מאַמע, יעוודאָקיע קאָנסטאַנטינאָוונא, אַבי איך זיך אַבער מיטיילן, אַז דעם דאָזיקן בריוו שרײַב איך ניט אונטער מיט דער אייגענער האַנט, ווײַל מע האָט מיך שטאַרק פֿאַרוווּנדעט אין שלאַכט, און מע האָט זי מיר אין לאַזאַרעט אָראָפּגעשניטן ביז עלנבויגן, אָראָפּגעשניטן אינגאַנצן..." איך שטעל זיך אָפּ א דערשיטערטער... קלאַודיעס מאַמע וויינט אָפֿן קאָל, צופֿאַלנדיק מיטן צעשויבערטן קאָפּ צום טיש.

וועלנדיק ווי ניט איז טרייסטן אי זי אי אַליין זיך, זאָג איך ניט זיכער:

— ער וועט געווים באַקומען אַן אָרדען... א זילבערנעם... ער וועט ווערן א געאָרג־קאַוואַליער...

כ׳האָב עס געזאָגט, ווײַל כ׳האָב דערפֿילט, אַז די רעפּוטאַציע פֿון דער מילכאָמע איז אונטערגעגעצט געוואָרן פֿון דעם נאַסן בלוט... נאָר כ׳האָב דאַכט זיך געטאָן א גרויסע נאַרישקייט!

# דער אויסזען פון דער מילכאָמע דורכן פענצטער

אין קלאס גייט א גרינגער לימעד פון אלגעברע. קארליטש, דער לערער פון מאטעמאטיק, איז קראנק. צייטווייליק פארבייט אים דער גוזאלריקער גורגיק — דער אקציז־באאמטער סטאניסלאוו גענאדי אלעקסייעוויטש, וואס באהאלט זיך פון דער מאביליזאציע, און מיר רופן אים גניעדוי אלעקסיאוו.

אפן פלאץ, פאר דער גימנאזיע, לערנט מען און מע מושטירט די סאָלדאטן פונעם 214־טן פאָלק. דורך דער אָפענער פאָרטקע, פלאטערנדיק די אלגעבראישע פאָרמולעס, פליען אריין לידער און די קאָמאנדע:

— אב, צומבא, צומבא, צומבא, מאדריד און ליסאבאָן!... גלייך זיך! ערשטער, צווייטער... ציילט זיך!

— ראסקודריא־קודריא־קו־ראסקודריאוואיא מאָיא...

— איינס־צוויי! איינס־צוויי... מיט דער לינקער!... איינס־צוויי!

— טשובאריקי — טשובטשיק...

— זדרא־זשלא־וואשדיטסטוואָ!...

— ווי שטייסטו, טעוול? גלייך זיך! העכערקער!...

— פאָרויס שטעכן, צוריק שטעכן, פאָרויס קלאפ!... לינקס איינס!... אריש!...

— אורא־א־א־א !!

פון די ברייט צעגומענע מיילער, פון די אנגעשטרענגטע העלדזער קריכט מיט א כריפע דער „הורא”. די באגנעטן קריכן עקלדיק אין די משומשעלעס. הויפנס שפרוי קריכן ארויס ווי קישקעס פונעם צעטרענטן זאק־בויך.

— ווער האט זיך דארטן פארקוקט אין פענצטער? מארטינענקא, ארעראבע, כאזערט נאר איבער, וואס איך האב נארוואס געזאגט.

דער גרויסער מארטינענקא, מיטן צינעמעניש בינדויג, רייסט אפ די אויגן פונעם פענצטער און שפרינגט אוף:

— נו, וואס האב איך נארוואס געגעבן צו פארשטיין? — שטייט צו צו אים גניעדוי אלעקסעאיו. — ניט געהערט... אין פענצטער געקוקט... נו, צו וואס איז גלייך דער קוואדראט פון דער סומע פון צוויי קאטעטן?...

— נו... ס'האט... — פלאנטערט מארטינענקא און הייבט אן פליצעמ

אונטערוויינסענ: ער גליטשט זיכ אפ רעלסנ... ערשטער, צווייטער, ציילנ זיכ, פליוס פארדאָפּלטע שטערנגעס...

דער קלאָס קיכט פונ געלעכטער.

— איכ שטעל אייכ, לערער, אנ אינס! מאַרש צומ ווענטל.

— פאראנ! — ראַפּאָרטירט מאַרטינענקאָ אונ ווערט פארטליווערט אינ א מיליטערישער פּאָזע.

דער קלאַס איז זייער פריילעכ. די פּענעס זינגענ.

— מאַרטינענקאָ, ארויס וואָנ פונ קלאַס! — באפעלט דער פּעדאַגאָג. מאַרטינענקאָ קאָמאַנדעוועט זיכ אליינ:

— צומ צערעמאָניאַל־מאַרש... זיכ גליטשנ אפ דער קאַטעדרע... אי־בערנ קאָרידאָר... אַרש!..

— וואָס איז דאָס פאַר א שקאָצעריי? — שפּרינגט אפ דער לע־רער, — כ'וועל אייכ פאַרשרייבנ אינ זשורנאַל. איר וועט זיצנ נאָכנ לי־מעד.

— שטובאַריקים־טובטשיק — דערהערט זיכ דורכ דער פּאַרטע — ווי שטייסטו, מעמזל! הדבי שאַ אונטער דער ביקס... מטובאַריקי־טיטובטשיק...

## די ערשטע קאַנאָנ, אַפּשכי!

באַצ!!! הינטערנ טאָוול האָט אויסגעשאָסנ דאָס אייזעלע... טראַ־אַ־אַכ!.. טאַרטאַ. ווייסנדיק סאַמאַליקאָוס האָס צו שיבערנ, האָט עמעצ־ער אַריינגעלייגט פּאַטראָנעס אינ דער הרובע.

דער לערער ווערט בלייכ אונ שפּרינגט אופ. איבערנ קלאַס קריכנ א שטיקנדיקער רויכ. דער לערער לויפט צומ טאָוול. אפנ זיצנ טרעט ער אָנ אַפּ אַנ אומשולדיק קנײַלכל פּאַפּיר. דער קלאַס וואַרט שטיל. טראַכ!!! דאָס קנײַלכל האָט זיכ אופגעריסנ מיט א טראַסק. דער פּע־דאַגאָג שפּרינגט אונטער פאַרצווייפלט. ווי נאָר זײַנ צווייטע פּאַדעשווע האָט זיכ אָנגערירט אַנ דיל, קומט פּאָר אונטער איר א צווייטער אופּ־רײַס. דער קלאַס קריכט אַראָפּ אונטער די פּאַרטעס, ווערגנדיק זיכ מיט שטומענ געלעכטער. דער אויסגעשראָקנער לערער דרייט זיכ אויס צומ קלאַס. נאָר אַפּ די פּאַרטעס דערזעט ער קיינעמ ניט. דער קלאַס איז ליידיק. מיר דרייענ זיכ, מיר קאַטשענ זיכ פונ געלעכטער אינטער־די פּאַרטעס.

— אויסוואָרף! — שרייט דער לערער פאַרצווייפלט — אַלעמען וועל איך פאַרשרייבן!!!

ער לאָזט זיך פאָרזיכטיק אַף די שפּיץ פינגער, צו דער קאַטעדרע. פון זײַנע פאַרעשוועס גייט אַ רויך. ער נעמט אַרויס פון דער קאַטעדרע די טאַבאַקערקע, די איינציקע טרייסט אין די שווערע מינוטן. נאָר אין טאַ־באַקערקע האָבן מיר שוין לאַנג אָנגעשאָטן פּולווער און צעריבענעם פעפער.

מיט אויפגערעגטע נאָזלעכער כאַפּט ער אַ שמעק פון אַם אַ דעם שוידערלעכן געמיש. נאָכדעם ווערט ער פאַרגליווערט — מיט אַן אָפענעם מויל און אויסגעגלאָצטע אויגן.

אַ שוידערלעכער, אויפגעצודריקטער אַפּטשכי האָט אים אויפגעטרייסלט. דער קלאַס ווערט ווידער פול. די פּאַרטעס שפּרינגען פון געלעכטער. מאַרטינענקאָ קאָמאַנדעוועט, אויפהייבנדיק די האַנט.

— די צווייטע קאַנאָן — פייער!

— אַ־אַפּ־טשכי!!! — גיט אַ ניס דער אומגליקלעכער סאַמליסאָוו.

— די דריטע קאַנאָן!...

— טשכי־י!.. אַכ!

אומגעריכט האָט זיך געעפנט די טיר. מיר שטייען אויף. ס'גייט אַרײַן דער דירעקטאָר. די שיסערײַ, דער געלעכטער און דאָס קאַנאָנען־ניסן האָבן אים צעצויגן.

— וואָס קומט דאָ פאָר? — פרעגט דער דירעקטאָר קאַלט, באַ־טראַכטנדיק דעם רויט געוואָרענעם פּעדאַגאָג און די אויסגעצויגענע פּנימער פון די גימנאַזיסטן.

— זיי... אַכ... אַא! — שטאַמלט גניעדוי אַליסיאָוו — אַפּטשכי!... אַכ... טשכי!..

דעמלט פרעגט דער דעזשורנער נעבן צו פאַרשטיין דעם דירעקטאָר:

— יורנאַל באַנאַמיטש, די גאַנצע צײַט האַלטן זיי אין איין גרעפּצן און ניסן...

— איך פרעג מען ניט — הייבט זיך אָן אָנשטויסן דער דירעקטאָר — נידערטרעכטיקע יונגלעך!.. גנאָדי אַלעקסייעוויטש! זײַט אַזוי גוט, קומט אַרײַן צו מיר אין קאַבינעט!

ניסנדיק דעם דירעקטאָר אין פּלייצע, שלעפּט זיך אַלעקסיאָוו אַוועק נאָכן דירעקטאָר.

מער האָט ער זיך שוין אין קלאַס ניט אומגעקערט.

מיר זײַנען פּאָטער געוואָרן פון גניעדוי אַליעקסאָוו.

# דער קאָמאַנדיר פֿון קלאַסן און דער מענטאָר פֿון דער ראָטע

— די צײַט שמעקט מיט פּולווער! — זאָגן די דערוואַקסענע, און שאָקלען פֿאַרצווייפֿלט מיט די קעפּ.

דער גערוך פֿון פּולווער דרינגט דורך די גימנאַזיע. די קלאַסן זײַנען געפֿערלעך. יעדע פּאַרטע איז א פּולווער־סקלאַד, אַן אַרסענאַל, א צייכהויז. אַלע טאָג רעגיסטרירט דער סאַנדויִם:

— ווידאַלי מאַליאַנאָוו, א שילער פֿון פֿערטן קלאַס, זיך געפּרוּווט אַנטלויפֿן „אויף דער מילחמה". דער הער אויפֿזעער האָט אים פֿאַרהאַלטן באַם האַפֿן. בײַ ווידאַלי מאַליאַנאָוו האָט מען אָפּגענומען: א רעוואָלווער פֿון דער סיסטעם „סמיט־ווּעסאָן" און א געגאַנווענעם קעסעלע, וואָס געהערט א שטאָט־הענדלער, מ'זײַנען אַרויסגעריסן געוואָרן די עלטערן.

— באַם שילער פֿון צווייטן קלאַס ניקאָלײַ שטשערבינין האָט מען געפֿונען אין דער פּאַרטע: איין שפּאָלעס, א הענטל פֿון א שאַשקע, א פּאַקעט מיט פּולווער און עפּעס א ליידיק מעטאַל־רערל. אין רענצל האָט מען בײַ אים געפֿונען א שטיקל פֿון א באַגנעט, א רעוואָלווער „פֿינאַטש", א סאָלדאַטישן קיבעט, א קאָקאַרדע און א האַנט־גראַנאַטע (אַן אויסגעלאָדענע). ער איז צוויי מאָל איבערגעלאָזן געוואָרן צו דרײַ־שאָ נאָך די לימודים.

— דער שילער מאַרשטין סטערענטי האָט פֿלימערשט אומגערן צוויי מאָל אויסגעשאָסן בײַם דעם לערער. ער האָט צעבראָכן א שויב און פֿאַרומרייניקט די לופֿט. מ'האָט אים פֿאַרווערט באַזוכן די לימודים אין משך פֿון א וואָך צײַט.

די גימנאַזיסטן גייען קלינגענדיק: די קעשענעס זײַנען פֿול מיט אויסגעשאָסענע הילזעס. מיר קלײַבן זיי אויף אַפֿן טיר, הינטערן בעטיי־לעם. א ראַבושטריקער ווינט שפּילט אַפֿן בעסאַלמען אין קעסטעלעך. פֿון היטמערט בשתּל וועט מען די האַנט־גראַנאַטעס פֿון די ווענט־מילן. זיי באַלאַנסעט דעם בערגל מיט די פּאַבריקע געפֿאַטשריצן פֿון זייערע פֿלינלען. דער וואַנגער האָריזאָנט זעט אויס ווי די ברוסט פֿון א העלד. אויפֿן קלײנעם פּלאַץ גרעסט דאָס מיליטערישע שטעטל.

אין אירע הילצערנע באַראַקעס געפֿינט זיך אין דער 214־טער פּאָלק. דער ווינט ברענגט צו טראָגן דעם רייעך פֿון באָרשט, שטיוול און אַנדע־רע רייכעס פֿון יאַרמײַישן הינטערלאַנד. צווישן אונדז, גימנאַזיסטן, און

די סאָלדאַטנ פונעם 214־טנ אינפאַנטעריע־פּאָלק הערשט א געשעפטי־לעבע פריינטשאַפט. דורכ די הראַט־פּאַרצאַמונגענ פונעם מיליטערישנ שטעטל, בײטנ מיר אויס אונדזערע פּוטערברויט, אוגערקעס, געזאַלצענע עפּל און אַנדערע ציווילע פּראָדוקטנ אַפ באַגערטע אַביעקטנ פונ אַר־מייִשנ אויסטויש: פּוסטע פּאַטראָנעס, ספּראָנטיקעס, קאָקאַרדעס און צעריסענע עפּאָלעטנ. באַזונדערס טײַער זײנענ אָפיצירישע עפּאָלעטנ. פאַר אייג אויסגעצײכנטע עפּאָלעט מיט א פּראַפּאַרשטשיק, האָב איכ דעמ קאַפּטענאַרמוס מיראַר דאָלבאַנאָוו געגעבנ: צוויי פּוטערברויטלעכ מיט שינקע, א שטיק שאָקאָלאַד „גאַלאַפּעטער״ און דעמ טאַטנס פײנע פּאַפּיראָס „טריומפ״.

— א ביסל וואָליול, — האָט געזאָגט דערבײ מיראַר דאָלבאַנאָוו, — נאָר צוליב באַקאַנטשאַפט. הייסט עס. לויט מײנ מיינונג זײט איר געמאַזאָלטע אַרציינס, ווי אונדזערע סאָלדאַטנ... אי די אינ־פּאַרט אי דאָס לערנענ עמעס, זאָג איכ?

מיראַר דאָלבאַנאָוו האָט ליב געהאַט רײדנ וועגנ בילדונג:

— נאָר די מיליטערישע וויסנשאַפט, ברידער, פאָדערט אָנשטרענ־גונג, — האָט דאָלבאַנאָוו פילאָסאָפירט, אַרײנשלינגענדיק דערביי אונדזער קאָלבאַס, — מיט איינער לערנונג קאָנ מענ דאָס ניט פאַרגלײכנ. יאָ. דאָס איז אײכ ניט קײנ אַריפמעטיקע, אַלגעבּרע און אַנדערע ליטעראַ־טור... און זאָג מיר, איכ דו ביסט א געבילדעטער, ווי דאַרפ מענ זאָגנ דעמ פּאָלק־קאָמאַנדיר — „וויסאָקאָראָדיע״ אָדער „וויסאָקאָבלאָ־נאָראָדיע״?

— מיר זײנענ דאָס נאָכ ניט דורכגעגאַנגענ, — האָב איכ זיכ באַרעכטפערט פאַרשעמט.

— זעסטו... נו, און דער קאָמאַנדיר פונ קאָרפּוס איז בײ אײכ ווער? א בייזער?

— א שטרענגער, — ענטפער איכ, — ווי נאָר עפּעס, שטעלט ער גלײכ צומ וואַנט, פאַרשרײבט אינ קאָנדויט און לאָזט איבער אָנ יאַרמעס. א טײוול!

— אָט א פּאָסקודסטווע! — האָט אינדז מיטגעפילט מיראַר דאָל־באַנאָוו — ס'קומט אויס, אז ער איז א טײוול, ווי אונדזער ראָטנער.

— און בײ אײכ איז פאַראַנ א ראָטנער אויזוער? — פרעג איכ.

— ניט קײנ אויזוער, נאָר א קאָמאַנדיר — ראַקעס זאָלנ אימ עסנ! — פאַרבײט אונדז דאָלבאַנאָוו — זײנ ...נעבורעס. דער קאָ־

מאנדיר, דער פּאָרוטשיק כאָפּליקאָוו געגאַרי אַלעקסעיעוו, דער פֿאַר־
פלוכטער טײַוול.

— גניעדוי אַליעקסיאָוו! — האָב איכ אויסגעשריִענ איבעראַשט.

## סאָלדאַטעלעכ

די ערשטע גימנאַזיסטקעס האָבנ געשפּאַצירט איבער ברעשקע מיט די פּראַפּאַרשטשיקעס. כאָטש עס איז געווענ קעגנ דעמ מינהעג, נאָכ פֿונדעסטוועגנ האָט מענ פֿאַר די העלדישע אָפֿיצערנ געמאַכט אַנ אויסנאַמ. די כאַבראַטנ פֿלעגנ געבנ „טשעסט", די גימנאַזיסטקעס פֿלעגנ קאָקעטיש פֿליקנ קאָרפּי. מיר זײַנענ זיי מעקאַנע געווענ.

אײנמאָל איז בײַמ דעמ לימער ארײַנגעגאַנגענ אינ קלאַס דער אינספּעקטאָר. זײַנ באָרד האָט אויסגעזעענ דירנדיק אונ אימפּאָזאַנט.

— אינ שטאָט זײַנענ אָנגעקומענ די ערשטע פֿאַרוווּנדעטע פֿונ דער ווירקלדיקער ארמיי, — האָט געזאָגט דער אינספּעקטאָר, — מירנ זיי גייִנ באַגעגענענ... היי, כאָמיטאַסקע, צו אַלע דייך איכ, דאַכט זיכ מיטינג, גלאָמ דו אײַנער, דו ווערסט בא מיר איבערבלײַבנ נאָכ אַמ א שעה. אווי, הייסט עס, זאָג איכ, וועלנ מיר ארויס די גאַנצע גימנאַזיע באַגעגענענ אונדזערע העלדישע סאָלדאַטנ. וועלכע... האָבנ... זיי זאָגט מענ עס... געליטנ פֿאַרנ לאַנד, פֿאַרנ קייסער אונ פֿאַר אונדזער פּראַ־וואָסלאַווגעמ גלויבנ... מיט אײנ וואָרט, זיכ אויסשטעלנ, צו צוויי אינ א שערענגע! נאָכ פֿירנ זיכ אינ גאַס, ווי געהעריק. איר הערט! אונט וועל איכ אײַכ... ארבאַראָווצעס, טויגעניכטס, באַשיבוזוקעס, איר וועט מיכ האָבנ צו געדענקענ!

די גאַסנ זײַנענ פֿול געווענ מיט מענטשנ. עס זײַנענ געהאַנגענ דרײַקאָלירנדיקע פֿאָנענ. די פֿאַרוווּנדעטע האָט מענ אײַנציקווײַז גע־פֿירט אינ די באַפּוצטע פֿאַיטאָנעס פֿונ די שטאָטישע נגידימ. יעדנ סאָלדאַט האָט אונטערגעהאַלטנ א דאַמע פֿונעמ צדאָקעקרײַז. די דאַמענ זײַנענ געווענ אָנגעטאָנ ווי באַרעמהאַרציקע שוועסטערס. דאָכ אַלצ איז געווענ ענלעכ אַמ א כאַסענע. די גאָראָראָווויעס האָבנ אַפּ געגעבנ „טשעסט".

די פֿאַרוווּנדעטע האָט מענ באַשטאַט אינעמ נײַיִנגס לאַזאַרעט, אינ דער געוועזענער פּראָפֿעסיעשול. דאָרטנ האָבנ געבאַלעבאַטשעט פּאַרבאַפּטע דאַמענ. דאַ טאַקע, אינ דער גרויסער פּאַלאַטע, איז אײַנ־

נעארדנט געווארן א פייערלעכער קאנצערט. די איבערגעצוואנגענע. ארומ-
געראזירטע פראנטאוויקעס, ארומגעלייגט מיט קישעלעך-באנבאניער-
רעס, מיט שאכטלעך קאנפעקטן האבן אין פארלעגנהייט געהערט די
פאטריאטישע רעדעס. אייניקע האבן געהאלטן די שטאלצן מיט
שלייפלעך באצירטע, דער גרעסטער טייל זיינען געווען נאר גרינג
פארוואונדעטע. די דאמען האבן זיך אויס געבייזערט:

— דאס איז דאך אומדערהערט, — האבן זיי זיך געשעפטשעט
אנטוישט — טימאט בא אלעמען א נישטיקער גראבל — באמש איין
שייעדער באר זאל זיין! באראטאיי דאס אייארע נעראנג דריי האבער-
נינגלאיע... א ראשמאר! א קאשמאר!

אינדערפרי א גימנאזיסט שטיינצאיר, פון ערשטן קלאס האט אפדע-
קלאמירט די ליד „בעלגישע רידער". דינסער זיין שלייער האבן זיך
אריבערגעשטעלט יערב גימנאזיסטן פון צווייטן קלאס אין באגלייט מיט
גימנאזיסטישע באלעלייקעס זיין לייענען. די טאבטער פינעט יעמבר
נאטשאליר, די גימנאזיסטין יאראנאיא, האט איבערגעשפילט אפן
ראיאל קלינגט „ישאריאראנאק". די פארוויינדעטע האבן זיך אימ-
ייך געדרייט אין די בענקלעך דער לעצטער איז ארויסגעטראגן דער
פארמאצייט פון דער פריוואטער אפטייק, — א פאעט אין א טעגאר.
נאכדעם האט זיך פון בעטל איבערגעהויבן א דיקער יידישער פאלאט
אין האט זיך פארכמיה איבערגעהויבט.

— בימע! בימע! — האבן אלע געשריגן אין אפלאדירט אימ.
יענע אלע זיינען שטיל געווארן. האט דער פארוויינדעטער געזאגט:

— דעלייבט ואנג... דער דאקטער אין כאשערע דערן האמענטי-
רעס אין שייעבטער יאאי! מיר זיינען איבער פאר דעם אלעמ ייניר-
ראנבאר. נאר ייענ איר... אנגעשטרייטע... עס ייירט זיך שלאפן.
יייל מיר האבן אין ייענ דריי מענ דיין איין נישט-צינעמאכט.

„מאלא קוטשא"

אין די באראקעס האט מען געשיקט סאלדאטן. אין דער אפיציר-
רישער פארזאמלונג האט עפעס א פראפארשטשיק אנגערופן דעם
צווייטן. ארמיאנסקאיא כמארא". דער באליידיקטער האט איבערגעשיק-
ט אינעם באליידיקער אין איפ דערהאנגט אפן ארט. די פארוואונדעטע

פון פראנט האט מען געפירט, ווי עס האט זיך געמאכט, אין געליינט. ווו ס'האט זיך געמאכט.

נאכדעם האט מען גענומען פערעמישל. די מעל־הענדלער, סוביעקטן פון דער פארשטאט קראסניאווסקע און אייניקע מטשינאווניקעס זיינען דורכגעגאנגען איבער די גאסן און האבן געטראגן, ווי אן איקאנע, דעם קייסערס פארטרעט. זיי האבן פארפאסקודעט די ליפן מיט געוויינען, מיט דער דרעקאלירנדיקער שמאטע און מיטן גערוך פון דענאטוראט. פונקט ווי מע וואלט די פייערונג אונטערגעווארעמט אף א ספירטאווקע.

ווידער איז דער אינספעקטער געגאנגען איבער די קלאסן. ער האט געטראגן זיין פאראדנע בארד, א פייערלעכע אין א זינגדיקע, ווי א הייליקייט.

מיר זיינען ארויס אפן גאנעקל פון דער גימנאזיע באגריסן די מאניפעסטאנטן. לויטן דירעקטערס סיגנאל האבן מיר געשריגן „הורא”.

אין ס'איז געווען עפעס עקלדיקס אין אט דער רעוועדיקער מאסע. ס'האט זיך אויסגעדוכט, אז זיי וועלן באלד נעמען האקן פענצטער און הארגענען מענטשן... עפעס א מין טעמפע, שטיקנדיקע קראפט האט זיך געדרוקט אף אונדז און געדריקט דעם באוווסטזיין. דאס איז געווען ענלעך אפן געפיל פון א מענטשן, וואס פאלט אראפ אפן סאמע עק — אין דער „מאלא קוטשא”. ווען אף דיר, אף דעם הילפלאזן, וואלגערט זיך אן די פינצטערע דערשטיקעניש און מע האט אפילו ניט די מעגלעכקייט ארויסצולאזן א געשריי...

פונדעסטוועגן איז אלץ דורכגעגאנגען בעשאלעם. גאר באנאכט האט מען ארויסגערופן דעם טאטן דעם דאקטער ראטעווען א יידישן פאטריאט, וואס האט זיך אנגעטרונקען מיט דענאטוראט.

די מאניפעסטאציע האט געמאכט א גוואלטיקן איינדרוק אף אסיען. אסיע איז געווען א גרויסער פלאטערקאפ, א נאכמאכער און א פאנטאסט. פאר יעדער זאך האט ער געפונען א שפאגל־נייעם טאביעס. ער האט געזען די צווייטע נעשאמע פון די זאכן. אין יענע טעג, ווי מע זאגט היינט, האט אסיע ארימגעשפילט... דאס אפגעבראכענע בענקל... פון אוניטאז. פריער ארייגגערוקט אין בענקל פון אוניטאז דעם הוימען פון סאמאוואר און ס'האט זיך באקומען א קוילנוואַרפּער־מאשינע” מיט א שייגל. נאכדעם האט ער דאס בענקל אנגעטאן דעם

הילצערנעם פערד אפן קאפ, ווי א כאמעט. דאס אלץ האט מען נאך געקאנט דערליידן, כאטש ס'איז געווען ניט לייכט... נאר אפ מארגן נאך דער מאניפעסטאציע האט אפיע אראנזשירט אין הויף א שוואמ־בראנער און א פולשטענדיק גאט־לעסטערישע פראצעסיע. קאוודייסע האט געטראגן אפ א בארשט עמעצנס א פאר הויזן, מיט שטריפקעס, וואס האבן געדארפט פארשטעלן די קירכנפאן. און אפיע האט גע־טראגן דאס באריסטע בענקל. אין דער לאך האט ער ארויסגעשטעלט, ווי אין א ראם, דעם פארטרעט פונעם קייסער ניקאלײַ דעם צווייטן, וועלכן ער האט אויסגעשניטן פון דער „ניווא".

דער אופגערעגטער הויפוועכטער האט געבראכט די מאניפע־סטאנטן צום טאטן. ער האט געסטראשעט, אז ער וועט אנקלאגן אין דער פאליציי, נאר ווען ער האט אראפגעלאזט אין קעשענע דעם טאטנס א קליין כאבארל, איז ער גיך שטיל געווארן.

## דער סוינע אין פאקראווסק

איינמאל האט מען געבראכט קיין פאקראווסק די ערשטע פארטיע געפאנגענע. דאס זיינען געווען עסטרייכער. אין גרויע היטלען, געטריבן אין גוואלדאווע גראבע שיך, ארומגעריסענע און דערשראקענע זיי־נען זיי געשטאנען בא דער וואלאסט־פארוואלטונג. א נייגעריקע מאסע האט אן סינע באטראכט די געפאנגענע.

— אווסטריאקעס! — האבן געשריען די יינגלעך.

דער אינספעקטער האט אונדז געפירט אנקעגן פונעם באזיגטן און געפאנגענעם סוינע. דעם אינספעקטערס צוויישפיציקע קרייטערישע באָרד האט פאנאנדערגעטופעט דעם אוילעם. מיר זיינען אויך פארויס. היינטערי־קע, אופגעציירטערטע פעגעמער האבן אונדז איינטערטעניק באטראכט. און דאס איז געווען דער „סוינע", דער עמעסער, דער ניט אנגעמאַר־טער, דער לעבעדיקער פיינט, טאקע דער ווערבער פיינט, וואס אינטערן דרוק פון זיינע גרעסערע קויכעס, איז אונדזער כוואלע, ווי עס שרייבן די צייטונגען, אפגעטראטן אין אזוי ווייטער... עטלעכע סעקונדן האבן מיר זיך נאך געבלאזן, זיך אנגעמענדיק קינסטלעך מיט כינע, נאר אינ־גיכן האבן מיר אויפגעהערט צו בלאזן זיך... אויסער נייגעריקייט איז בא אונדז גארנישט געבליבן צו די פארברוינטע געפאנגענע מאדיארן, טשעכן...

דער אינספּעקטאָר, ווי אַן אויפֿוועקער פֿון אַ מוזיי, האָט רויִק און זיכער אָנגעהויבן דערציילן דעם אַרומיקן עולם וועגן עסטרײַך, וועגן זײַן פֿאָנע און פֿלאָרע... נאָר פּלוצעם האָט זיך איינער פֿון די געפֿאַנגענע געווענדט צו אים אויף רוסיש, נאָר מיט עפּעס אַן אַקצענט:

— איך בעט באַם הער אַנטשולדיקונג, נאָר קיין זעבראַס זײַנען ניטאָ בײַ אונדז...

דער אינספּעקטאָר האָט זיך פֿאַרלאָרן.

— פֿונדעסטוועגן, ווי זאָגט מען עס, טרעפֿן זיי זיך אַמאָל — ענטפֿערט אים מיט געבעט דער אינספּעקטאָר.

— אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, — ענטפֿערט ווידער דער געפֿאַנגענער.

אין דער זעלבער צײַט האָט שוין סטיאָפּקע גאָרדיע באַוויזן אויסצו־בײַטן אַ בילקע מיט וואָבלע אויף אַ פּאָר עסטרײַכישע עפּאָלעטן. כ'איי אוועק אַ פֿריילעכער האַנדל. נאָר ווי דער אינספּעקטאָר האָט עס דער־זען, האָט ער גלײַך באַפֿוילן אויפֿהערן מיט דעם, לויט זײַן אויסדרוק, ניט פּאַסיקן האַנדל, געבנדיק צו וויסן דערמיט, אַז מע קאָן אַרײַנפֿאַלן אין קאָנדויט אויך פֿאַר האָבן באַציִונגען מיטן פֿײַנט.

## דער גײַסט פֿון דער צײַט

בײַם לימעד פֿון געשיכטע זאָגט דער לערער:

— די טערקן, פּונקט ווי אַלע מוסולמענער, טײַטן זיך אויס מיט זייער אומענטשלעכער אַכזריעס, בלוטדאָרשטיקייט און רציחה. זייער הייליקער קאָראַן לערנט זיי האַרגענען קריסטן אָן ראַכמאָנעס, ווײַל וואָס מער „אומגלייביקע" קריסטן אַ טערק האַרגעט, אַלץ מער אַוועירעס ווערן אים פֿאַרגעבן. נאָר אין דער איצטיקער מילכאָמע האָבן די קולטורעלע דײַטשן איבערגעשטיגן אין בלוטדאָרשטיקייט די טערקן. זיי, די דײַטשן, האָבן באַרבאַריש כאָרעוו געמאַכט...

דער קלאַס דרייט זיך אויס און קוקט מיט פֿאַרוואורף אויף היפּעלדן: קופּעלד איז אַ דײַטש. דער קלאַס קוקט פֿאַרביטערט אויף רעקלינ־גען. רעקלינג איז אויך אַ דײַטש. דער קלאַס קוקט בייז אויף קלײַבערגן, וויחקעלן, פֿריצלערן... קרייבעשן, ווירקעלע, פֿריצלער — זיי זײַנען אַלע דײַטשן. דער סוינע! — דער פֿײַנט איז אין קלאַס!

— און די ייִדן? — פֿרעגט פּלוצעם דער קליינטשיקער געשעקע קריו־

בערג — און די יונגע ס'איז עפּעס, וואָס מע זאָגט, אַז זיי זיינען אויך ביטהורישטיק, קוריר מיכאַליטש! און זיי פֿאַרקויפֿן רוסלאַנד...

איצטער קוקט דער גאַנצער קלאַס אַף מיר. איך רויטל זיך אַזוי שרעקלעך, אַז מיר ווײַזט זיך אויס, אַז דאָס בלוט אין פּנים האָט זיך שוין דורכגעריסן דורך דער הויט.

— דאָס קער זיך ניט אָן צום לימעד, — ענטפֿערט דער לערער, — היינט ריידן מיר ניט וועגן זיי.

ביזן איבערבײַס ווערט דער טאָוול — די שוואַרצע טריבונע, דער אַריאַרמיגראַק פֿון קלאַס — באַדעקט מיט גרויסע אויפֿשריפֿטן: „שלאָג די יעקעס!" „קרייבערג — דייטש, פּעפּער, קאַרבעס..." „אַלע ייִדן זיינען פֿאַררעטער".

דער ווײַטערדיקער לימעד איז „זאַקאָן באָזשי". נאָכן קלינגל, ווי שטענדיק פֿאַר דעם דאָזיקן לימעד, קומט דער אינספּעקטאָר. ער גייט צו צו מײַן פּאַרטע.

— גענדינער, אַרויס! — שרייט דער אינספּעקטאָר, — טרייבן אַרויס, דעזשורנער, די רעשאָים פֿון נאָכט פּאַראַץ.

איך און די רעשטע פֿאַרלאָזן דעם קלאַס.

די רעשטע האָט מען אין אונדזער מיטבאָמע ניט אָנגענומען. זיי האָט מען ניט דערלאָזן אין דער גימנאַזיסטישער אַרמיי. די גימנאַזיע האָט מיטבאָמע מיט דער ליטעראַנישער שיל. מיר האָבן אונדזער אַרמיי, די ליטעראַנער — זייערע. די מיטבאָמע קומט פֿאָר הרבע מאָל אין וואָך אבן באַפּאַישער פּלאַץ. בײַדע צדדים האָבן טראַנשייען, פֿעסטונגען, שטאַבן. אַ פּלאַץ, וואָס שטייט איבער דער באַפּאַיער ברעט, באַדעקט מיט פּלויער און הילצערנע שווערדן. מאַרטינינגן זאָ בינדיג איז אונדזער הויפּט־קאָמאַנדיר. די רעשטע האָבן אפֿילו אָן עפּעס ווילהערט ווילקע פּירטער — דעם קריזשנערס זון. אַז דער אונדזערע קומען פֿאַר פֿאַרביטערטע שלאַכטן, מיט גרימצאָרן שפּרינגן מיר אין דער גרויסער ברייטבאַר. איבעריקנס איז די סיבע אָן עפּעס און דאָס בלוט איך. די גאַנטשאַרסקעס ווייל וועגן דער דאָזיקער מיטבאָמע, נאָר פֿון מאַקטישע טעמים שטערט זי ניט.

— קינדער, ווייסט איר, כאָפּט זייער גיך אויף דעם גייסט פֿון דער צײַט — ריידן טיפּוניק די עלטערע.

דער צײַטגייסט, זייער אַ שווערער „גייסט", הרגעט הרגע אונדזער גאַנצע גימנאַזיע.

# מע לערנט אונדז מילכאָמע האַלטנ

ווינטער האָט מענ אונדז אויסגעפירט צוזאַמענ מיט דער פרויענ־גימנאַזיע, אינ מיליטערישנ שטעטל באַווײַזנ א מוסטער־שלאַכט. אַרומ איז געווענ ווײַס אונ קאַלט. דער פּאָלקאָווניק האָט געגעבנ צו פאַרשטיינ די דאַמעס פונעמ צדאָקע־קרײַזל, ווי עס קומט פאָר א שלאַכט. די דאַמעס האָבנ זיכ געוואַרעמט די הענט אינ די מופטעס, באַגײַסטערט זיכ אונ ווענ מע האָט אויסגעשאָסנ, האָבנ זיי פאַרשטעקט די אויערנ. די שלאַכט איז אייגנטלעכ געווענ זייער ניט שיינ, אונ גאָר ניט ענלעכ אויף די מילכאָמעס פונ דער „ניוואַ". שוואַרצע פיגורקעס זײַנענ געקראָכנ איבערנ פעלד, אונ א שווימענדיקער רויכ האָט זיכ פאַרוואַנדלט אינ א פאָרהאַנג. ס'האָבנ זיכ עפּעס אָנגעצונדנ פײַערלעכ. מ'האָט אונדז געגעבנ צו פאַרשטיינ: דאָס זײַנענ סיגנאַל־פײַערנ. דער קלאַנג פונ דער קייסער־שיסערײַ האָט פאַרטרוויבנס דערמאָנט אינעמ פאַבנ פונ א פאָנ פונ די ישראַבנס האָט שרעקלעכ געשטונקענ. דער פּאָלקאָווניק האָט געזאָגט:

— אַטאַקע!

די פיגורלעכ האָבנ אָנגעהויבנ לויפנ, שרײַענדיק הורא.

— אַלצ, — האָט געזאָגט דער פּאָלקאָווניק.

— ווער־זשע האָט געווינט? — האָט זיכ פאַראינטערעסירט דער אײלעמ, וואָס האָט גאָרניט פאַרשטאַנענ.

דער פּאָלקאָווניק האָט א טראַכט געטאָנ אונ געזאָגט:

— יענע האָבנ געווינט.

נאָכדעמ קוקנדיק אינ דער הייכ, האָט דער פּאָלקאָווניק געוואָרנט:

— אונ באַלד וועט א קלאַפּ טאָנ דער באָמבע־וואַרפער.

דער באָמבע־וואַרפער האָט ווירקלעכ א קראַכ געטאָנ. אינ זייער שטאַרק. די דאַמענ האָבנ זיכ שטאַרק דערשראָקנ. די פערד אינ די פורמאַנעס האָבנ זיכ א טרייסל געטאָנ. די פורמאַנעס האָבנ זיכ אויסגעזידלט אינ הימל. די שלאַכט האָט זיכ געענדיקט.

די ראָטע, וואָס האָט אָנטיילגענומענ אינ דעמ מוסטער־שלאַכט, איז דורכגעגאַנגענ פאַרבײַ די געסט. די ראָטע האָט געפירט א קלוגעטשיקער פאָרפּאָרוטשיק, ווויליונגעריש צופּיפּנדיק, א שטרענגענדיק די צעצקילטע העלדזער, האָבנ די סאָלדאַטנ געזונגענ:

אי־עכ, ווענ די גימנאַזיסטקעס וואָלטנ קענענ ...
וואָלטנ אַלע גימנאַזיסטנ געוואָרנ פליִער...

די גימנאַזיסטקעס האָבן זיך איבערגעקוקט. די גימנאַזיסטן האָבן זיך צעהידזשעט. עמעצער פֿון די לערער האָט א הוסט געטאָן. די גראָבע נאַטשאַלניצע האָט זיך אָנגעהויבן באַאומרויִקן.

— פֿאַרפֿאַרטשיק! — האָט א געשריי געטאָן דער פּאָלקאָווניק — ייִדן איז דאָך פֿאַר א ב... באַלאַגאַן?! אויפֿהערן!

אָפּשטייענדיק פֿון דער ראַמע, פֿאַנטאַזירנדיק זיך איינעם גרייבן שניי־נעל אין יעדערער געשטריכלט אין די גרייסע שטייול, האָט זיך נאָכגעשלעפּט א קליין מאָגער מעדאַלט. ס'האָט זיך געפּרוּווט נאָכהאַלטן די ראַמע נאָך ניט געטאַנצט מיט די פֿיסלעך, אונטערגעשפּרונגען אין אין דאָך אָפּגעשטאַנען. די גימנאַזיסטן האָבן דערקענט, אַז דאָס איז ווידל. ווײַל ער קאַרלישקע לערנט מיט מיר אין איין קלאַס.

— אוי א מעדאַלט! — האָבן געשריגן די גימנאַזיסטן. — בא אונדז אין קלאַס לערנט זיך דײַן זון. אַן שטיפֿט עס דאָס הענטל.

דער ייִנגער יעפֿרייטער האָט א געשריי געטאָן ווידלען:

— ווידל, הייב אויף דעם ווידל!

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. ווידל האָט אָנגעהויבן דעם שינעל אין איינציקער דאַנקלקייט דורך האַרץ, האָט ער, אונטערשפּרינגענדיק, געפּרוּווט זיך אָנטאָן די האַנט. דער אייגער האָט געלאַכט. קאַרלישקע איז געשטאַנען אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. רויטע פֿלעקן האָבן זיך באַוויזן אויף זײַן פּנים.

— א גוואַלדיק אומגעלומפּערט פֿאָלק זײַנען אַט די מענטשן, — האָט געזאָגט די גראָבע נאַטשאַלניצע פֿון דער פֿרויען־גימנאַזיע. — דײַן מאַמע איז דאָך א דײַטש? — האָט זי געפֿרעגט קאַרלישקען.

— מײַן טאַטע איז א רוסישער סאָלדאַט! — האָט געזאָגט קאַרלישקע.

— ער ליגט! — האָבן זיך צעשריגן די גימנאַזיסטן, — א דײַטש איז ער.

— מײַן טאַטע איז א סאָלדאַט, — האָט איבערגעחזרט קאַרלישקע.

— דײַן טאַטע איז א דײַטש, וואָס איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער רוסישער אַרמיי, — האָט אים שטרענג פֿאַרענטפֿערט די נאַטשאַלניצע.

---

אין דער היים האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אַף מיר אָסיע. ער האָט שוין געוואָלט וויסן, ווי ס'האָט אויסגעזען די שלאַכט.

— מ'האָט שטאַרק געשאָסן? — האָט געפֿרעגט אָסיע.

— דו ווייסט, — האָב איך געזאָגט, — די מילכאָמע, לאָזט זיך אויס, איז אַפּילע אַ האָר ניט שיין.

## וועגן דער קײַלעכיקער ערד, דער גרויסער רעוואָליוציע און דעם קליינינקן יאַם

דער טאַטע און די מאַמע זײַנען אַוועק צוגאַסט. אַנושקע לעגט אײַן די ליכט אינעם זאַל — מע הערט, ווי ס'האָט אַ קנאַק געטאָן דער אויסשאַלטער און זי גייט אַוועק אין קיך. אַ ביסל שרעקלעכע פּוסטקײַט קריכט אַרײַן אין שטוב. עס קלאַפּט דער זייגער אין עסצימער. אין די שויבן רײַסט זיך דער ווינט. איך זעץ זיך צום טיש, און מאַך אָן אָנשטעל, אַז איך גרייט די לימודים. אָסיע מאָלט שיפֿן. א סאַך שיפֿן. פֿון זייערע אַלע קוימענעס גייט אַ רויך. איך נעם בײַ איר דעם רויט־בלײַען בלײַפֿעדער און הייב אָן אויספֿאַרבן אינעם לערנבוך די לאַטײַנישע פּראָנאָמען. אַלע וואָקאַלן — מיט רויטער פֿאַרב און די קאָנסאָנאַנטן — מיט בלויער. ס'באַקומט זיך זייער שיין. פּלוצעם האָט אָסיע געפֿרעגט:

— ליאָליע, פֿון וואַנען ווייס מען, אַז די ערד איז אַ קײַלעכיקע?

— דאָס ווייס איך. וועגן דעם שטייט געשריבן אויף דער ערשטער זײַט פֿון דער געאָגראַפֿיע.

איך דערצייל אים לאַנג־לאַנג וועגן דער שיף, וואָס איז אַוועק ווײַט־ווײַט אינעם יאַם. די שיף בלײַבט ניט. מע זעט זי ניט. און ווײַבאַלד אַזוי, איז די ערד אַ קײַלעכיקע.

נאָר אָסיע איז ניט באַפֿרידיקט:

— עפּשער איז זי דערטרונקען געוואָרן, די שיף? האַ, ליאָליע?

— טשעפּע זיך אָפּ פֿון מיר, זעסט דאָך, אַז איך גרייט די לימודים.

איך פֿאַרב ווײַטער אויס די פּראָנאָמען. שטיל.

— און איך ווייס, פֿאַרוואָס מע זאָגט, אַז די ערד איז אַ קײַלעכיקע, — זאָגט ווידער אָסיע.

— נו — איז ווייס!

— איך ווייס... דערפֿאַר, ווײַל דער גלאָבוס איז אַ קײַלעכיקער... וואָס? האַ?..

— ביסט אַליין אַ קײַלעכיקער נאַר. אָט וואָס?

בײַ אָסיען בלאָזן זיך אָן די ליפּן. עס האַלט בײַ אַ קריג. נאָר... אין טאַטנס קאַבינעט קלינגט הויך דער טעלעפֿאָן. מיר לאָזן זיך לויפֿן

אין קאַבינעט, איבעריאָגנדיק איינער דעם צווייטן. דאָרט איז פּוסט. פֿינצ־טער און שרעקלעך. נאָר כ'גיב א הרייי דעם שאַלטער און גלייך ענדערט זיך דער צימער, ווי א פֿאַרגעשטעלטער נעגאַטיוו פֿון א פֿאָטאָגראַפֿיע. די פֿענצטער זיינען געווען ליכטיקע און זיינען געוואָרן פֿינצטערע. די ראַ־מען זיינען געווען שוואַרצע און זיינען געוואָרן ליכטיקע. און דעריקער ס'איז ניט שרעקלעך. איך נעם דאָס טרייבל, נאָכמאַכנדיק דעם טאַטנס קאָל:

— איך הער אייך. וואָס?

עס לאַכט זיך אַליין. אַ מע קלינגט פֿון סאַראַטאָוו. עס קלינגט אונ־דזער ליבער פּעטער ליאָשע. ער איז שוין לאַנג ניט געווען בא אונדז, די מאַמע האָט אונדז געזאָגט, אַז ער איז זייער איינגעשפּאַרט. נאָר איך מיין איינער האָבן איינמאָל אָנגעטשעפּעט, אַז ער זיצט אין טפֿיסע דערפֿאַר, וואָס ער איז קעגן קייסער און קעגן דער מלחמה. און איצט האָט מען אים, הייסט עס, אַרויסגעלאָזט. און מיר ביידע שרייען אין טרייבל:

— פּעטערל! קום צו פֿאָרן!

— ניט, ניט! — לאַכט דער פּעטער אין טעלעפֿאָן — און די, ליאַ־לינע, פֿאַרגעס ניט איבערגעבן דעם טאַטן און דער מאַמען. זייען זיי וויילן קומען. אַז איך האָב זיי געקלינגען און זיי איבערגעבן. אַז אין רוסלאַנד איז אַ רעוואָלוציע... אַ ציטערדיקע רעגירונג. דער קייסער האָט זיך אָפּגעזאָגט... באַזונדער איבער. — און דאָס קאָל באַם פּעטער איז אַ באַזונ־דערס פֿריילעכס און אַ קיינמאָל ניט געהערטס...

— פּעטערל, — שריי איך, — וויאַזוי־זשע איז דאָס געוואָרן?

— ביסט נאָך א קליינינקער. — וועסט נאָך ניט פֿאַרשטיין!

— כ'וועל פֿאַרשטיין, — האָב איך זיך באַליידיקט, כ'ל פֿאַרשטיין! איך בין שוין אין דריטן.

און דער פּעטער פֿון סאַראַטאָוו, פֿון יענער זייט וואָלגע, דערציילט מיר דורכן טעלעפֿאָן וועגן מלחמה, צעשיסענע פֿון אַרבעטער, שטרייקן, פּאָגראָמען, וועגן רעוואָלוציע און וועגן גלייכהייט און ברי־דערלעכקייט...

— איר האָט געענדיקט, — קריכט אַריין אין טרייבל אַ פֿרעמד־קאָל, — די צייט איז שוין אויסגעגאַנגען.

— קרררכ! — האָט מען אונדז איבערגעריסן. און איך שטיי פּונקט ווי איך וואָלט אויסגעוואַקסן אויף דריי יאָר. איך שטיי און בין גרייט צו ווערן אויפֿגעריסן פֿון אַלץ, וואָס כ'האָב געהערט פֿון פּעטער.

נאר רא דערויז איך אסיען. אסיע איז פארלאזט.

— עך, די! — ווער איך אופגערעגט — דו זאגסט גאך, אז דו ווייסט, פארוואס די ערד איז קיילעכיק. ווי שעמסטו זיך ניט? אנגע־נעצט...

כ׳האב זיך אנגעהאלטן, ביזוואנען דו וועסט ענדיקן ריידן דורכן טעלעפאן, און האב ניט באמערקט.

איך לויף אין קיך ארייגן צוזאמט בא אנישקען איז א באקאנטער פארוואנדלטער סאלדאט! א שווארצער אין פארומערטער. אפן ברוסט הענגט בא אים א זילבערנער געצאַרנקרייצל.

איך שריי באגײַסטערט:

— אנישקע! ערשטנס איז איצט א רעוואָליוציע... פרײַהייט און אין דעם קייסער... אסיען דארף מען איבערלאזן די הויזן און איבערווישן אין קאבינעט...

איך ווערן זיך, איך דערצייל אלץ, וואס כ׳האב געהערט פונעם פע־טער. און פליצעם שטייט אוף אנושקעס סאלדאט. די לינקע האנט איז בא אים פארבאנדאזשירט און מיט דער רעכטער נעמט ער מיך ארום. כ׳האב זיך פארלאָרן. דער סאלדאט דריקט מיך פעסט צו צו זיך!

— עך, טײַערער, אט האסטו מיך דערפרייט! אדאנק דיר, צי דען איז דאס עמעס? — און ער הראַעט עמעצן מיטן גרויסן פויסט אין די שווארצע פענצטער. — נו, ווארט נאר! מיר האבן זיך דערוואַרט!..

איך קוק אין פענצטער. נאר דארטן איז קיינער ניטא. און דער סאל־דאט אנטשולדיקט זיך.

— פארצײַט מיר, יונגערמאן... צופיל האט איך מיר איצט... ווי... וויאזוי... נאט מײַנער... דרײַ יאר האט זיך אונדזער בלוט געגאסן... אט א דאנק דיר... אזוי ווי א יאַנטעוו...

עס ציטערט בא אים מאַרנע די נאָז. ער וועט מיסטאמע באלד א נים טאָן.

## געשפרעך דורכן דירעקטן דראָט

אין עסצימער קריך איך ארוף אף א שטול און קלאפ אין וועגטי־ליאטער. דאס איז א מין טעלעפאן. אפן צווייטן שטאק וווינען די זשיווילסקעס, — ניורע און ווערע. בא זיי איז אויך פאראן א וענטי־

ליאַטער. אַז מע גיט אַ קלאַפּ בײַ אונדז, הערט מען בײַ זיי. און ווענ־טיליאַטער הער איך גיורעס קול:

— איך הער.

— אַ גוטן אָוונט אײַך (בכלל „דוצן“ מיר זיך, נאָר דורכן טעלע־פאָן דאַרף מען זאָגן „איר“), אַ גוטאָוונט אײַך, גיורע. גרויסע נײַעס: אַ רעוואָלוציע, און בײַ אונדז זיצט אַ סאָלדאַט.

— און בײַ מיר איז אויך פאַראַן נײַעס, — זאָגט גיורע, — טרעפֿט!

— נאָך ערגעץ אַ רעוואָלוציע?

— ניין, די באָבע האָט אונדז געשענקט אַ סערוויז און נאָך מיט אַ טיצל.

איך וואַרף דאָס טרעבל, דה. איך גיי אוועק פֿון ווענטיליאַטער. זיי באַרעכטיקן דען עפּעס?

## פֿרײַ! — זאָגט דער סאָלדאַט

מיר לאָדן אײַן אין זאַל אַנישקען מיט איר סאָלדאַט. מיר האָבן אָפּ דער באַרשט אָנגעטשעפּעט אַנישקעס רויט טיכל און מיר גייען איבער־טעפּיך. דעם סאָלדאַט גיבן מיר אָסיעס קליין ביקסל. דער סאָלדאַט באַווײַזט די מילבאָמע. מיר אַלע זינגען:

איבער די קאַווקאַזער בערג
אַ גימנאַזיסט געקראָכן.
ער שרײַט: „אַראָפּ דעם קייסער!“
אַ רויטע פֿאָן זיך פֿאָכעט.

און זאַל האָט ווונדערלעך געשמעקט מיט יאַלאָווע שטיוול. מיר זײַ־נען ווײַטער באַשייער געזען מיטן סאָלדאַט און ער גיט אונדז לויט דער ריי פֿאַרלעפֿן מיטן צינגל זײַן ציגאַרקע.

אָסיע זיצט בײַ אים אויף די קני און, אומעטום־שפּרינגענדיק, פֿרעגט ער:

— נו, פֿרויט טרעפֿן... וואָס וועט זײַן, איך אַ וואַלפֿיש וועט פֿליען אַנפֿאַלן אויף אַ העלפֿאַנד... ווער וועט יעמען באַזיגן? ני, טרעפֿט.

— כ'ווייס ניט. — האָט געענטפֿערט דער סאָלדאַט, — נו, זאָג, ווער?

כ'ווייס איך ניט. — האָט אָסיע געענטפֿערט מיט אַ זיפֿץ, —

דער טאַטע ווייס אויך ניט און דער פֿעטער אויך ניט. קיינער ווייסט ניט.

וועגן דעם וואַלפֿיש און דעם העלפֿאַנד קריגן מיר זיך לאַנג. איך מיטן סאָלדאַט האַלטן פֿאַרן העלפֿאַנד, און אַנושקע אַפּצולאַכעס — פֿאַרן וואַלפֿיש.

דער סאָלדאַט נעמט זיך צו דער פּיאַנינע. ער קלאַפּט מיט א פֿינגער אין א קלאַוויש און פּרוּווט זיך זינגען די „מאַרסעליעזע". אַנושקע כאַפּט זיך, אַז ס'איז שוין שפּעט, און אַז מע דאַרף גיין שלאָפֿן. — פֿרײַ! — זאָגט דער סאָלדאַט, און מיר גייען שלאָפֿן.

## זעלבסטבאַשטימונג פֿון די נאַציאָנאַליטעטן

אויפֿן דיל פֿונעם קאָנדיטערײַצימער זײַנען אָנגעצייכנט לעוואָנעדיקע „קלאַסן". כאַטש שפּרינג איבער זיי אויף איין פֿוס. מיר ליגן אויף אונדזערע בעטן און רײדן וועגן דער רעוואָלוציע. איך דערצייל אָסיען, וואָס כ'האָב געהערט פֿונעם פֿעטער, אָדער געליינט אין די צײַטונגען וועגן מילכאָמע, וועגן קייסער, וועגן אַרבעטער און פּאָגראָמען...

פּלוצעם פֿרעגט אָסיע:

— ליאָליע, האָ, ליאָליע? דו זאָגסט „א ייִד". וואָס איז אַזוינס א ייִד?

— נו, אַזאַ מין פֿאָלק... פֿאַראַנען פֿאַרשיידענע אין רוסלאַנד, צום בײַשפּיל, אָדער דורכגעטריבענע. א „דורכגעטריבן פֿאָלק", זאָגט דער טאַטע. עס זײַנען פֿאַראַן דײַטשן, פֿראַנצויזן. און עס זײַנען פֿאַראַן ייִדן. דער טאַטע איז א ייִד, און דו ביסט א ייִד.

מיר זײַנען דען ייִדן? — פֿאַרוווּנדערט זיך אָסיע — אַפּצופֿלײַסן, צי אויף אונדז עמעס? זאָג אויף דײַן ערנוואָרט, צי מיר זײַנען ייִדן.

— אויף מײַן ערנוואָרט, מיר זײַנען ייִדן.

אָסיע איז דערשיטערט פֿון דער אַנטדעקונג. ער דרייט זיך לאַנג אין בעט, און שוין דורכן שלאָף הער איך, ווי ער פֿרעגט, קוים שעפּטשענדיק, קענדיי ניט אויפֿצוּוועקן מיך:

— ליאָליע!

— נו?

— די מאַמע איז אויך א ייִד?

— יאָ, שלאָף.

איכ וועל אנשטאטנ פארשטענדיק זיכ, ווי איכ וועל מארגנ אינ
קלאס זאגנ דעמ לאמטעניכט: „נידער מיט אלטנ רעזשימ, צומ וועגט
שטעלנ! איר האט ניט קיינ פולע רעכט". מיר שלאפנ.

באנאכט האט זיכ א מנעקערט דער טאטע מיט דער מאמענ. איכ
כאפ זיכ אופ. ווי אלע מענטשנ נאכ טעאטער אונ צונאכט זיינ —
זיינענ זיי מיד אונ צעדרייצט.

— א וואנדערלעכער פיראג איז געווענ, — זאגט דער טאטע, —
בא אונדז וועט מענ קיינמאל אזא ניט קאנענ מאכנ, אונ וואהינ גייט
אוועק דאס געלט?..

איכ הער, ווי די מאמע וואנדערט זיכ, דערווענדיק אפנ לעבטער
בא דער פיאנינע א ניטדערויכערטע ציגארקע. דער טאטע איז אוועק
דורכשווענקענ דעמ האלדז.

ס'האט א קלינג געטאנ די גלעזערנע פראפקע פונ גראפינ. אונ
פלוצעמ האט דער טאטע הויכ א הופ געטאנ די מאמע, ניט געקוקט
אפ דער שפעטער צייט. דער טאטע פרעגט עפעס. דער טאטע רעדט
פריילעכ אונ הויכ. זיי האבנ געפונענ מיינ צעטעלע מיט דער גרויסער
נייס. כ'האב דאס פארנ שלאפ אנגעשריבנ אונ עס פארוקט אינ דער
פראפקע פונ גראפינ.

דער טאטע מיט דער מאמענ גייענ ארינ אפ די שפיצ=פינגער
אינ קינדער=צימער. דער טאטע זעצט זיכ אפנ בעט, נעמט מיכ ארומ
אונ זאגט:

— רעוואלוציע שרייבט מענ מיט אנ „ע" אונ ניט מיט קיינ
„י". רעוואלוציע די—י... אונ שטעקט מיכ אינ נאז.

אינ דער ווייטער צייט כאפט זיכ א פ אסיע. ער האט אפילע אינ
שלאפ די גאנצע צייט געהאלטנ אינ איינ טראכנ וועגנ דער אנבודער
קונג, וואס ער האט געמאכט.

— מאמע — הייבט אנ אסיע.

— וואס האסטו זיכ אופגעכאפט? שלאפ

— מאמע, — פרעגט אסיע, שוינ וועגנדיק זיכ אפנ בעט, —
מאמע, אונ אונדזער קאצ איז אויכ א ייד?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אינטערפרי האט אונדז אנושקע אופגעוועקט אזוי:

— שטייט אופ, איר אלע, וועד ווי שלאפנ... צייט אינ גימנאזיע.
די שלאפנ (איכ אונ אסיע) טוענ זיכ אנ. פאטע פרישטיק דער-

מאָן איך זיך אָן די ניט־אויסגעלערנטע לאַטיינישע פּראָנאָמען: „היק, העק, האָק...“

איך גיי אַרויס צוזאַמען מיט אָסיען. ס'איז וואַרעם. עס צעגייט דער שניי. די פֿורמאַנישע פֿערד טרייסלען מיט די טאָרבעס. אָסיען ליבט זיך, ווי שטענדיק, אַז די פֿערד גריסן אים. אָסיע שטעלט זיך אָפּ לעבן יעדן פֿערד און, מאַכנדיק מיטן קאָפּ, זאָגט ער:

— פֿערדל, א גוטמאָרגן!

די פֿערדלעך שווייגן. די פֿורמאַנעס, וועלכע קענען שוין אָסיען, שרייען אָפּ זיי. איין פֿערד טרינקט פֿון אַן עמער. אָסיע פֿרעגט דעם פֿורמאַן:

— פֿערד טרינקען אויך קאַקאַאָ? יאָ?

איך לויף, איך יאָג אין גימנאַזיע. זיי וויסן דאָך נאָך ניט. איך בין דאָך דער ערשטער. זיך אויסטײַענדיק, פֿלי איך אַרײַן אין קלאַס און, פֿאָכנדיק מיטן רענצל, שרײַ איך:

— יאַטן, מ'האָט אַראָפּגעוואָרפֿן דעם קייסער!!!

# דער קאָנדויט און שוואַמבראַניע

אַלע אומדורעע איבערצײַגונגען אין פֿאַרשטעלונגען, קעגנטעגייען און באַנדישעגייען, סינע און סימפּאַטיע — דאָס אַלץ האָט אין זיך אײַנגעזאַפּט דער וויכער באַרג פֿונעם קאָנטינענט פֿון גרויסן צאָג.

און אַלע אומדורעע העלדנטאַטן און פֿאַרברעכנס, אַלע איניאַנים און געשעענישן זײַנען פֿאַרשריבן געוואָרן אין שטראָפֿזשורנאַל פֿון דער גימנאַזיע — אינעם קאָנדויט. דאָרטן זײַנען פֿאַרשריבן געוואָרן די לעבנס פֿון מײַנע דרײַ באַוווירים: מיטיע לאַמבערג, דער רעדלפֿירער פֿון די עלטערע קלאַסן, דער גוהאַר מאַרטינענקאָ, מיטן צונעמעניש בינדיוג און דער באַרימטער בטיאַפּקע נאַוריע, דער זוכער פֿון [illegible].

אַהינצו, אין קאָנדויט, איז אויך אַרײַנגעפֿאַלן די פֿעברואַר־רעוואָלוציע. אין פֿעברואַר 1917 האָבן זיך פֿאַרזינדיקט א סך גימנאַזיסטן. דער אַלצוויסנדיקער קאָנדויט האָט עס אָפּגעמערקט. דער קאָנדויט איז געווען מעכטיק. די רעוואָלוציע איז נאָך געווען שוואַך. ס'איז אַרויס־

געוואָרפֿן געוואָרן פֿון דער גימנאַזיע דער פֿאַרהאַסטער דירעקטאָר, נאָר אים האָט פֿאַרביטן דער אינספּעקטאָר. מ'האָט געמאַכט פֿרייהייטן, גלייכהייט און ברידערלעכקייט, נאָר מ'האָט איבערגעלאָזן דעם קאַנדויט, און די גימנאַזיסטן האָט מען נאָך אַלץ געטיילט אף די, וואָס צאָלן, און די, וואָס צאָלן ניט. מ'האָט אָפּגעשאַפֿן די באַלנ-ביטעס. נאָר מ'האָט אָנגעהויבן שטעלן „גוט", „שלעכט", „ניט נאָר באַפֿרי-דיקנד".

און די שטאָטדומע האָט זיך באַשלאָסן נאָך אף אַזאַ רעפֿאָרמע:

## צירקוליאַריש

קאָנסטאַטירנדיק אַז אַלגעמיינע גרייסע ואיפֿרעגונג צווישן דער יוגנט און אינווענדיק, אַז יעדע חוישנדיקע פֿאַרזאַמלונג קאָן זיך שלעכט אָפּרופֿן אף די יונגע מוחעס, ווי אויך צעטרייסלען די דיס-ציפּלין אין די לערנ-אַנשטאַלטן, ליינט מיר פֿאָר דעם עלטערנ-קאָמי-טעט בא דער פּאָקראָווסקער גימנאַזיע צונויפֿנעמען מיטן פּעדאַגאָגישן ראַט באַהאַנדלען די פֿראַגע וועגן צייטווייליקן אָפּשאַפֿן דעם אַלגעמיי-נעם גאָטעסדינסט, איבערלאָזנדיק דאָס זאָגן די תּפֿילה אין קלאַס פֿאַרן לימוד.

א י נ ט ע ר ס ר י פ ט נ

מער קיין פֿרייהייט האָט דער קאַנדויט ניט דערלאָזן.

נאָר אין אָקטיאַבער האָט דער קאַנדויט קאָנסטאַטירט, אַז גאַנצע סטעפּאַק באַווייזט ניט די לימודים איבער ניטרואווניקע סיבעס. אין די דאָזיקע טעג האָט אונדז געפּלאָנטערט דעם דיקטאַט די קאַנאָנאַדע, וואָס האָט זיך דערטראָגן פֿון יענער זייט וואָלגע, פֿון סאַראַטאָוו.

נאָכדעם האָט זיך סטיאָפּקע אַטלאַנטידע אומגעקערט. ער איז גע-קומען אף אַ שיף מיט אַ דייטשער פֿאָן. סטיאָפּקע האָט געבראַכט ביקסן אין אַ יעדן, אַז ס'איז אויס קאַנדויט.

וועגן דעם אַלעם, ווי מיר האָבן געקעמפֿט קעגן דער נאַציאָנאַלטעטן, ווי עס האָט געפּלאַצט די אַלטע גימנאַזיע, ווי מיר האָבן פֿאַרשטאַנען די רעוואָלוציע. וועגן דעם אַלעם האָב איך גענוי דערציילט אין מיין באַזונדער ביכל, וואָס הייסט טאַקע „קאַנדויט".

און דאָ וויל איך דערציילן, ווי ס'איז פֿאָרגעקומען די רעוואָלוציע אין שוואַמבראַניע.

# „ברענאבארס" מארש

קעריי פּעסטשטשעלנ די ווידטלעכע קאנטונ אינ גרענעצנ פונ שוואמבראניע, האט דער שוואמבראנער פלאט פארנעמונ א גרויסנ מארש ארום דעמ קאנטינענט. ער האט זיכ אנגעהויבנ אינמיטנ פונעמ יאר 1916 אונ זיכ געענדיקט ארומ נאיאבער 1917. די באדייטונג פונעמ דאזיקנ מארש פאר דער שוואמבראנער געשיכטע איז קלאר פאל. יעננ דעמ יאנג איידעב די שריפטלעכע דענקמעלער, וואס זיינענ נאכ פארבליבנ ביז איצט. אינ מיינ שוואמבראנער ארכיוו איז פארבליבנ די פינפטלעכע קארטע פונ שוואמבראניע, אונ צו איר איז בייגעלייגט דער שפּיזשיונאל פונ דער פלאגמאנשיפ „ברענאבאר". פארעפנטלעכנ אימ אינגאנצנ האט קיינ זינ ניט. ער איז טרויס אונ לאנגוויליק. א סאכ ווערט ניט פארשטענדלעכ זיינ דעמ היינטיקנ לייענער. דערפאר ווערט דא די באשרייבונג פונעמ מארש געגעבנ געקירצט אינ באארבעט. אינ קלאמערנ גיבנ מיר צו פארשטיינ דאס אומפארשטענדלעכע. כ'האב זיכ נאר באמיט, ווו ס'איז מעגלעכ געווענ, פארהיטנ דעמ „שוואמבראנער" סטיל. ווייטער דארפנ מיר אט וואס דערציילנ:

שוואמבראנער קייסער איז דעמלט געווענ עפעס א ברענאבאר קיינ דער פיטסטער. דעמ דאזיקנ נאמענ האבנ מיר אנטליענ בא דער דעמלט באוווסטער אויטאמאביל פירמע. אפנ שוואמבראנער מעלוכע־הערב, צומ צאנ פונ דער שוואמבראנער נאכמע, צומ דאמפער פונ רוזיעק דעמ באגלייטער פונ די מאטראסנ אונ דער שווארצער דאמע, דער הימערנ פונ דער געהיימעניש, — זיינענ דעריבער נאכ צוגעקומענ אויטאמאבילנ.

דער קייסער ברענאבאר נומ. 4 איז געווענ א גאנצ ווייל יאטל. נאר פינדעסטוועגנ איז ער געווענ א מאנארכ, אונ קיינער פונ אונדז האט ניט געוואלט פארקערפערט ווערנ אינ אימ. פארבלייבנ אבער פּאשעטע געוויינלעכע שוואמבראנער האט זיכ ניט געוואלט. דעמלט האט אונדז ברענאבאר געמאכט פאר זיינע קינדער. מיר האבנ געהאלטנ, אז ער האט אונדז געפינענ אינ יאמ, ווענ מיר זיינענ נאכ געווענ קליינינקע. דער גרויזאמער פאסקודניאק אירארנאל שאטעלענא האט אונדז גלייכ האב אינדזער געבוירנ ווערנ אריינגעלייגט אינ א פעסל פונ זויערע קרויט אונ אונדז געלאזנ איבערנ יאמ. דער קייסער

ברענאבאר האט זיך געשיפט אינ א שיפל, דערהערט אינדזער רייעב אונ אונדז געראטעוועט.

אינ יענער צייט זיינענ כמעט אינ אלע קינדערשע ביבלעכ געווענ יעסוימימ. די לאגע פונ א יאסעמ איז געווענ דעמאלט אירנדיק אינ



דער מעלוכע־הערב פונ שוואמבראניע

אינ דער מארע. וואס איז שענער דעמ רייעכ פונ קרויט, האט עס אונדז אפ א האר ניט קאמפראמעטירט, ווייל א סאך מאמעס האבנ פארזוי־ ערט, אז אלע קינדער אונ ניט נאר די יעסוימימ געפינט מענ אינ קרויט...

די עסקאדרע איז באשטאנענ פונ א פלאגמאנ־שיפ „ברענאבאר“ אונ פונ די שיפנ „בעפ סטראגאנאוו“, „ווישל ווערנ“, „מעטאלאפלאסטיק“, „פרינצ קוראנט“, „קאסקארא סאגראדא“, „גראטיס“, „שטורעמבאוויגער“, „גאמביט“ אונ „האנערוועטער“. קאמאנדעוועט האט מיט דער עסקאדרע, ניט געקוקט אפ זיינ יונגקייט, דער אדמיראל אונ קאפיטאנ ארדעליאר קיס, דה. איכ. אסיע איז געווענ וויצע־אדמיראל אינ הויפט־מאטראס. ער האט זיך גערופנ סאטאנאטאמ. דער נאמענ סאטאנאטאמ שטאמט פונ דער אפערע. צו אונדז פלעגט קומענ זינגענ א פראוויזער.

Сатана там правит бал — ער האט געזונגענ מעפיסטאפעלס אריע אונ פלעגנ ציפיל קוועטשנ פאזונדערע טראפנ. עס פלעגט זיך באקי־

מען: סאַטאַנאַ טאַם... אָביע האָט זיך נאָכדעם אינטערעסירט ווער איז דאָס דער סאַטאַנאַטאַם? א דירוזשאָר?

אַלס שיפּ־מעכאַניקער איז מיט אונדז געשוואומען דזשעק דער באַגלייטער פון די מאַטראָסן.

## דאָס אָפּשווימען

„אינדערפרי איז אָפּגעגאַנגען די זון און אָנגעהויבן שײַנען אַזוי האַרמאָניש — אַזוי הייבט זיך אָן דער טאָגבוך פונעם אַדמיראַל אַרעליאַר קייס. — דער יאַם איז געווען זייער שיין. הונדערט טויזנט פּאַלדאַטן און א מיליאָניק פאָלק האָבן אונדז באַגלייט. דער בלאָז־אָרקעסטער האָט זייער שטאַרק געשפּילט און ס'האָט זיך באַקומען א מאַניפעסטאַציע. גאַנץ ניו־שלאָמבורג איז געווען אילומינירט (א מאָעס! דער אַדמיראַל האָט געוואָלט אָנשרײַבן „אילומינירט".) איך בין געגאַנגען אין ווײַסע הויזן־קליאָש, און ווײַסע שיך מיט שפּאָרן, אין אָנגעקראָכמאַליעט קעלנערל, א בלויען שניפּס, א לילאַ־פאַרביקן טישערקעסקע מיט גאָלדענע עפּאָלעטן, א פּורפּור רויטן מענטיק — א פּעלערינקע, אונטערגענייט מיט א טיגער־פעל, און א קאַפּיטאַנסקע היטל מיט א פּליומאַזש. א הויכער און א שלאַנקער, בין איך געגאַנגען בעראָיש"...

און האָבן זיינען געשטאַנען די שיפן שוין געווען דער צווייטער קלונג. די טרעגער האָבן געטראָגן קופערס און טויזנטער טוביקעס מיט זיסע ווײַסע שמינקע. דער מיליטערישער פּאַסאַזשיר־הדערנאָוט „ברעגאַנבאָר" איז געווען אַזוי גרויס, אַז איבער זײַנע שיפּ־דעק זײַנען געגאַנגען טראַמוויען און ס'זײַנען אַרומגעפאָרן פורמאַנעס. פון עס צו זען האָבן זיי גענומען 20 קאָפּעקעס, כאָטש האָבער איז אין שוואַמבראַניע געווען וואָהיל. די זעקס קוימענס פון „ברעגאַנבאָר" האָבן געראַוכערט, ווי זעקס גוטע סיגאַרן. זײַן סירענע איז געווען פון צען טויזנט כעמל־קראַפט, און זײַנע מאַסטן זײַנען געווען אַזוי הויך, אַז אַם דייטשן שפּיצן איז געלעגן אייביקער שניי.

— זיך צוגרייטן אין מאַשינע! — האָב איך באַפוילן.

— פראַנטאַ ליאַ מאַשינאַ, — האָט געזאָגט יהושע דער באַגלייטער פון די מאַטראָסן, — שטיי פאַרטיק בײַ דער מאַשינע!

דער קייסער אַליין האָט אונדז באַגלייט. ער האָט זיך געשטעלט אַף אַ פעסל און געזאָגט אַ מאַניפעסט:

— אוי, איר, שוואַמבראַנער, וווּנדער-העלדן מיט נאָמען נענאַר, מיר, דער קייסער פון שוואַמבראַניע, דער מיילער פון קאָראַניע, באַראָטאַניע אאַז. אאַז. באַפּייל אייך אַ גליקלעכע רייזע אַף אַהין און צוריק. אייב איר וועט זיך אייך טרעפן אַ מילבאַמע, שלאָגט זיך ביז די לעצטע קויכעס... טרייבט די פיינט אַף וואָס די וועלט שטייט מאַטראַסן! אַלע יאָרהונדערטן וועלן קוקן אַף אייך פון דער הייך פון די דאָזיקע מאַסטן! מאַרש פאָרויס, מיינע פריינט. מאַרש! העכער שפּיל, מוזיק. שפּיל ניצאַבן! אייב עס וועט אָנפאַלן אַ שטורעמדיינט, גייט אַראָפּ אונטן. אַניט וועט איר באַקומען אַ האַטער. פאָרויס, מיינע אַלערס. וווּנדער-העלדן! שווימט אינעם אָפענעם יאַם אַף זיך-ווייטעסט. מיט אונדז איז גאָט. און איר שווימט מיטן אייבערשטנס גנאַד!..

דאָ האָבן אַלע אָנגעהויבן זינגען דעם שוואַמבראַנער הימן, וועלכן ס'האָט פאַרפאַסט דער וויצע-אַדמיראַל:

הוראַ! הוראַ! האָבן געשריען
די שוואַמבראַנער אַלע.
הוראַ! האָט מען געגומען ניען...
טובאַ-ריבאַ-לאַ.
נאָר ס'איז קיינער ניט געשטאָרבן,
אַלע זיך געראַסטעוועט.
דעם סוינע האָבן זיי דערוואָרבן
און נאָכדעם אים געקאַסטעוועט.

„ברענאַבאָר” האָט געגעבן דעם דריטן הודאָק פון צוויי טייזנט קעמל-קראַפט. די רעטעדס זיינען אַראָפּגעפאַלן, די פערד זיינען זיך צעלאָפן. ווער ס'איז שטייענדיק געשטאַנען, דער האָט זיך זיצנדיק אוועקגעזעצט. ווער ס'איז זיצנדיק געזעסן, דער האָט זיך ליגנדיק אוועקגעלייגט. דער, וואָס איז ליגנדיק געלעגן, דער האָט שוין גאָרניט געהאַט וואָס צו טאָן. די שיפן זיינען אָפּגעגאַנגען. דער מיאַרש זיך אָנגעהויבן.

— שרייבט בריוועלעך! — האָט געזאָגט דער קייסער.

די עסקאַדרע איז געגאַנגען מיט פולן זאַגל. די פלאַגן האָבן גרויסאַרטיק געפלאַטערט. און שפּיץ איז געגאַנגען אַ הייכער וואַג אַ

שלאנקער „ברענאבאר". ער האט געצויגן הונדערט שלייפן (יאמדמיל) אין א שעה. דער ווינט האט זיך געשטארקט. די כוואליעס האבן גע-שטורעמט. אינאווונט איז פארגאנגען די זון.

## די שלאכט בא שאראדע

דאס שווימען איז געגאנגען בעשאלעם. איינדערפרי איז איפגעגאנגען די זון, און אינאווונט איז זי פארגאנגען. דער ווינט האט זיך מיט יעדן טאג געשטארקט, אייב מע זאל גלייבן דעם אדמיראלס זשורנאל. ניט ארייננגייענדיק אינעם פארט פיל און אויסמיידנדיק דעם קאפ גיבראלטאר און קאניפאליע, האט די עסקאדרע פארקערעוועט פונעם קאפ קעגלי צו דראנדזאנסק. די דראנדזאנסקער איינוווינער האבן אונדז באגעגנט מיט פאפיראסן „טריומף". מיר האבן פארייכערט און מיר זיינען אוועקגעפארן ווייטער. אין צוויי טעג ארום האבן מיר פאראנקערט אין האפן מאטשיש.

פון יענער זייט מאטשיש זיינען געלעגן דרעמלענדיקע „יונגל-וועלדער". אזויגע וועלדער איז, פארשטייט זיך, ניטא. מע זאגט אמאל „מיידל-וועלדער". אבער דער אדמיראל איז געווען א פרויען-פיינט. מיר האבן זיך געיאגט אין די וועלדער נאך די ווילדע קאניאקעס. די קאניאקעס זיינען געווען אזעלכע בהמות, וועלכע מיר האבן געזען אף דער רעקלאמע-שאראדע פונעם באוווסטן וויינהענדלער שוס-טאוו, די קאניאקעס האבן געלעבט נאר אין שוואמבראניע. א קאפ האבן זיי געהאט ווי בא א בופלאקס און א קערפער — א פערדישן. זיי זיינען געווען זייער שרעקלעך.

נאכדעם האב איך מיט סאטאנאטאמען אויסגעפארשט די מידבאר-ריים קאר און דאר.

אין מידבער איז געווען זייער וויסט. פאר דער צייט איז די עס-קאדרע אונטער דושעקס אנפירונג ארומגעגאנגען דעם קאפ ווערפל און איז אנגעקומען קיין באלוואנסק. מיר האבן זיך ווידער געזעצט אף דער שיף און מיר זיינען אוועקגעפארן ווייטער. באם קאפ שאראדע האט זיך אפגן הארויזאגט באוויזן דער פיליטווינער פלאט. מיטן דאזיקן פלאט האט אנגעפירט דער נידערטרעכטיקער פארעטער גראף איראכאנאל יאמבעליא.

— א, גראַטבאַמבראַמ־ריי, — האָט זיך איסגעזידלט הויכע דער באַגלייטער פון די מאַטראָסן, — פאַרבאַמ־באַמבאַרדינעס און באַס־שטאַגעס. אונטער ליסעל לינקער, אויך דער רעכטער... פלאָמבירן זי צו די שיפסרוימע!.. פאַרבלאָמבירט אַלע טרוימען!




די קאַרטע פון שוואַמבראַניע אין ברעגאַבערגס עפּאָכע

ער האָט אָנגעהויבן פינקלען מיט די אויגן. אַרמאַדאַנאַל האָט אונדז דורכן הויכרעדער געמאָלדן מילכאָמע. כ׳האָט זיך באַקומען א יאַמשלאַכט. אונדזערע אין זייערע שיפן זיינען אָנגעפאַלן איינע

אַף דער אַנדערער און געוואָלט מאַכן אַן אַבאָרדאַזש. נאָר ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן עמעסע באָרינקע,* וואָס האָט זיך פאַרענדיקט פאַר אונדז מאַמעש מיט אַ צוזימע.** די שיפן „מעטאַלאָפּלאַסטיק", „דאָנערוועטער" און „בעפּסטראַגאַנאָוו" זיינען דערטרונקען געוואָרן, און די איבעריקע האָבן די פּיליגווינער גענומען אַפן בוקסיר. זיי האָבן זיי אָוועקגעפירט צו זייער געפענקעניש. וואָס האָט זיך געפונען אַפן וויכטיגן אינדזל גירלאַנדיע אין גיפּסיקן אָקעאַן. נאָר אונדזער העלדישער „ברעגנאַבאָר" האָט זיך ניט אונטערגעגעבן דעם פיינט און אַרויסגעריסן זיך פון זיין פיעדריקער אַרומרינגלונג. איבער די ברייטע כוואַליעס פון אָקעאַן האָט זיך אונדזער איינזאַמע שיף געטראָגן מיט אַלע אירע זעגלען. אַן אינדזל איז געווען אין יענעם אָקעאַן ווייסטער און שוואַרצער גראַניט. ער האָט געהייסן שטראָף־אינדזל. און האָט געהערט צום פּילן־אַרכיפּעלאַג. דאָרט איז געווען אַ קאַפּ ווינקל. דאָרטן, אין דער הייל פון מויערקעפּלעך, האָט געוווינט די שוואַרצע דאַמע. מיר האָבן פאַראַנקערט באַם אינדזל. די דאַמע האָט אויסגעזען ניט שלעכט. זי איז נאָר אַ ביסל פאַרשימלט געוואָרן.

נאָכדעם האָבן מיר אויסגעמיטן די געפערלעכע אינדזלען ביזיני, בזאַמאַלץ, מיקסטור, קאַקאַאָ און לעבערטראָן. צוקומענדיק צום קאַפּ האָניאַק, האָבן מיר דערזען די שפּיצן פון די קודיקענע בערג און דעם ניט דערגרייכטן באַרג־שפּיץ רעבוס. נאָר מיר האָבן פאַרקערעוועט צו מערעוו און זיינען אַריין אינעם דורכגאַנג פון די זיבן שילער. מיר האָבן זיך דערנענטערט צום אינדזל לוקאָמאָריע.

## א שוץ־געביט פון העלדן

באַגעגנט אונדז זיינען געקומען דער פּרינץ און דער בעטלער, מאַקס און מאָריץ, באָבוס און ביבוס, טאָם סאָיער און געק פין, אָליווער טוויסט, קליינינקע פרויען און קליינינקע מענער, די איינציקע מיזנער און פרויען, שוין אויסגעוואַקסענע. דעם קאַפּיטאַן גראַנטס קינדער, דער קליינינקער לאָרד פאָנטלעראָי, צוועלף פעלד־יעגערס, דריי

* א כאָרינקע — א שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע, וואָס איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע, אַפן כאָרינקע־פעלד, ווען ניקאָלײַ דער צווייטער איז געוואָרן קייסער.

** דאָס אָרט, וווּ דער רוסישער פלאָט איז אומגעקומען בײַם דער רוסיש־יאַפּאַנישער קריג.

שפּינערנס, זיבנ קלוגע שילער, דרײַ און דרײַסיק ריטערס, די פּלימעניקעס פונעמ פעטער טשאַרנאָמאָר, דער לעצטער טאָג פונ פּאָמפּיי און טויזנט און איינ נאַכט.

— א גוטמאָרגנ אײַך! — האָבנ זיי צו אונדז אויסגעשריִענ.

אפנ ברעג איז געשטאַנענ א גרינער דעמב. א גאָלדענע קייט איז געהאַנגענ אפ יענעמ דעמב. א קאָטער אפ א קייט און א פּאָר שטיוול אָנגעטאָנ איז מיט א געלערנטער מינע געגאַנגענ אַרומ דעמב. גייט ער רעכטס — לייענט ער ביכלעכ אפ א קול, גייט ער לינקס — דרייט ער אָנ דעמ גראַמאָפאָנ. פּונקט ווי בא דוראָווג אינ צירק. און אפ א פעלדז איז געזעסנ א ספינקס. ער האָט פאַרפאַסט שאַראַדעס און רעבוסנ.

באַקאַנטע געשטאַלטנ האָבנ געוווינט אפנ אינדזל. דער אינדזל לוקאָמאָריע איז געווענ דער שוצגעביט פונ אַלע אויסגעלייענטע העלדנ. די העלדנ זײַנענ אַרויסגעקומענ געוואָרנ פונ די ביכער. זיי האָבנ דאָ געוווינט אויסער צײַט און סיוזשעט.

באַגעגענענ אינדז איז אַרויסגעפאָרנ א געמישטער עסקאַדראָנ. פאַרויס איז געפאָרנ מיט אנ אַראָפּגעלאָזענעמ וויזיר דער אומבאַוווּסטער ריטער, און נאָכ אימ דער רײַטער אָנ א קאָפּ. נאָכ זיי האָט דאָנ־קיכאָט געטריבנ זײַנ קליאַטשע. אפ אנ אייזל איז נאָכגעפאָרנ זײַנ געטרײַער וואָפנטרעגער סאַנטשאָ. סאַנטשאָ־פאַנטשאָ. סאַנטשאָ־פאַנטשאָ האָט געפירט די פליגל פונ דער ווינטמיל, וואָס דאָנ־קיכאָט האָט אָפּגעבראָכנ. נאָכ זיי האָט זיכ געטראָגנ איוואַנושקאַ־דוראַטשאָק אפנ קאָניאָק־גאָרבונאָק און האָט אַלעמענ באַוויזנ א צונג. ווײַטער זײַנענ געגאַנגענ: איליאַ מוראָמעצ, אַליאָשע פּאָפּאָוויטש און דאָברינינאַ ניקיטיטש. אזוי האָט מענ זיי גערופנ באַמ נאָמענ און פאָטערנאָמענ. זייערע פאַמיליעס האָבנ מיר ניט געוווּסט. פונ הינטנ נאָכ זיי האָט זיכ געיאָגט דער באַרימטער שפּיק נאַמ פינקערטאָנ. ער האָט אויסגעשפּירט דעמ אומבאַוווּסטנ ריטער. נאָכ פינקערטאָנענ האָט אומבאַמערקט פאַרפאָלגט דער וועלט־שפּיק שערלאָק כאָלמס.

פונ די קוסטעס איז אַרויסגעגאַנגענ א באַוואַקסענער מענטש אינ בײַנישער פעל. אפ זײַנ אַקסל איז געזעסנ א געלערנטער פּאָפּוגײַ און האָט מיטנ שנאָבל געשלעפּט פונ זײַנ באַלעבאָס קעשענע קוויטלעכ מיט גליקנ.

— נאָבינ קרוזאָ! — האָט דער פּאָפּוגײַ אויסגעשריִענ גראַסיעזניק.

מיר האָבנ דערקענט דעמ גרויסנ נאָזיר. נאָכ ראָבינזאָנענ האָט א ווילדער געטראָגנ פאַרשיידענע אײַנקויפעכצנ. ער איז געווענ אײַנגאַנצנ נאַקעט. קיינ שומ היזנ האָט מענ אפ אימ ניט באמערקט. נאָר פונ פאָרנט איז געהאנגענ א קאַלענדאַר־בלעטל אונ אפנ בלעטל איז געווענ אָנגעשריבנ: פרײַטיק.

דערזעענדיק די געסט, האָט זיכ ראָבינזאָנ אנטשולדיקט אונ געבעטנ דאָנ־קיכאָטנ, אז ער זאָל אימ לײַענ פונ קאָפּ דעמ קופּערנעמ ראזיר־קאָמפּלעקט. דער ריטער האָט נעגעבנ. ראָבינזאָנ איז אוועק זיכ גאָלנ. זיכ האַלטנדיק אנ אייצע מיט סאַנטשאָ־פּאַנטשאָ אונ טרײַבנדיק א ביסל רעכילעס מיט אימ, איז פרײַטיק אוועק אינ שטיב זיכ אָנטאָנ. איבער דער שטיב איז געהאנגענ אזא שילד:

> **מע נעמט אָנ באשטעלונגענ**
> **מענערשע אונ דאמסקע**
> **א כיטרער שנײַדערל**
> **מיט איינ מאכ, באנײַמ ער אכט**

— דאָס איז ווענג אונדז געשריבנ, — האָבנ געזאָגט די זיבנ קלוגע שילער.

איגאָווונט, איז אינעמ געהיימענ סאָד אײַנגעאָרדנט געוואָרנ לעקאָוועד אונדזער אָנקומענ א גרויסער שפּאַציר מיט פײַערווערק. דאָרטנ האָבנ שפּאַצירט הימלבלויע צאַפּליעס אונ עס זײַנענ געפלויגנ בלויע פייגל. דאָרטנ האָבנ געקרייט נאָלרענע הענדלעכ אונ ס'האָבנ זיכ געלייגט די ראבע הינדלעכ. אונ די וועווריקעס האָבנ אונטערגעפײַפט „Во саду ли в огороде". פונ יענער זײַט זילבערנעמ פלויט איז געשטאנענ א דאטשע אפ הינערשע פיסלעכ. באנאנד איז געשטאנענ א שטיבל מיט א שילד „דעמ פעטער טאָמס שטיבל".

אינ א קרישטאָלענער אלטאנע האָט געשמאַק אונטערגעבראָפעט די שלאָפנדיקע פּרינצעסנ. צוליב אונדזער אָנקומענ האָט מענ באשטימט זי אופוועקנ. דאָנ־קיכאָט האָט אָפּגעזונגענ א סערענאדע „אויב דו ליבסט א ביסל, שענסטע, טאָ באווײַז זיכ גלײַכ אינ פענצטער". די שלאָפנדיקע פּרינצעסנ האָט ארויסגעשלעפּט א האָרנאָדל פונ די האָר, א קאָלופּע גע־

טאָג איז אויער איז נאָך העכער אָנגעהויבן בראָפּען. דעמלט האָט אָנגעהויבן הודען מיט צען מויזנט קעמל־קראַפט אינדזער שיף „ברענאַבאָר״..
פון די בוימער האָבן זיך אָפּגעשאָטן די בלעטער, די ריטערס זײַנען געפאַלן און די פערד זײַנען זיך צעהאַפּן. ווער ס׳איז שטייענדיק געשטאַנען, האָט זיך זיצנדיק געזעצט. ווער ס׳איז זיצנדיק געזעסן, האָט זיך ליגנדיק געלייגט.

ווער ס׳איז ליגנדיק געלעגן, האָט שוין קיין ברירע ניט געהאַט און געמוזט זיך אופּבאַפּן.

ס׳האָבן א קראַפּ געגעבן די לאָדן און די נאַרוואַס אופגעשטאַנענע פרינצעסין האָט זיך באַוויזן אין פענצטער. זי האָט א גענעץ געטאָן, געשטרעקט זיך א קראַץ געגעבן און אזוי געמאָלדן:

— וועלכע רוכעס האָבן מיך געבראַכט אַהער?... וויפל איז איצטער דער זייגער?

— צען אַזייגער אינאָוונט, — האָבן מיר געענטפערט.

— שוין צײַט צו גיין שלאָפן, — האָט געזאָגט די פרינצעסין.

— אינדערפרי! אינדערפרי! — האָבן מיר זי איבערגעקליגט — צען אַזייגער אינדערפרי.

— אויב אזוי איז נאָך פרי אופצושטיין, — האָט די פרינצעסין געזאָגט און האָט אזוי אָנגעהויבן בראָפּען, אז ס׳איז א ביזויען געווען פאַרן שוואַכן הודאָק פון „ברענאַבאָר״.

(די פרינצעסין האָט, ווײַזט אויס, געליטן פון א שלאָף־קרענק).

דעמלט האָט עמעצער צוגעשטעלט צו מיר א קינדערש לייטערל און זיך אַרופגעדראַפּעט אפ מײַנע עפּאָלעטן.

איך האָב א דריי געטאָן די אויגן און האָב דערזען א יונגעלע און א מיידעלע די גרייס פון שאָכפיגורקעס.

דאָס זײַנען געווען באַפולמעכטיקטע פאָרשטייער פון ליליפוטיע.

— איך בין יונגל־צינגל, — האָט געמאָלדן דער ליליפוטער פאָרשטייער, — און דאָס איז מײַן שוועסטערל צאַלבעלע. קומט צו אונדז טיי טרינקען... מיר האָבן אַרײַנגעלאָזן אונדזער יאַם אין קראַטער פון א וולקאַן, און דאָרטן האָט זיך שוין פאַר אונדז אָפּגעקאָכט גוטע פיש־יויך. טיי וועלן מיר טרינקען פון די גייזערס.

מיר זײַנען דאָרט געווען און מעד געטרונקען. און אזויווי קיין וואָגנס האָבן מיר ניט געהאַט, איז אלץ אַרײַן אין מויל.

# דער זונ־אונטערגאנג איז אָפגעשאפט געוואָרנ

ביים דער האליאנקע בא די ליליפוטנ האָט זיכ אַרײַנגעריסנ די מערק־ווירדיקע ווירקלעכקײַט אינ האָט איבערגעקערט אַלצ קאפויר. מיר האָבנ באַקומענ א טעלעגראמע.

1. „אינ רוסלאנד איז א רעוואָליוציע. דעם קייסער האָט מענ אראָפּגעוואָרפנ. פרײַהײַט, גלײַכהײַט אונ ברידערלעכקײַט".

—באלד איז אָנגעקומענ פונ שוואמבראניע:

2. „אינ שוואמבראניע איז אויפגעשטאנענ דאָס פאָלק. ס'איז פארביטערט צוליב דער שלאכט בא שארדע. ברענאבאָרג האָט מענ א ביסל אראָפּגעוואָרפנ. צײַטווײַליקער הערשער איז אוראָראָנאַל שאטעלענ".

אינ א האלבער שעה ארום, פארפלאָמבירנדיק די טריומענ אונ איפּהייבנדיק א רויטע פאָנ, איז „ברענאבאָר" מיט דער העכסטער שנעלקײַט ארויס אינ העלבערנ־יאמ. מיר זײַנענ דורכ ליליפוטיע, שלאפוטיע, האפּנוי אונ פרישפאנדפאָריע. מיר האָבנ געענדערט דעם נאָמענ פונ אונדזער שיפ. זי האָט שוינ געהייסנ „קארשאנדאר אונ יופיטער". אונדזער שיפ האָט געהאלטנ פאר א רעפּובליק: מיר האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט פונעמ קייסער — דעמ פארעטער.

קעדייו ניט פארלירנ די מאכט, האָט דער ברענאבאָר גומ. 4 צײַטווײַליק איבערגעגעבנ זי דעמ פאסקודניאק אוראָראָנאַל שאטעלענא. אוראָדאָנאַל שאטעלענאס אָטריאדנ האָבנ אָפּגעהיט די פלאטאָ קאָזנע, זיכ באוועגנדיק אינ די פעלדזנ־שפּאלטנ פונ ניקע, פלאָצקע אונ סאָקפאנאָקע. מיר האָבנ געמוזט אוועקגיינ—צו די קאנדעליאבערע. אינ זייערע צאָפּנדיקע בארג־צווישנ אונ אינ די אומגעגנטנ פונ פאָרטקאָרפייע האָבנ זיכ אויסגעבאהאלטנ די רעפּובליקאנישע פארשווערער. מיר האָבנ זיי ארופגענומענ אפ דער שיפ אונ, אויסמײַדנדיק דעמ קאפ קליאָק אונ נאכלאָבוטשי, זײַנענ מיר צוגעשווומענ צו די ברעגנ פונ דעמ פרײַענ קארשאנדאר אונ ארײַנ אינ האפנ יאנקי.

די קארשאנדארער אײַנוווינער האָבנ אונדז באגעגנט מיט באגײַסטערונג. קארשאנדאר האָט געפלאקערט אינ א רעוואָליוציאָנערנ אופשטאנד.

נאָר קאָנדאָרע האָט פארכאפט אוראָראָנאַלס א דעסאנט. מיר האָבנ באלאגערט קאָנדאָרע פונעמ פּיאָלטעווונ יאמ. קאָנדאָרע איז געפאלנ. אינ

אַנדערע העלטן זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן דירעקט טראָפּייען. דורכגײיענדיק די קאַמף־ריטשדראָטן אין בײַלבאָקע. האָבן מיר באַזוכט דעם פּאָרט סי־נאַר און צעבראָכן זיך פֿאַראַנקערט בײַ דער קאַרשאַנדאַרער ריוויערע. כ׳האָב געביטן מײַן פֿאַמיליע און זיך אָנגעהויבן רופֿן אַרדעליאַר דער קאַרשאַנדאַרסקער.

קעדײַ צוצוגרייטן די איבערקערעניש אויפֿן גאַנצן קאָנטינענט. האָב איך זיך אין אַ פֿאַרבלאָקירטן טרוים פֿון אײנער אַ שיף, אַריבערגע־פֿלױגט קײן ניו־שליאַמבורג. כ׳האָב געוווינט אין דער הויפּט־שטאָט, פֿאַר־קלײדט ווי אַ ווילדער אינדיאַנער. נאָר קוים פֿאַר מײַן באַמע אויפֿשטאַנד האָט מיך דערקענט ברענאַבאַר נאָך מײַן צעשפּאָלטענער בערד. אַדמי־ראַל האָט מיך אַרעסטירט און מיך איבערגעגעבן צום מיליטערישן גע־ריכט.

דער פּראָצעס פֿון אַרדעליאַר דעם קאַרשאַנדאַרסקין האָט זיך גע־צויגן אַ גאַנצן טאָג (זונטיק). דעם אַדמיראַלס טאָגבוך גיט איבער דעם געריכט אַזוי:

„דאָס הויז איז פֿול געווען מיט מענטשן, און אַלע האָבן מיך נײַגעריק באַטראַכט. איך בין געזעסן אויף דער באַשולדיקטן־באַנק, אַ שײנער און אַ שלאַנקער. פֿיר וואַכמענער האָבן זיך געצילט אויף מיר מיט זייערע ביקסן, כּדי איך זאָל ניט אַנטלויפֿן.

דער הויפּט־פֿאָרזיצער פֿון די ריכטער איז געווען דער געוועזענער ברענאַבאַר, וואָס איז אויף מיר זייער אין כּעס געווען. אַלס פּראָקוראָר איז געווען גראַף אַדמיראַל שטעמפּעלקאַ אַליין. ער איז געווען אײַנ־געטאָן אין אַ שוואַרצער אין אַ פּאַסקודניאַק.

קײן מוזיק איז ניט געווען, און אַלס אַדוואָקאַט איז געווען פֿאַטאַ־נאַטאַס, וועמען זיי האָבן געשוווירן ניט צו אַרעסטירן אין טפּיסע. דער פּראָקוראָר האָט גערעדט פֿאַרן גאַנצן אוילעם, אַז איך בין קליי־מערשט אַ מיט טשוליק און דער אַדוואָקאַט האָט געטענהט, אַז אַדמיראַ־נאַל איז אַלײן אַן אַפּנאַרער. און ברענאַבאַר זאָגט מיר:

— „הער באַשולדיקטער! איך גיב דיר פֿינף מינוט אויף זיך אויס־רײדן מיט די לעצטע ווערטער“.

דאַ האָב איך זיך אויפֿגעהויבן, אַ שײנער און אַ שלאַנקער, און דאָס גאַנצע פּובליקום איז זייער שטיל געוואָרן. הערט ריכטער! — האָב איך אויסגעשריען — אין נאָמען פֿון פֿרײַע קאָנטינענט פֿון גרויסן צאַר מעלדע איך אײַך, אַז איר זײַט אַרעסטירט. אײַערע וועלבן

אויגנבליק זײַנען אין זאַל אַרײַנגעלאָפֿן די רעוואָלוציאָנערן בײַראַ״ן מיט דושעקן דעם באַנליטער פֿון די מאַטראָסן און האָבן אַראָפּגע־וואָרפֿן די טיראַנען. דינר גאַנצער אוילעם האָט אָנגעהויבן שרײַען הורא און ס'האָט זיך באַקומען א שטורעמדיקע אָוואַציע".

ווענן דעם זונ־אונטערגאַנג האָט דער אַדמיראַל דעם טאָג גאָרנישט ניט געשריבן. ווײַזט אויס, אַז צוליב דעם איבערקערעניש איז שוואַמ־בראַניע איז געווען אויך דורכויסיקער זונ־אונטערגאַנג...

סאָף פֿון ערשטן טייל.

# צווייטער טייל

# בלאָנדזשענדיקע אינדזלען

# קראָפּעווע אונ גיפט־שוועמלעכ

דעם זומער 1918 האָבנ מיר פאַרבראַכט אינ דער קאַרשאַנדראַסקער ביוויערע אינ צאָפנ פונ שוואַמבראַניע, אונ אינעם דערפל קוואַסניקאָווקע, צוועלף קילאָמעטער האַרעמדיקער פונ פּאָקראָווסק.

נאָכנ אַראָפּוואַרפנ ברענאַבאָרנ אונ אורתּאַדאַנאַלנ האָט זיכ די שוואַמ־בראַנער יוגנט צעשפּאָלטנ אפ עטלעכע פּאַרטייענ. די שוואַמבראַנער רע־גירונג האָט איבערגעטיילט א ספּעציעלע געגנט אפ קריגנ זיכ. דרײַ גרויסע יוגנטלאַגערנ האָבנ צעטיילט צווישנ זיכ די געגנט — דרײַ פּײַנטלעכע רעפּובליקנ: סקאַוטאָניע, מיליטאַריע אונ אַטלעטיקע. דאָס מיליטער פונ סקאַוטאָניע אונ מיליטאַריע האָט אונדז, די רעגירער פונ אַטלעטיקע, באַלאַגערט אינ קוואַסניקאָווקע. די מיליטאַרנ האָבנ געלאָזנ אפ אונדז אומצאָליקע פּאָלקנ מיט קראָפּעווע. אינ די פּײַנטע אונ פינצטערע ער־טער האָט זיכ באַהאַלטנ די אויסשפּירונג פונ סקאַוטאָניע: די פּאַטרולנ פונ גיפט־שוועמנ. מיר האָבנ זיי דערקענט נאָכ זייערע סקאַוטישע קע־פּעלעכ.

דער גאַנצער זומער איז דורכ אינ שלאַכטנ. מיר האָבנ בלוטדורש־טיק געבראָכט די קראָפּעווע אונ אויסגעטאָפּטשעט ייִשווים מיט גיפט־שוועמנ. דערבײַ האָבנ געוויינלעכ געליטנ א היפּשע צאָל מיטפילנדיקע ביטער־שוועמלעכ אינ אומפּאַרטייִישע קאַמעלנ. נאָר סאָפּקאָלסאָפּ האָט זיכ אונדז אײַנגענומענ פאַרבאָטנ אינ נעפּענקעגיש דעמ פלינג־ביטערשוואָמ־פּאַשא אליינ. דאָס איז געווענ אַנ אויסערגעוויינלעכער שוואָמ. זײַנ פיסל איז געווענ די גרייס פונ א קעגליע. זײַנ רויטלעכ־ברוינ קעפּל, איז געווענ אײַנגעשפּיגעוועט מיט ווײַסע בערגלעכ אונ האָט אויסגעזענ ווי א געזיגנטע לוסטע פונ עפּעס א גרויסנ קאַלבעס. ס'איז אָנ סאָפּעק געווענ א שוואָ־מענדיענג.

מיט גרויסע האָנאָרנ האָבנ מיר געטראָגנ אהיימ דעמ פּליִנ־שוואָמ פּאַשאַ. מיר זײַנענ געגאַנגענ אונטערנ שאָטנ פונ א שוואָמ. פּלוצעמ האָבנ זיך פונ גראָבנ באַוויזנ צוויי מאַנצבילעכ. זיי זײַנענ אונדז געגאַנ־ גענ אנטקעגנ.

— נו, א שירעמ! — האָט ער געזאָגט — נו—נו!

בײַ דעמ דאָזיקנ מענטשנ זײַנענ די אויערנ אראָפּגעהאַנגענ און האָבנ זיך באַוועגט, ווענ ער האָט גערעדט. ער איז געווענ אָנגעטאָנ אינ א גרינ־ געמ צעריסענעמ פּרענטש און מיט ווינקלשנור אפּ די פּיס. שטעכיקע הע־ רעלעכ האָבנ זיך געמאָרשטשעט אפּ זײַנ ניט געגאָלטער מאָרדע. און בכלל איז ער געווענ ענלעכ אפּ קראָפּעווע. ווענ ער האָט א קוק גע־ טאָנ אפּ אונדז, האָב איכ דערפּילט עפּעס א בײַסעניש אינעווייניק.

(די נעשאָמע האָט זיך אָנגעהויבנ קראַצנ! — האָט זיך נאָכדעמ מוי־ דע געווענ אָסיע).

דערווײַל איז צו אונדז צוגעגאַנגענ דער צווייטער, שטשירענדיק די פּוילע ציינ. דאָס איז געווענ א בלייכ, דאַר מענטשל, אָנגעטאָנ אינ א פּאַרוסיקענ העמדל און אינ א גרויסער שוואָמענאַרטיקער הוט. ער האָט דערמאָנט אָנ א פּוילנ מיסט־שוואָמ.

— צי וועט איר ניט געבנ, קינדער, פּאַרזוכנ פונ אָט דעמ טײַערנ מײַכל! — האָט געזאָגט דער שוואָמ־מענטש.

— קאָרגט ניט, ברידערלעכ, — האָט געזאָגט דער קראָפּעווע־ מענטש — קײַנע ווילנ מיר. איצט איז אַלצ אַלעמענס. אפילו שוואָמענ. עמעס, ברידערלעכ?

— פונוואַנענ ווייסט איר, אז מיר זײַנענ ברידערלעכ? — האָט זיך פאַרוווּנדערט אָסיע.

— איכ ווייס אַלצ דורכ און דורכ — האָט געענטפערט דער קראָפּע־ ווע־מענטש.

— איצטער זײַנענ אַלע ברידער, — האָט צוגעגעבנ דער שוואָמענ־ מענטש.

— יונגע לײַט! נאָכ אײַערע שווערדנ זע איכ, אז איר זײַט רומפולע ריטער. א, היבער־ברידער, האַלט אונטער אײַערע ברידער אינ דער שווערער צײַט. אָניט וועל איכ פונ הונגער אויפעסנ אײַער שוואָמ, וואָס איז פונ דער מישפּאָכע גיפטיקע, און וועל אינ שוידערלעכע קאָנוווּל־ סיעס אויסגיינ פאַר אײַערע אויגנ.

— זייער פּאַשעט! איכ, פּערזענלעכ וועל אפילו אָנ קאָנסוז, — האָט

געזאָגט דער קראָפּעווע־מענטש, — ווייל שטאַרבן איז פאַר אונדז א שפּיל.

ער האָט אָפּגעביסן א שטיקל פליגן־שוואָם און איז גלייך געשטאָרבן. דער שוואָם־מענטש האָט געוואָלט רייסן אָפּ זיך די האָר, נאָר ס'איז בא אים גאָרניט אַרויסגעקומען, ווייל ער איז געווען פּליכעוואַטע. מיר זיינען געשטאַנען דערשלאָגענע.

נאָר אין דער שטילקייט האָבן מיר פּלוצעם דערהערט, ווי אינווייניק אינעם מיטן קלאַפּט עפּעס הויך.

— עס גייט נאָך אין 'אים דאָס האַרץ! — האָט אָסיע געמאָלדן פאַרלאָרן.

— דער גייסט גייט עס אין מיר, ברידערלעך, אַריין און אַרויס, — האָט טרויעריק געזאָגט דער מעך. איך, אַן אָרעם קינד, גיי אויס פון הונגער צוליב דער רעוואָליוציע... אין פאַריאָרן האָב איך מיין בלוט פאַרגאָסן... הופּט, ברידערלעך, אייער מאַמען... זאָל זי מיך, דעם יאָסעמל, ראַטעווען... זאָגט איר, אַז עס שטאַרבט א מענטש און בעט ווייגערס אָפּ שמאַלץ.

דער קראָפּעווע־מענטש האָט אָנגעהויבן אַרויסנעמען פון די הויזן־גאַליפע זייגערלעך, וועקזייגערס, בראַנזאַמענטן, סעקונדעמעטערס... פאַרקיישנבטע האָבן מיר באַטראַכט דאָס רייכטום. די אומגעגנט פון קיאַבניקאָווע איז פול געווען מיט א קלאַפּעניש פון זייגערס...

## דער קאָמיסאַר קאָנטראָלירט דורך די צייט

אין א האַלב שעה אַרום האָבן די אַרויסגעשפּרונגענע דאַטשניקעס און קוואָסניקעווער ווייבער אַרומגערינגלט די מאַנצביליג. דער קראָפּעווע־מענטש האָט שוין אַרויסגענומען פון רענצל און אָנגעצויגן די „באָדיקעס“ און קיקאַוועקע־זייגערס. דער שוואָמען־מענטש האָט מיט דער פליגן־קניט פון א פאַקיר געצויגן זיבן־שטאָק פון בויך. דערביי איז ער פאַר־אַלעמען אין די אויגן געוואָרן אַלץ מאָגערער. נאָכדעם האָט ער גענומען אַרויסנעמען פון רוקזאַק צוויי טינטערס, שטעקשיך, א קליינינקן אַקוואַריום (אָן פיש), א געצנבילד, פּריזיר־צוועגלעך, עטלעכע גראַמאָפאָן־פּלאַטן, א האַלזבאַנד פאַר א הונט, א מאַנישקע, און עמאַלירטע נאַכט־טשאַל און פאַסטעכע. די הויט איז נאָר געווען און אַבאַרש פאַר א לאָמפּ.

— א נײמאשינ איז בא אײנ פאראנ? — האָט געפרעגט עפּעס א פרוי.

— געווען, — האָט געענטפערט דער שוואַמ־מענטש. — נאָר מיר האָבנ זי אריבערגעגעבנ בא טאַמבאָוו.

דער האַנדל איז געגאנגענ לעבעדיק. אונ אינ דער זעלבער צײט האָט דער קראָפּעוועצ־מענטש גערעדנט, ווי אפ א מיטינג, אז די דאָרפישניקעס האָבנ אים געהערט מיט מיטגעפיל:

— אזוי אָט, טײַערע האַמעטשיקעס, באַשערטע ווײַבעלעך, אָט צו וואָס עס האָבנ אונדז דערפירט די כאַווײרים באָלשעוויקעס... אונ מיר האָבנ פאַר זײ אונדזער ארבעטער־בלוט ביזנ לעצטנ טראָפּנ אָפּגעגעבנ, טײַערע האַמעטשיקעס אונ באַשערטע ווײַבעלעך... בײדע זײַנענ מיר ארבעטער פונ דער שטאָט פּיטער. פונ פּוטילאָווער זאַוואָד.

דער קאָמיסאַר גײט! — האָט אײנ באַשריגנ עפּעס א יונגל, אונ די פלינקע לײַט האָבנ גלײַך באַהאַלטנ אַלצ אינ די זעק.

— ווײַזט אײַערע דאָקומענטנ, — האָט געזאָגט דער אָנגעקומענער קאָמיסאַר טשובאַרקאָוו, — גענוג צו אגיטירנ!

— אײנ אײגענער, אונ אײגענער אינ באַלבעמ נאָכ, — האָט רויק געענטפערט דער קראָפּעוועצ־מענטש.

— כ׳וועל דיר באַווײַזנ אונ אײגענער, — האָט שטרענג געזאָגט טשובאַרקאָוו אונ אַרײַנגעלײגט די האַנט אינ קעשענע, — ווײַז דײַנע דאָקומענט, ספּעקוליאַנט, ווײַז...

— דער שוואַמענ־מענטש, טרײסלענדיק זיכ אינגאַנצנ, האָט ארויסגענומענ א פּאַפּירל: „דערמיט ווערט באַשטעטיקט, אז דער געהילפפיכ־האַלטער... אינ וויסנשאַפּט־טועד“... דער קראָפּעוועצ־מענטש האָט גאָר קײנ דאָקומענט ניט געהאַט. ער האָט זיכ זײער געערגערט.

— נו, — האָט געזאָגט כ׳ טשובאַרקאָוו, — נעמט צונויפ די שמאַטעס אונ מאַכט פּיס פּונדאַנענ. כ׳זאָל אײַכ ניט מער אָנקוקנ... אָבגע־פלאַדיעט זיכ ווי שוואַמענ...

— בא אונדז איז גאָרניט ניטאָ! — האָט געזאָגט דער שוואַמענ־מענטש. — מיר זײַנענ פּאַשעטע סאָוועטישע פּיסנייער. אונ קײנ שום פּריוואַט־אײגנטום. איר קאָנט אונדז באַזוכנ.

כ׳האָב קײנ צײַט ניט צו פאַרענ זיכ מיט אײַכ, — האָט געזאָגט דער קאָמיסאַר, — כ׳האָב אָוועקפאָרנ. שוינ אוואַדע הײנט אזײנער... — קוקו... קו־קו קו־קו... — האָט געקוקעט די קוקאַווקע אינ הענטל באַמ קראָפּעוועצ־מענטש.

# די דעראָבערונג פונ ברעשקע

פאַר דער צײַט פונ אונדזער אָפּװעזנהײט האָט זיכ פּאָקראָװקע שטאַרק געענדערט. קײנ מאַרק איז ניט געװענ. באַקאַנטע בורזשויענ האָבנ גע־קערט דעמ פּלאַצ. צװישנ זײ איז געװענ דער אַרעסטירטער דירעקטער פונ דער בײַג=מיל. מיר האָבנ אינ רעיסטער פונ אומגערעכטיקײטנ אױס=געמעקט דעמ צװײטנ פונקט. אַפ דעמ אָרט, װו די ערד װערט קײַלעכיק, האָט מענ אױסגעבױט א טריבינע. אונ פונעמ פענצטער פונ גרױסנ ברע־שקער הױז, פונװאַנענ עס פלעגט פריער האַװקענ אַפ די שפּאַצירער א פעטער הונט — א פּאָקסטעריער, האָט איצט אַרױסגעקוקט א קױלנװאַר־פער, אױכ צעשטעלנדיק די לאַפּעס װי א הונט. איבערנ פענצטער איז געהאַנגענ א רױטע פאָנ מיט צװײ בוכשטאַבנ: טשע אונ ק.

אינ שטאָט האָבנ מיר זיכ נאָכאַמאָל געטראָפנ מיטנ קראַפּעװע־מענטש. ער האָט קאָמאַנדעװעט מיט א פאַנחאָמ.

דעמ פּאָגראָמ האָבנ אָנגעהױבנ די פראָנטאָװיקעס אונ א האַלבע פונעמ היגנ פּאָלק. מ'האָט געראַבעװעט דעמ װײנ־גאַסטראָנאָמישנ מאַגאַזינ, װעלכנ מ'האָט אָפּגענומענ באַמ גויר פּיסטאָדומאַנו. פונ אונטערפרי האָט דער אױלעמ אַרומגערינגלט דעמ מאַגאַזינ אונ געפּאָדערט װײנ. די שפּיגל־שױפענצטער האָבנ שטומ אָפּגעשפּיגלט דעמ אױפגערעגטנ אױלעמ. דעמלט האָט דער קראַפּעװע=מענטש א זעצ געטאָנ מיט אַנ אײַזערנעמ שרױפ=שטיק איבערנ גלאָז. דאָס גלאָז האָט אָפּגעגעבנ א שװאַרצנ פּיסק. דאָס גלאָז האָט דערלעבנ אױסגעקװיטשעט דאָס װאָרט „זינואָג"...

אינ א שעה אַרומ איז שוינ ברעשקע געװענ שיכּור. זױבער האָבנ אַפ קאַראַמיסלעס געטראָגנ עמערס פּאָרטװײנ. איבער ברעשקע זײַנענ געשטאַנענ קאַלוזשעס װײנ, װײנ איז גערונענ אינ די ריטשטאָקנ. מענ־טשנ האָבנ זיכ געלײגט אַפ דער ערד אונ געטרונקענ פונ די קאַנאַװעס. די גימנאַזיסטנ האָבנ זיכ געהאַלדזט מיט די סאָלדאַטנ. די אַפּעלסינעס, װאָס זײַנענ באַשטימט געװענ פאַר קינדער=הײַז, האָבנ זיכ געװאַלגערט איבער ברעשקע. באַזײַרימ האָבנ זיכ געריסנ צװישנ די אַפּעלסינעס. א גרױבער פעטער באַוער האָט זיכ געבאָדנ אינ א זומפּ פונ מאַדערע. ער האָט געבראַכנ מיט שאַמפּאַניער.

— אינ נאָמענ פונ רעװאָלוציאָנערער אָרדענונג בעט איכ אײַכ װײַער, — האָט געזאָגט דער קאָמיסאַר.

— אינ פרײַער? — האָבנ אימ געענטפערט די גימנאַזיסטנ.

דער קאָמיסאַר טשובאַרקאָוו האָט געבעטן, געפֿאָדערט, אײַנגערעדט און געוואָרנט.

— אַלץ איז אַלעמענס! — האָט געשריִען די שיכּורע קאָמפּאַניע בעראָש מיטן קראַפּעווע־מענטש, — מיר האָבן בלויז פֿאַרגעסן...

דעמאָלט האָט פֿונעם פֿענצטער פֿונעם גרויסן הויז אָנגעהויבן טראַסקען דער קוילנוואַרפֿער... ער האָט אַ האָגל געטאָן איבער ברעשקע, אַרויסלאָזנדיק די ערשטע ריי איבער די שיכּורע קעפּ. און אויסגעקערט די פֿאַבראַנעסדיקע ברעשקע.

כ'האָב זיך דערמאָנט מיט אַסיען, ווי מיר פֿלעגן צעשיסן ברעשקע אין אונדזער פֿאַנטאַזיע, זיך שפּילנדיק אויפֿן פֿענצטער אין שוואַמבראַניע. נאָר דעמאָלט האָט זיך ברעשקע ניט געלאָזט אָנרירן.

אין אַ האַלב שעה אַרום האָבן די הויטאָרמייער אַרויסגעשלעפּט אַ דערטרונקענעם פֿון קעלער. דער מענטש איז, ווײַזט אויס, אַראָפּגעפֿאַלן אין קעלער און האָט זיך פֿאַרבלינעט אין ווײַן. טשובאַרקאָוו איז צוגעגאַנגען צום מעס. ער האָט אַ קיק געטאָן, האָט אים דערקענט און טרויעריק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— קורקאָ, — האָט געזאָגט דער קאָמיסאַר.

## די איינציקע געהיימניש פֿון שוואַמבראַניע

מײַן כאַווער סטיאָפּקע גאַווריע, מיטן צונעמעניש אַטלאַנטידע, האָט מיר צוגעשיקט אַ בריוועלע נאָך קיין קוואַסניקאָווקע:

„אַ גוט מאָרגן דיר, ליאָבע! — איז געשטאַנען אין בריוועלע. — דעם ערשטן קום צו גיין אין גימנאַזיע. מע וועט עפֿענען די איינ. אַ. ש. אָכ, וועט זײַן אַ לעבן! ס. גאַווריע“.

כ'האָב לאַנג זיך געמאַטערט איבערן שיפֿער „איינ. אַ. ש. אין מיטאַמאָל איז מיר קלאָר געוואָרן. „איינ. אַ. ש.“ קלאָר — די איינציקע געהיימעניש פֿון שוואַמבראַניע.

אָט וואָס ס'האָט באַטײַט. עמעצער האָט דעמאַסקירט די געהיימעניש פֿונעם הייל פֿון די מויער־קעפּלעך, האָט אַרויסגעלאָזן די ראַמע און גענומען דאָס צעטעלע... סטיאָפּע האָט איצט געוווּסט וועגן שוואַמבראַניע און האָט זיך געקליבן דערציילן וועגן איר אַלעמען. איך און אָסיע זײַנען געווען דערשיטערט. די גראָבע ווירקלעכקייט האָט זיך ניט־וויסנדיק אַרײַנגעריסן אין אונדזער געמיטלעכער וועלט.

אָבער אין דער היים האָבן מיר דערוווּסט, אַז די שטעמפּלען אַף די מירעלעך פֿון דער הייל האָט מען ניט גערירט. אינווייניק איז טונקעלניש און אין שפּינוועבס, איז אָפּגעקומען איר צײַט די מאַלקע — די היטערן פֿון דער געהיימעניש. פֿונוואַנען זשע האָט זיך סטיאָפּקע דערוווּסט פֿון שוואַמבראַניע? כ'האָב באַשלאָסן איבערריידן מיט אים אָפֿן. סטיאָפּקע איז אויך ניט ווײַט געווען פֿון פֿאַנטאַזיעס. און האָט פֿאַרדינט זײַן צוגעמעניש איבער זײַן שטענדיקן טרוים וועגן אַטלאַנטידע.* כ'האָב אַ קלער געטאָן, אַז שוואַמבראַניע און אַטלאַנטידע וואָלטן געקענט ווערן פֿאַרבינדעטע מלוכעס.

סטיאָפּע האָט מיך באַגעגנט מיט פֿרייד. פֿאַרן זומער איז ער אויסגעוואַקסן און איז געוואָרן שטאָלץ בײַ זיך.

גייסט? — האָט געפֿרעגט סטיאָפּע.

— איך גיי, — האָב איך געענטפֿערט.

— עקזיסטירסט? — האָט געפֿרעגט סטיאָפּע.

— כ'עקזיסטיר, — האָב איך געענטפֿערט. און ניט דרייסט אַ פֿרעג געטאָן:—און פֿונוואַנען ווייסטו וועגן... א. א. ש. האָסט זיך דערוווּסט?

— איך מיר אַ סאָד, — האָט זיך אַ דריי געטאָן סטיאָפּקע, — אַלע יאָטן ווייסן שוין...

— צעקלונגען, — האָב איך אַן אומעטיקער געזאָגט, — עב, דו, און נאָך אַ פֿרײַנט, אַ כאַווער... איך דאַרף דאָך שוואַמבראַניע נייטיקער ווי דאָס לעבן.

און פֿאַרענטפֿערנדיק זיך, האָב איך דערציילט סטיאָפּקען דעם גאַנצן עמעס וועגן דעם לאַנד פֿון דער ווולקאַנישער אָפּשטאַמונג. כ'האָב גערופֿן די אַטלאַנטן ווערן פֿאַרבינדעטע מיט די שוואַמבראַנער.

סטיאָפּקע האָט געהערט מיט אינטערעס. נאָכדעם האָט ער אַ זיפֿץ געטאָן און פֿאַרלאָשט די פֿריִערברענענדיקע אויגן.

— וועגן אַטלאַנטידע טרוים מער ניט, — האָט סטיאָפּקע אַ זאָג געטאָן האַרט, — צו וועלכן טײַוול דאַרף איך איצטער די אַטלאַנטידע? כ'האָב אָן איר אויך גענוג אַרבעט! רעוואָלוציע. בײַ דער צאַרישער אָרדענונג זײַנען געווען סידעס און איצטער — אויס סידעס — אַ לעבן! און שוואַמבראַניע, דאָס האָט איר פֿײַן אויסגעטראַכט — האָט סטיאָפּ־

* אַטלאַנטידע — אַן אוראַלט לאַנד, וואָס דער אָקעאַן זאָל האָבן פֿאַרפֿלייצט, ווי די לעגענדע באַרויפֿן.

קע אָנגערעקנט — טאָר א.א.ש. דאָס איז גאָר פון אן אנדער גובערניע
אָנשטאָט גימנאַזיע וועט זיין א.א.ש., — איינהייטלעכע ארבעטשול באַ־
טייט עס.

## פארן אויערל—און אין דרויסן

אפן באנק, באַ דער אָפּטיילונג פון פאָלק־בילדונג, זיינען געזעסן די לערער. דער אינספעקטער, דער היסטאָריקער, דער געלער מאטעמאטיקער־מאַטאַטאָרהאָר און דער לאַטיין־לערער טאַראַקיניוס. די פאַרפראָרענע אויטאָסטראָזן האָט ניט געוואַרעמט די פעראָנגן. מ'האָט זיי דורכגעטריבן.

— אַאַ, אַ גוטמאָרגן אייך, וואָס מאַכן מיר עפעס — האָבן זיך געגריסט מיט מיר די פעדאַגאָגן און האָבן מיר איידל אויסגעשטרעקט די הענט.

א גוטמאָרגן, — האָב איך געענטפערט טרוקן און מיט ווירדע. — וואָס וועט איר עפעס זאָגן?

דער אינספעקטער האָט מיך אָפּגערופן אן א זייט.

— נו, וואָס האָב איך אייך, אָרכאַראָצעס, פאַרציילט מיר, אַזוינע שלעכטס געטאָן, — האָט געזאָגט דער אינספעקטער, — האַ? איך בין דען שולדיק, וואָס דער קייסער און קערענסקי זיינען נאַראָנים? זיי זיי־נען שולדיק, ניט איך. און באַ דער האַטנמאַכט וועל איך אויך זיין א גוטער. עס טוט וויי מיר באַנק. איך בין האָב א ביטפּילטדיקער.

און ס'האָט מיר אָנגעהויבן באַנק טאָן פאַר דעם אינספעקטער. נאָך מיר האָט צוגעהערט צו זיך דער היסטאָריקער.

— הערט מיך אויס! — האָט שטיל געזאָגט דער היסטאָריקער — נו, איך פאַרשטיי נאָך, דורכטרייבן דעם אינספעקטער. ער איז ווירקלעך א מאָנאַרכיסט... נאָר מיך, פאַרוואָס? איך האָב, דאַכט זיך, שטענדיק מיטגעפילט. איר געדענקט, כ'האָב צוגענומען באַ אייך א זעטיק ביכל און גאָרניט. נאָר צום וועגטל געשטעלט...

דאָ האָט מיר א ווונק געטאָן דער לערער פון לאַטיין:

— דער אינספעקטער און דער היסטאָריקער זיינען, פאַרשטייט זיך, באַקהאַנאַקעס, — האָט דער לאַטייניסט געמאָלדן מיט איבערצייגונג, — נאָר איך בין דאָך אן אייגענער מענטש. געדענקסט ווען דו האָסט איבערגעפּלאָנטערט די פּראָנאָמען, האָב איך אָנשטאָט אן איינס געשטעלט א צוויי מיט א מינוס... וואָלסט געדאַרפט א רייד טאָן וועגן מיר. האַ?

מאנאכאחאוו האט געכיכיקעט אפ דער באנק. איכ בינ אוועק צו סטיאפקענ.

— סטיאפקע, — האב איכ געזאגט, — עפשער וואלט מענ איבערגעלאזנ דעמ אינספעקטער? ער איז אמאל אויכ נישקאשע געווענ.

— עכ, דו, יאלד אייגער! — האט סטיאפקע געזאגט, — אינטעליגענט! קייג גוטע אונ קיינ שלעכטע זיינענ ניט פאראנ. פאראנענ אנדערע אונ פרעמדע. עס זיינענ פאראנ רויטע אונ עס זיינענ פאראנ ווייסע. א פראלעטאריאט איז פאראנ אונ א בורזשואזיע איז פאראנ. אונ עס זיינענ נאכ יאלדנ פאראנ, אזעלכע ווי דו. כ'האב זיכ באליידיקט.

מ'האט נאכאמאל געמוזט רעווידירנ די שוואמבראנער פאראנדקעס.

## שא אונ פארטיק

דעמ ערשטנ האט מענ איבער דער גימנאזיע ארויסגעהאנגענ א רויטע פאנ. מיר האבנ זיכ צוזאמענגעקליבנ אינ הויפ. א מונטערער אויגוסט האט געשיינט אונ געקלונגענ.

דער פארוואלטער ניקיטע פאוולאוויטש קאמישעוו איז ארויס אפנ גאנעק.

— א גוטמארגנ אייכ, טויבנ! — האט געזאגט ניקיטע פאוולאוויטש. — איר זייט שוינ איצט ניט קיינ טויבנ־גרויע גימנאזיסטנ, נאר שילער פונ דער סאוועטישער איינהייטלעכער ארבעט־שול. איכ באגריס אייכ.

— א דאנק! — האבנ מיר געענטפערט. — מיר באגריסנ אייכ אויכ!

— אינ אזוי, — האט געזאגט ניקיטע פאוולאוויטש. — דער ראט האט מיכ באשטימט פארנ קאמיסאר פונ געזונט־אפהיטונג. ווענ מיט אייכ באלד ריידנ דער נייער פארוואלטער, דער קריגס־קאמיסאר, באוועד טשובארקאוו. כ'בעט אימ ליבנ אונ אכטנ.

טשובארקאוו האט מענ באגעגנט מיט אפלאדיסמענטנ. טשובארקאוו האט געזאגט:

— באוויידימ! איר זייט געבילדעטע אונ איכ בינ געווענ א פארפינצטערטער טרעגער. אייכ האט דאס ביכל געלערנט, אונ מיכ — דאס אומגליקלעכע לעבנ. אונ אט וועל איכ אייכ געבנ צו פארשטיינ וועגנ דער שול. וועגנ דעמ, פארוואס זי רופט זיכ איינהייטלעכע אונ ארבעט־שול, אונ פארוואס שול. באוויידימ! דערפאר, ווייל דאס איז א שול אינ

ניט וואס עס איז עפעס אנדערש. א שול פאר בילדונג. פארטיק. פאר-וואס ארבעט-שול? דערפאר, ווײַל זי איז פאר אלע ארבעטנדיקע אינ-לערנט אויס פארשיידענע ארבעטנ, ווי גײַסטיקע און פיזישע. פארטיק. אינ איינהייטלעכע — דערפאר, וואס ס'וועלנ שוינ איצט ניט זײַנ קיינ גימנאזיעס און פראגימנאזיעס, קיינ אינסטיטוטנ פאר איידעלע דאמע-נישקעס. אלע מענטשנ זײַנענ איצטער גלײַכ און וועלנ באגלײַכ איצטער דארפנ באהערשנ די וויסנשאפט. און כדי עס זאל זײַנ א נוצ דער רעוואלוציע, איז אין נאמענ פונ רעוואלוציאנערער אָרדענונג בעט איכ ניט ארומשליאנדרעווענ. שא און פארטיק.

— און פריער, וואס איז געווענ? — האבנ זיכ צעשריִענ די שילער פונ די העכערע קלאסנ — אראפ דעמ קאמיסאר! אהער ניקיטע פאוו-לאוויטשנ!

— אינ נאמענ פונ רעוואלוציאנערער אָרדענונג, — האט געזאגט טשובארקאוו, — בעט איכ אויפהערנ קלאפנ מיט די ציינגלעכ. פארטיק. ניקיטע פאוולאוויטש האט דער ראט באשטימט אפ א שטעלע. א וויכ-טיקע שטעלע. שא — און פארטיק.

אינ שול-ראט האט מענ באשטימט דעמ כאווער טשובארקאוו, דעמ וועכטער מאקסימיטש, סטיאפע אטלאנטידע, פארבינאוו — דעמ מיטגלי-פונעמ שטאט-סאוועט. דעמ לערער קארליטש און צוויי שילער פונ די העכערע קלאסנ. די גימנאזיסטנ האבנ געפײַפט. דאכדעמ האט טשובאר-קאוו געמאלדנ, אז אזויווי איצט איז פולע גלײַכבארעכטיקונג פונעמ פרויענ-עלעמענט, וועלנ מיר זיכ פונ איצט אנ לערנענ אינאיינעמ מיט די מיידלעכ. שא — און פארטיק.

# א דעליקאטע מיסיע

באמ צונויפגיסנ די מענער-און פרויענ-גימנאזיעס זײַנענ די קלאסנ אזוי געשוואלנ געווארנ, אז זיי האבנ ניט געקאנט ארײַנ אינ די פרי-ערדיקע געבײַדעס. מע האט געמוזט טיילנ די קלאסנ אפ גרונט-קלאסנ און פאראלעלע, אפ „א" און „ב". מיר האבנ ארגאניזירט א כפעציעלע קאמיסיע אפ אפקלײַבנ די מיידלעכ פאר אונדזער קלאס. אלס פארזיצער האט מענ אויסגעקליבנ מיכ, אלס געהילפ — סטיאפקענ. א האלבע שעה האבנ מיר זיכ געפוצט פארנ שפיגל אינ גארדעראב-צימער. אלע פאר-פונ דער גימנאזיסטיקע זײַנענ פארקליבנ געווארנ אפ אינטנ אינ פאר

רוקט אונטערן רימען. דעם רימען האט אונדז פארציונגן דער גרעסטער גיבער פון אונדזער קלאס — בינדיוג. די ברוסטן זײַנען בא אונדז גע־וואקסן ווי הײַבער. נאר אָטעמען האט מען קימאט נישט געקאנט. מיר האבן געליטן. נאכדעם האט סטיאָפּקע געבעטן, אז עמיעצער זאל אים אָנשפּײַ־ען אפן קאָפּ. באלאָנים זײַנען געווען, נאר סטיאָפּקע האט דערלויבט אָנשפּײַען נאר מיר.

— שפּײַ שיטערער, — האט ער געזאגט, — נאר היט זיך נישט אָנ־בראָקען.

כ'האב געווינטשאפט אָנגעשפּיגן. סטיאָפּקע האט צוגעגלעט די האר.

— אבער ווי גרויסארטיק איר זעט אויס — האט געזאגט בינדיוג, באטראכטנדיק אונדז, — פּאַסאַנ — שיק־מאָדע!... זיי וועלן זיך דאָרטן אײַנליבן אין אײַך אפּ טויט. איר קלײַבט נאר אויס וואס שענערע.

מיטגענומען אלע ערן־עסקאָרט (קאַוואָל) נאך פינף, האבן מיר זיך געלאָזן אין דער פרויען־גימנאזיע. בא די מיידלעך זײַנען געגאנגען די לימודים. מיט די אין שטילקייט איז פול געווען דער קאָרידאָר. פון די קלאסן־טירן זײַנען געקראכן פּארטויבטע טײַבן און אָזערעס. שטויב־פּעד־דעם און פּעטעלעך, דעקליבאציעס און קאָנוגאציעס... אין ווינקל, אַ־ער־ליגט איינע אפ דער אנדערער זײַנען געשטאנען אלטע פּארטעס. נישט ווײַט איז געשטאנען א נײַנקע פּיאנינע, וואס מע האט קאָנפיסקירט בא עפּעס א בורזשוי.

— לאָמיר מיטנעמען די מוזיק — האט פּארגעלייגט סטיאָפּקע.

אין פערטן קלאס איז געגאנגען א לימעד פון רוסישער שפּראך. א פּיכלע גימנאזיסטקע האט אויסדריקלעך געלייענט:

וולר ריזס אזוי שפעט דירך נאכט אין דורך ווינט?

— דאס זײַנען מיר, —האט זיך דערהערט א קאָל פון קאָרידאָר.

די טירן פון קלאס האבן זיך אויפגעפּראלט, און אין קלאס איז זיגע־רייש אין דונערנדיק ארײַנגעפאָרן א גאנץ נישט געזעענע פּראָצעסיע. זי האט איבערגעשטיגן אלע שוואמבראנישע אויסטראכטענישן. פּאָרויס זײַנען גע־קראכן, ווי טאנקעס איינער הינטער דער אנדערער צוויי פּארטעס. און די לעבער פאר די טינטערס זײַנען ארײַנגעשטעלט געוואָרן צוויי פּאָנען. אפּ די פּארטעס בין איך אָנגעקומען מיט סטיאָפּקען. און נאך אונדז איז מיט פּאראד ארײַנגעפאָרן די פּיאנינע. פינף מענטשן האבן זיי געשטופּט פון הינטן. די רעדעלעך בא דער פּיאנינע האבן געבריקעט ווי באַזיי־

רימלעכ. אפנ פולט איז געשטאנענ דער שילער־צעטל פונ אונדזער קלאס „א“. אפ די לעבטער זײנענ געהאנגענ אונדזערע היטלענ אונ אפנ לינקנ פעראל האבנ מיר אנגעטאנ א לאפטיע, וואס מיר האבנ געפינענ אינ הויפ...

— איז אט זײנענ מיר געקומענ! האט געזאגט סטיאפקע.

די מײדלעכ האבנ געשוויגנ אינ פארלעגנהײט.

— וואס איז דאס אזוינס?!! — האט היסטעריש א קוויטשע געטאנ די לערערנ. זי האט אזוי א געשריי געטאנ, אז אינ דער טומלדיקער פי־אנינע האט אנגעהויבנ נאכנ אונ האט זיכ לאנג ניט געקאנט באריקנ עפעס אײנע א מיטפילנדיקע סטרונע.

— ס׳איז פרידנ־דעפיטאציע, — האב איכ געזאגט, אונ האב אפגע־שפילט דעם וואלס „אפ די סאפקעס פונ מאנדזשוריע“.

די לערערנ האט א קלאפ געטאנ מיט דער טיר. די מײדלעכ האבנ זיכ א ביסעלע בארויקט.

— האשעווע גלײכבארעכטיקטע מײדלעכ, — האב איכ אנגעהויבנ, גלײכבארעכטיקטע מײדעלעכ! — האב איכ נאכ הויכיקער איבערגעבא־זערט — איכ וויל אײכ זאגנ, אז איכ וויל דערצײלנ...

די מײדלעכ האבנ זיכ גאר צעשמײכלט. כ׳בינ מוטיקער געווארנ אונ האב גענומענ גיכ רעדנ צו פארטעטיונ די מײדלעכ, אז מיר וועלנ זיכ איצטער לערנענ צוזאמענ אונ מיר וועלנ זײנ „ווי באוועדטעס אונ בא־זווידימ, ווי ברידער אונ שוועסטער, ווי מינינ אונ פאזשארסקי, ווי קאזו־קאז אונ מעדיקורי, ווי שאפאשניקאוו אונ וואלצעוו, ווי גלעזער אונ פע־צאלד, ווי רימסקי אונ קארסאקאוו“...

— אונ ווי וועט מענ זיצנ, — האט געפרעגט א הויכ אונ א שטרענג מײדל — די ײנגלעכ באזונדער, צי מיט די מײדלעכ אפ אײנ פא־טע? אײכ אפ אײנ פארטע, בינ איכ ניט מסכימ.

— די ײנגלעכ וועלנ אונדז רײסנ פאר די צעפ. — האט מיט א בא־סאווער שטימ געזאגט א גראבע גימנאזיסטקע. — אדער זיי וועלנ אונדז אנהייבנ קושנ.

אונדזער דעפוטאציע האט אויסגעדריקט איר שטורעמדיקע אופרע־גונג. איכ האב מיט פארביסערונג אויסגעשפילט „Буря на Волге“ אונ סטיאפקע האט אפילע אויסגעשפיגנ אונ געזאגט:

— פע־ע! קרייכנ זיכ... שיינ בעסער סמאטשענ א זשאבע!

— אונ אינ קוקעניש מעג מענ זיכ שפילנ? — האבנ אײנציקע גע־

פרעגט צוויי סאמע קלענסטע שילערנס מיט גוואלדיקע סטענגעס אפ די שפיצקעפ.

— אין קוקעניש? — האב איך זיך פארטראכט.

— וואס מיינסטו וועגן דעם, סטיאפקע?

— אין קוקעניש מיין איך, מען מעג — האט פרויסמוטיק געזאגט סטיאפקע.

איך האב דעם, ווי א גאנצע דריי אלטערע ניט ווייניקער וויכטיקע דער־מאלן זיינען אויסגעקלארט געווארן אין די צערעמאניע האט זיך פאר־ענדיקט, האבן מיר גענומען, נאר ניט וויטענדיק זיך, ווערבירן שי־לערנס פאר אונדזער קלאס.

די מיידלעך האבן זיך פלינק גענומען צופוצן זיך.

די ערשטע האב איך פארשריבן טאניע אפילאווע, די, וואס מיטן גראבן גאלדענעם צאפ.

— איך זע הײנט אײם שלעבט, — האט מיר געזאגט איך נאך טאניע אפילאווע, — איך האב א גאטער (איך האב א קאטער). פארשרייבנדיק די מיידלעך, האבן מיר גלייך שיין אין צעטל אנגעמערקט: לעבן דער פאמיליע פון דעם שטרענגן מיידעלע—באמבוקע, לעבן די צוויי קליי־ניקע — שפיגאליעטס. בא דער גראבער — מאדאם כאלופע. נאכדעם זיינען נאך געגאנגען סאניעפערסאניא, פריא, האלאבליע, ביקסע, ליו־גיעפיליריע, נימירמורע, שליפבע און קלאגע. און די מיידלעך, וועלכע מיר האבן ניט אויסגעקליבן, האבן אונדז אייך אנגערופן נאראנים.

— ניי, — האט געזאגט סטיאפקע, ווען מיר זיינען ארויסגעגאנגען, — איצטער וועט מען זיך אין קלאס דארפן באגיין אן זידלערייען, ביז וואנען זיי וועלן זיך ניט צוגעוויינען.

אין הויף האבן מיר געפונען א רעפיטאציע פון אונדזער קלאס „ב“. מיר האבן זיך לאנג פארענטפערט, וואס מיר האבן זיי פארלאזן דעם ווען. מ׳האט אונדז א ביסל צעפאטערט א גרויער אויסיען אין אונדזער שטימונג.

# א הינטישע מאזורקע

אין שפעבלערשטעטל שטארבן אוים די טויבן. דער ווינט שרייעט אין די פוסטע שפעבלערס מיטן שרעקלעכן ווארט „צעשטערונג“.

עס ביוישטשעט די צעשטערונג דורך ביידע אויערן — זאגט

אומדזער ווערטער מאקייטע, צוזעענדיק מיט טרויער, וואס עס טוט זיך אין שול.

און אין שול קומען פאר אזעלכע ווילדע מעשים, אז די פערד אין נאס דרייען אויס צו אונדז דערשראקענע די אויגן, איינער לויפט אריבער אפ דער אנדערער זייט גאס. א גאנצן טאג הערט מען אין שול די היגנטישע מאזורקע:

מיט איינע פינגער — דא! רע! דא! רע! רע! סי! רע! מע שלעפט די פיאנינע איבערן קארידאר. מע פירט זי פון קלאס צו קלאס אפ די פרייע לימודים.

דער קלאס ווערט א טאנצ-קלאס. די שילער גייען עפנטלעך אויער פון די לימודים.

„קאראפעטיק ארעמער, וואס ביסטו א בלוטארעמער?"... איך בין א בלוטארעמער, ווייל איך בין אן ארעמער"...

נאכן קלונג כאפט דער לערער אין קארידאר די שילער און בעט זיי האכמים, אז זיי זאלן גיין אפ די לימודים.

— איר האט זיך דאך גוט געלערנט, — רעדט צו מיר מיט פאר-צווייפלונג דער גוטער מאטעמאטיקער קארליטש, האלטנדיק מיך פארן ארבל. — קומט, איך וועל אייך געבן צו פארשטיין און אינטערעסאנטע זאך וועגן די טריגאנאמעטרישע פונקציעס פון א ווינקל. איר וועט פאקטיש באגייסטערט ווערן, אזוי אינטערעסאנט איז דאס. עפעס בעלעטריסטיק.

פון איידלקייט וועגן גיי איך. מיר גייען אריין אין פוסטן קלאס. דא, רע! דא, רע, רע! — הערט זיך פון שכייניעסדיקן קלאס... קאר-ליטש זעצט זיך פאר דער קאטעדרע. איך זעץ זיך אפ דער ערשטער פארטע. אלץ איז ווי געהעריק, נאר קיין שילער זיינען ניטא, דער קלאס — דאס בין איך.

— ביטע צום טאוול, — הייבט מיך אן דער קארליטש. לעבן טאוול זע איך דעם פלאן פון די לימודים אפ מארגן. אהא, מארגן איז א שווערער טאג. פינף שא. די ערשטע — זינגען, די צווייטע — מאלן, די דריטע — טיי, די פערטע — האנט-ארבעט, די פינפטע — פרייע באוועגונגען.

— נו, לאמיר אנהייבן, — ווענדט זיך קארליטש צום פוסטן קלאס, — מיר האבן א ווינקל אלפא...

...דא! רע רע! דא! רע--רע!.. סי! רע רע!..

# האָשנ אָנ מונדירנ

מיר זײַנענ אויסגעוואַקסנ אונ מיר שטאַרצנ אַרויס פונ אונדזערע גימנאַזיסטישע שינעלנ, ווי ביימער דורכ אַ פּאַרקאַנ. די קנעפּלעכ אַפּ די ברוסטנ זײַנענ אונטערנ דרוק פונ מענלעכקײַט אָפּגעטראָטנ צום סאַמע גרענעצ פונ די לאַצנ. דער פּאַס האָט פאַרלאָזנ די טאַליע אונ ציט צונויפ די לאַפּעטקעס. נאָר מיר דערטראָגנ אײַנגעשפּאַרט די אַלטע מונדירנ. אַפּ די אָפּגעקראַכענע היטלענ גרינט זיכ ווי אַ באַבעלע דער שאָטנ פונעם אַראָפּגעוואָרפענעם הערב.

אײַנמאָל האָט דער כאַווער טשובאַרקאָוו געבראַכט אינ קלאַס זיבנ נײַע שילער. זיי זײַנענ געווענ אָנגעטאָנ בונט אינ אָנ מונדירנ. זיי זײַ-נענ אַלע געבליבנ שטיינ הינטער טשובאַרקאָווס לעדערנעמ רוקנ. נאָר די רימענס זײַנענ בײַ אַלע געווענ אַלציינע, בײַ אַלעמענ זײַנענ אַפּ די ספּראַנטשקעס געווענ די בוכשטאַבנ ה. אָ. ש.

דער קאָמיסאַר האָט געזאָגט דעמ קלאַס:

— כ'בעט ס'זאָל ווערנ שטיל. אַ גוטמאָרגנ אײַכ. פּאַרטיק. די ווײַ-טערדיקע פּראַגע. אַזוי ווי איצטער איז בײַ אונדז אַנ אײנהייטלעכע שול, דאַרפנ זיכ אַלע לערנענ אײנײנעמ — צוזאַמענ. פּאַרטיק. זײַט באַקאַנט. אָט די זײַנענ פונ דער העכערער אָנפאַנגשול. ווערט באַפרײַנדעט. שאַ — אונ פּאַרטיק.

— גענוג, אַראָפּ מיט די האָשנ! — האָט מענ אָנגעהויבנ שרײַענ פונ הינטנ. — מיר וועלנ זיכ ניט לערנענ מיט די האָשנ. מיר זײַנענ מיטל-שילער אונ זיי זײַנענ אָנפאַנגער.

טשובאַרקאָוו האָט זיכ אויסגעדרייט:

— ווער סע וויל ניט מיט אַלעמענ צוזאַמענ — דער קאָנ זעלב-שטענדיק באַקומענ זײַנ מעטריקע. אונ — שאַ, — האָט געזאָגט דער קאָמיסאַר אונ איז אַוועקגעגאַנגענ.

די האָשנ זײַנענ געבליבנ שטיינ בײַ דער קאַטעדרע.

— גוטמאָרגנ, בורזשויענ! — האָט געזאָגט דאָס ברויגע האָשל קאָסטיע רודענקאָ, מיטנ צונעמעניש זשוק, וואָס מיר האָבנ אימ שוינ געקענט פונ די אַלטע געשלעגנ אינ גאַס. — אַ גוטמאָרגנ אײַכ, יונג-לעכ אונ מיידלעכ — האָט איידל געזאָגט קאָסטיע זשוק.

— אונ אינ מאָרדע ווילסטו? — האָט ערנסט געזאָגט בינדינג.

— אונ אינ מאָרדע ווילסטו ניט? — האָט עמעצער איבערגעבאַזערט פונ הינטנ.

— אונ פרי דענ האָט איר מי נע? האָט הויק געזאָגט קאָסטיע זשוק.

— פריער האָט איר מיכ דענ געשלאָגנ? — האָבנ אונדז צו פאַר־שטיינ געגעבנ די האַשלעב.

אינ קלאַס האָט מענ שוינ אָנגעהויבנ אַראָפּנעמענ די זייגערלעכ פונ די הענט, קעדיי זיי ניט צעברעכנ אינ געשלעג. די מיידלעכ האָבנ גע־נומענ צו זיכ אָפּהיטנ די זייגערלעכ.

— עב, דה, האָש אָנ א מונדיר, — האָט געזאָגט בינדיוג, צוגייענדיק צו קאָסטיע הודנקע, — דו רוקסט זיכ אויכ... פונ דער אָנפאַנגישער קריכסטו אינ גימנאַזיע. בא אונדז זיינענ דאָכ אפילע די קנעפלעכ ניט קיינ זילבערנע אונ קיינ מונדירנ האָט איר ניט... אונ קריכט נאָכ...

— איר זיינט א מיטלשול אינ מיר זיינענ א העכערע, באַטש אַנ אָנפאַנגישע, — האָט אים איבערגעקלינגט קאָסטיע זשוק, — מיר האָבנ זיכ מער ווי איר געלערנט... אָט זאָגט מיר, צום ביישפיל, ווו איז פאַראַנ א האַלב־סבומ פונ דער באַזע?

בינדיוג האָט אָפּ זיינ לעבנ ניט באַגעגנט קיינ „האַלבסבימ פונ דער באַזע“.

— איכ שפּיי אָפּ דיינ האַלבסבימ פונ דער באַזע, — איז גאָר בייזער געוואָרנ בינדיוג, — אָט וועל איכ צעלייגנ מיינ שטעמפּל אָפּ דיינ פּאַספּאָרט, וועסטו שריינ ווינ...

נאָר ער דאַט זיכ באַרלאָרנ. כ׳האָב דערזענ אז א באַב פונ אינ־דערע יאַטנ האָבנ זיכ אָנגעהייבנ רייענ אינ די לערנביכער. איכ האָב געוווסט, ווו עס איז פאַראַנ „א האַלבסבימ“, אונ האָב אויפגערייבנ די האַנט, קעדיי ראַטעווענ די ערע פונ קלאַס.

סטיאָפּקע אַטלאַנטידע האָט מיר שטאַרק א קלאַפּ געטאָנ איבער דער דלאָניע אונ זי אַראָפּגעקלאַפּט אפּ אַראָפּ.

— מע וועט זיכ באַגייענ אָנ דיר, — האָט שטיל א זאָג געטאָנ סטיאָפּקע, — דאָס קומט אימ, בינדיוג. ס׳א יאַט. אָט דאָס האָשט ער האָט בענעמומענ אינדזערע... זעצט זיכ, יאַטנ, אפּ די פּרייע וואַקאַנ־סיעס — האָט ער זיכ אָפּ א קאָל געווענדט צו די האָשנ.

די האָשנ האָבנ זיכ ניט דרייסט באַזעצט. א פינטלעכע שטילקייט פונ קלאַס האָט זיי באַגעגנט. קאָסטיע זשוק האָט זיכ צוגעזעצט צו די שפּיגאַליעטקעס (אַזוי האָבנ מיר גערופנ די צוויי קליינינקע שילערנ)

— א ניט־פאסיקע באקאנטשאפט! — האָבנ אינ אײנ צײט א זאָג נעטאָנ בײדע שפּיגנאַליעטקעס. זײ האָבנ א טרײסל געטאָנ מיט די סטענגעס אונ אָפּגעריקט זיכ אָנגעבלאָזענע.

# א טשעמפּיאָנאט אינ קוקעניש

די מײדלעכ האָבנ אײנגעפירט אינ קלאס א נײעמ נײעס. די הויפּט־נײעס איז געווענ די שפּיל אינ „קוקעניש”. אינ דער דאָזיקער אינטערע־סאנטער שפּיל האָט געשפּילט דער גאנצער קלאס. זי איז באשטאנענ אינ דעמ, וואָס אזעלכע־ס'ניט־איז פּאָרל האָט אָנגעשטרענגט גענומענ קוקנ אײנער דעמ אנדערנ אינ די אויגנ. אויב באמ שפּילער האָבנ פונ אָנשטרענגונג אָנגעהויבנ טרערנ די אויגנ אונ ער האָט זײ אָפּגעקערט האָט עס באטײט, אז ער האָט פארשפּילט. בא אונדז זײנענ געווענ טשעמפּיאָנענ אונ טשעמפּיאָנישעס. ס'איז אפילע אָרגאניזירט געוואָרנ א טורניר — א טשעמפּיאָנאט פונ קוקערס. פרײלעכ אונ אומבאמערק־באר פלעגנ דורכגײנ די לימודימ.

דער מאטעש אפּנ טיטל „זיגער־קוקער” פונ גאנצנ קלאס האָט גע־דויערט צוויי לערנ־שעא אונ א טײל פונ דער גרויסער פּויזע. ס'האָבנ זיכ פארזוכט ליזע־קאנדאליע אונ וואָלאָדקע לאבאנדא. צוויי א האלבע שאָ האָבנ זײ אײנער פונ אנדערנ ניט אָראָפּגענומענ די פּינטלעכע אויגנ. דעמ טאָג זײנענ אפילע אפּנ לימעד פונ פיזיק ניט פארגעקומענ קײנ טענות. דער פיזיקער איז אויכ דערשטױנט געוואָרנ פונ דער אײ־בערגעווײנלעכער שטילקײט אינ קלאס. נאָר ווענ ער האָט געפרוווט אָנהײבנ רײדנ וועגנ עפּעס, האָבנ אלע אָנגעהויבנ אימ אײנשטילנ מיט די הענט אונ ער האָט דערהערט א חראָנענדיקע „שאַ־שאַ־א”... דער פיזיקער האָט פארכטיק אונ שעפּטשענדיק געגעבנ צו פארשטײנ דעמ נעבנ פונ א וואסערפאס. נאָכדעמ איז ער אפּ די שפּיצ־פינגער ארויס־געגאנגענ.

צומ סאָפ פונ דער גרויסער פּויזע האָט וואָלאָדיע לאבאנדא פאר־שטעלט מיט דער האנט די אָנגעצינדענע אויגנ. ער האָט זיכ אונטער־געגעבנ. ליזע האָט אלצ אומבאוועגלעכ געקוקט אפּ אימ. אונ די מײד־לעכ האָבנ יובלדיק פארגעומענ „אַ אלגעמײנע קוויטשערײ, אזער א קינדער־געשרײ איבערנ לאַנקעלע”. אונ מיר האָבנ זיכ טרײעריק פארשטעקט די אויערנ.

נאָכ ליזע־סקאַנדאַליזע האָט עפּעס מאָדנע אָנגעהויבנ דעם קאָפּ און האָט נאָכ אַלץ געקוקט אומבאַוועגלעכ אינ איינ פּונקט. ביידע שפּיאָנאַליסטעס האָבנ איר אַ קוק געטאָנ אינ פּנים און זײַנענ דערשראָקנ אָפּגעשפּרונגענ. מיר האָבנ דערזענ, אַז ליזעס אויגנ זײַנענ פֿאַרקראָכנ אונטערנ שטערנ. ליזע איז שוינ לאַנג געלעגנ אינ כאַלאַשעס.

## ניטאָ קײנ צײַט צו לערנענ זיכ

דער קלאַס האָט זיכ פֿונדעסטוועגנ באַמיט האַלטנ לײַטיש אינ דער אָנוועזנהייט פֿונ די מיידלעכ. פֿונ די פּאַרטעס און פֿונ די ווענט האָט מענ אַראָפּגעקראַצט די ניט־איבעריק שײַנע אויסדרוקנ. קעדיי זיכ אויסשנײַצנ די נאָז, זײַנענ דעליקאַט די יאַטנ געגאַנגענ הינטערנ טאָוול.
בײַ די לימודים האָבנ זיכ איבערנ קלאַס געטראָגנ העפלעכע צעטעלעכ, סוידעס, פּאַטווערטעלעכ: „אַ גוטנ טאָג אײַכ, וואַליע. דערלויבט מיר אײַכ באַגלייטנ ביז אײַער ווינקל, וועגנ אַ וויכטיקנ סאָד. אויב איר וועט באַווײַזנ דאָס דאָזיקע ברייוועלע סעריאָזשענ, וועל איכ אימ אַזוי צעפּאַטשקענ די מאָרדע און פֿונ אײַער זײַט וועט עס זײַנ אַ באַוועריי. סאָליע. אַנטשולדיקט פֿאַר די טינט־פֿלעקנ".

אַלע אָוונט פֿלעגט מענ אײַנאָרדענענ „טענצ ביז טאָג". אויף די דאָזיקע אָוונטנ האָבנ מיר נאָכגעקוקט, אַז מיט אַנדערע מיידלעכ זאָלנ ניט טאַנצנ די יאַטנ פֿונ קלאַס „ב". די, וועלכע האָבנ געטאַנצט, פֿלעגט מענ אַרײַנשלעפּנ אינ פֿינסטערע קלאַסנ. נאָכ אַ קורצנ אָבער שטרענגנ פֿאַרהער פֿלעגט מענ זיי שוואַכיקנ שלאָגנ. די פֿרעמדע פּנימער געליטענעם פֿלעגנ, פֿאַרשטענדלעכ, דורשטנ נאָכ נקמה און גיכ האָבנ די באַנאַכטיקע געשלעגנ באַקומענ אַזאַ מינ פֿאָרנעם, אַז די שילער פֿונ די עלטערע קלאַסנ האָבנ אָנגעהויבנ אַרויסשטעלנ בײַ די טירנ קאַראַולנ מיט ביקסנ. די ביקסנ זײַנענ פֿאַרבליבנ פֿונ דער „זעלבסט־שוצ". אָפּטמאָל פֿלעגנ די קאַראַולנ שיסנ גלאַט אינ דער וועלט אַרײַנ צו אימפּאָנירנ מער. צו דער שיסערײַ האָבנ זיכ די טענצער גיכ צוגעוווינט.

בינדיוג, וועלכער האָט אַנטיילגענומענ אינ פּאָגראָמירנ דעם מאַגאַזינ, האָט אײַנגעאָרדנט אינעמ קלאַס־אייוועלע אַ קליינינקנ ווײַנ־קעלער. ער האָט צוגעמאַכט צו די פֿלעשער אַ גומענ טרײַבל און האָט דאָס צוגעפֿירט צו זיכ אינ פּאַרטע. בײַסנ לימוד פֿלעגנ אונטער דער פּאַרטע

צוליכנ די וואַרשטיקע אונ זיפנ. דערמיט פלעגט זיכ אויכ ניט מיעסנ מאדאם כאלופע. דאָס איז געווענ א גוואַלדאַוונע גראַבע, הויכוווּקסיקע מומע. פאַר איר האָבנ מוירע געהאַט ניט נאָר די מיידלעכ, נאָר אפילע די יאַטנ. איינעמ פונ די באַליידיקער האָט זי עפנטלעכ אָפּגעשמיסנ אפ דער קאַטעדרע.

מיכ האָט איינמאָל די מאַדאַמ כאַלופע געגעבנ אזא דעצ מיטנ קאָפּ אנ שטיינערנעמ דיל, אַז ערשט אינ צענ מינוט ארומ האָב איכ זיכ ווידער דערפילט לעבעדיק. אונ האָב איכ ניט אינגאַנצנ.

סטיאָפּקע אָפּלאַנטיע איז ארומגעגאַנגענ אנ אָנגעבאָמערטער. די עלטערנ פונ די שילער פלעגנ אימ באַגעגענענ אונ פירהאַלטנ.

— נו, וואָס? — האָבנ זיי געזאָגט, — זיכ דערשלאָגנ פרײַהײַט? ס'איז אייכ איצטער פרײַלעכ זיכ לערנענ? ס'איז דאָכ א שאַנד אפ דער גאַנצער שטאָט אונ מער גאָרניט. ס'איז דאָכ, אַנטשולדיקט מיר, וואָס איר ווילט, נאָר ניט קיינ שול.

סטיאָפּקע האָט געפּרוּווט אײַנשטילנ די צעיושעטע כוטעראַנישע ייִנגלעכ. אימ האָבנ אונטערגעהאַלטנ די האַנט אונ אייניקע פונ די כאַווײַרימ. אונדז האָט מענ ניט געהערט. דער קלאַס איז געווענ פאַר גומענ מיט טענצ אונ קוקעניישנ.

— ווענ־זשע זאָל מענ זיכ לערנענ? — האָבנ מיר טרויעריק געפרעגט.

— ניטאָ איצטער קיינ צײַט צו פאַרנעמענ זיכ דערמיט, — האָט געענטפערט בינדיוג, — ס'איז ניט די אַלטע אָרדענונג. גענוג.

— נאָר, — האָט געזאָגט קאָסטיע זשוק, — ערשט איצט איז די צײַט צו לערנענ זיכ ווי געהעריק.

— דאָס פעלט אײַכ, האַשלעכ־באַלשעוויקלעכ, בילדינג, — האָט געזאָגט בינדיוג, — אונ אונדזער איינער, אנ אַלטער גימנאַזיסט, וועט זיכ באַגיינ אָנ דעמ... לערנ ניט קיינ געלערנטע...

... אינ שוואַמבראַניע האָט זיכ דעמ זעלבנ טאָג אויכ צעפּלאַקערט א געלערנטער דיספוט צווישנ גראָפ אוראַדאַנאַל מיט דזשעקנ דעמ באַגלייטער פונ די מאַטראָסנ. ס'האָט זיכ אָנגעהויבנ א מילכאָמע.

## א שישקע אפ א גלײַכ אָרט

בײַמ דער גרויסער פויזע פלעגט מענ אונדז טיילנ צוקער. מע פלעגט אונדז געבנ הייסע טיי. פונ אזא לוקסוס האָבנ מיר אינ דער אַלטער

גימנאזיע ניט געווּסט. איצט פלעגט יעדערער באקומען א גרויס קרינגעלע און צוויי שטיקלעך האפינאד. איך פאקראוועסק איז קימאט ניט געווען קיין צוקער. איך שיל פלעג איך טרינקען טיי אן צוקער, קעדיי אפטראגן די וועכטפילע שטיקלעך צוקער אהיים. דארטן פלעגט מיך באגעגענען דער געטרייער אסיע. ער פלעגט מיך באגעגענען מיט איין און דער זעלבער פראזע:

— גרויסע נייעס, — פלעגט ער זאגן, און פלעגט מיר גלייך מיטיילן וועגן די געשעענישן, וואס זיינען פארגעקומען דעם טאג אין שוואמבראניע.

איך פלעג אים אפגעבן דעם צוקער. מיר פלעגן ביידע אנקווען פון די קערנערדיקע קוביקלעך. מיר פלעגן זיי ארייןלייגן אין קעסטעלע. דאס קעסטעלע האט ארייגענומען אין זיך דעם גאנצן צוקער-פאנד פון שוואמבראניע. דער פאנד איז געווען אומבארירלעך. ער איז געווען באשטימט פאר צוקינפטיקע יאנטויוויס. נאר זונטיק פלעגן מיר צו מיטיק באמ פרעזידענט פון דער שוואמבראנער רעפובליק אופעסן צו שטיקלעך.

דער פאנד איז געוואקסן. מיר האבן געטרוימט וועגן דער צוקינפטיקער גרעכן פון די צוקער-אנטיבטונגען, וועגן גרויסע זיסע פאקאלעטער-פיפערן, וועגן צוקער-ציטאדעלן. די זיסלעכע געאמעטריע פון די דאזיקע באלוימעס האט ארייסגערופן א באגייסטערטן שפיינעבץ.

נאר איינמאל האט דער צוקער ארויסגערופן א בלוטפארגיסונג.

איך בין אויסגעטיילט געווארן אלס פראנטווארטלעכער צוקער-פארטייליער אין אונדזער קלאס. דאס איז געווען ניט אזוי א זיסע, ווי א זייער געאכטעטע שטעלע. אין מיין ערלעכקייט האט מען ניט געצווייפלט.

— זע נאר, — האט מען מיר געזאגט, — א שפיין-קאמיסאר... א שיישעע אפ א גלייב ארט.

און בינדיוג, א באכער א פרעבער און א דורכגעטריבענער, האט מיר פארגעלייגט א קלוגע קאמבינאציע. געהאנדלט האט זיך וועגן עטלעכע איבעריקע פארציעס צוקער, וואס מע פלעגט ארויסגעבן פאר שילער, וואס קומען ניט. בינדיוג האט פארגעלייגט ניט אומקערן אין קאנצעלאריע דעם דאזיקן איבערגעבליבענעם צוקער, נאר צעטיילן אים צווישן זיך. די דאזיקע קאמבינאציע האט נאטירלעך, געקאנט געבן אן אויסערגעוויינלעכע גערעטעניש פונעם שוואמבראנער צוקער. וועגן דאס זאל זיין

אין דער אלטער גימנאזיע, וואָלט איך זיך ניט נאָר ניט געוואַקלט, נאָר איך וואָלט אפילו געהאלטן פאר מײַן כּבוד אָנצופּײַפֿן דער נאטשאלסט־ווע. נאָר איצט זײַנען אין דאס געזעסן אײגענע יאטן. זיי האָבן מיר געטרויט, צוגעלאָזן צום צוקער און כ'האָב זיי ניט געקאָנט אָפּנארן אפילע אין נאָמען פון שוואמבראניע.

כ'האָב זיך אָפּגעזאָגט, אויסגייעטריק פון שטאָלצער ערלעכקייט. דעם זעלבן טאָג האָט מיר בינדיוג אָפּגעצאָלט. באַם צעטיילן דעם צוקער זײַנען עטלעכע שטיקלעך אראָפּגעפאלן אפן דיל. כ'האָב זיך אײַנגעבויגן אונטער דער פארטע קעדיי אויפצוהייבן זיי. אין דעם דאָזיקן מאָמענט האָט מיך בינדיוג א ריס געטאָן פארן קאָלנער אראָפּ. כ'האָב זיך שטארק א זעץ געטאָן אָן קאנט פון א פארטע. אפן שטערן איז מיר אויפגעלאָפן א שרעקלעכער בײַל און ס'האָט אָנגעהויבן גיין בלוט. צוויי שטיקעלעך ראפינאד זײַנען רויט געוואָרן.

די מיידלעך האָבן מיטפילנדיק באטראכט מײַן שטערן און געראטן אים באנעצן.

איך האָב ווײַטער געטיילט, זיך באמיִענדיק ניט צו פארקאפּען דעם צוקער. זיך האָב איך גענומען די צוויי רויזע שטיקלעך. טאיע אפילאָווע האָט מיר געגעבן איר טיכל.

א באפליגלטער און א פארבליטיקטער בין איך אויעק אין צימער, וואָס געפינט זיך לעבן דעם לערער־צימער. איבער דער טיר איז געווען צוגעשלאָגן א רויט שטיקל צין. אין צימער איז געווען א דויב, א ראַש און ביקבן.

— מאָיעריס, — האָב איך געזאָגט אין דויב און אין טומל, — איך האָב געליטן דורכן סאָוועטישן צוקער... אין בײַבלאַל בין איך אפּ דער־פּלאטפארם... זײַט אזוי גוט און פארשרײַבט מיך פאר א מיטפילנדיקן.

דער טומל איז געוואָרן שטילער און דער דויב — געריכטער. און מיר האָט מען געזאָגט:

דיך וועט דאָס דער טאטע מיטפילן באשטראָפן מיטן ווינקל... און ווען דיר נאָך מאכן א קאנטע, אז דו זאָלסט ניט מיטפילן... ער איז דאָך בא דיר_א דאָקטער.

דער דויב האָט פארשטעלט מײַן פארביטערונג.

פינדעסטוועגן בין איך די גאנצע וואָך געגאנגען מיט א בײַל אפן שטערן.

כ'האָב געטראָגן דעם בײַל, ווי א אָרדן.

## דער אָטעם 34

... און געוויינט האָבן נאָך אים די קינדער אין די שולן
„שעכערעזאַדע", די 35־סטע נאַכט.

אין דעם אינטערפרי בין איך אַוועק אין שול פריִער ווי געוויינלעך מ'האָט געדאַרפט באַקומען צוקער און דער אָפּטײלונג פון פאָלק־בילדונג. אויף ברעשקע בײַ דער „געברויכלעכע" וווּ אויף דער וואַנט זײַנען געווען אָנגעקלעפּט פרישע צײַטונגען, איז געשטאַנען אַ גרויסער שטילער אוילעם. דער אוילעם האָט מיר פאַרשטעלט די מיט פון דער צײַטונג, און כ'האָב נאָר געזען פאַרוועלקטע, בלײַכע פּאַפּיר, אַ בלאַסן שריפט, דאָס קעפּל „איזוועסטיאַ", נאָך געשריבן מיט אַ i און דאָס וואָרט „סאָוועט", וואָס איז נאָך געווען אָנגעשריבן מיט אַ „יאַט"

„דער קאַמף ווערט פאָרגעזעצט אויף אַלע פראָנטן", — האָב איך איבערגעלייענט אין דער הייך. צווישן די מענטשן־קעפּ האָב איך געזען שטיקלעך פון די געוויינלעכע טעלעגראַמען... „אויף אוראַל זענען מיר פאַר דעם אָנגריף און מיר האָבן שוין פאַרנומען אַ ריי פּונקטן. אויף דער קאַמע איז אונדזער מיליטער אָפּגעטראָטן צום האַפן יעלאַבוגע. אַן אַמעריקאַנישער דעסאַנט. אין אַרכאַנגעלסק האָבן זיך די אַרבעטער אָפּגעזאָגט אונטערשטיצן די פאַררעטער... דער קאַמף פון די אויפשטענדלער אין אוקראַינע ווערט פאָרגעזעצט".

נאָענט אונטן, אַ ביסל עמעצנס עלנבויגן, האָב איך דערזען דעם דריבנעם שריפט פון דער נעכטיקער צײַטונג:

„...דער פּראָוויאַנט־אָפּטייל פון מאָסקווער סאָוועט פון די אַרבעטער־און רויטאַרמייער־דעפּוטאַטן גיט צו וויסן דער באַפעלקערונג פון מאָסקווע, אַז מאָרגן דעם 30־טן אויגוסט וועט מען קיין ברויט אויף די גרונט־קאַרטלעך ניט אַרויסגעבן... לויטן טאַלאָן פונעם צוגאָב־ברויט־קאַרטל אין פאַר קינדער פון 2 ביז 12 יאָר, וועט אויפן קופּאָן נום. 13 אַרויסגעגעבן ווערן ¼ פונט ברויט"...

אויסערגעוויינלעך שטיל איז געשטאַנען דער אוילעם פאַר דער צײַטונג, און כ'האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס ס'איז דאָ אַזוינס פאָרגעקומען. פּלוצעם, צעשפּאַרנדיק דעם אוילעם, האָט זיך גיך דורכגעשפּאַרט פאַרויס דער עסטרײַכישער געפאַנגענער קאַרדאַטש. ער איז געווען בלײַך. אַ וויקלשנור אויף איין פוס זײַנעם האָט זיך צעבונדן און געשלעפּט אויף דער ערד.

— לייגנ, — האָט ער געזאָגט.

און שמעצער האָט געוויסנהאפט איבערגעלייענט:

„אלע, אלע, אלע.

עטלעכע שעה צוריק איז געמאכט געוואָרנ א גאזלאנישער אטענטאט אפנ כ' לענינ... רויקייט אונ אָרגאניזאציע. אלע דאַרפנ שטאנדהאפטיק פארבלײַבנ אפ זייערע פּאָסטנס. ענגער די רייענ.

פּאָרזיצער פונ ווצ"יק יא. ס ו ו ע ר ד ל אָ וו. 30 אווגוסט 1918. 10 אזייגער מיט 40 מינוט אינאָוונט”.

א געפּלעפטער האָט קארדאטיש מיט ניט גלייבנדיקע אויגנ געקוקט אינ מויל דעמ לייענער. נאָכדעמ האָט ער זיכ א קלאפּ געטאָנ מיטנ פויסט איבער דער באק אינ א ברומ געטאָנ: מ-מ-מ...

„אינ קיל, דורכגייענדיק אונטער דער לינקער לאָפּעטקע, — האָט שמעצער געלייענט ניט קלאָר...

עפּעס האָט מיר א שפּאר געטאָנ אונטער דער לינקער לאָפּעטקע... כ'האָב זיכ אויסגעדרייט אינ דערזענ בינדיוגנ. דאָס האָט ער מיר א שפּאר געטאָנ אינ פּלייצע.

— ארײַנגעטאָפּט, — האָט רויק געזאָגט בינדיוג אונ, אָפּרײַבנדיק א שטיקל צײַטונג, האָט ער אָנגעהויבנ פארדרייענ א ציגארקע.

קארדאטיש האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ אפ אימ. אונ, אָנכאפּנדיק אימ פאר די פּלייצעס, האָט ער אימ גענומענ טרייסלענ.

— כ'וועל פונ דיר אלײַנ מאכנ א ציגארקע! — האָט געשריגנ קארדאטיש.

איכ בינ אויפגעלאָפנ אינ שול... לענינ איז פארוווּנדעט! לענינ! דער סאמע וויכטיקסטער מענטש, וואָס האָט זיכ גענומענ באגראָבנ די רייסטערס פונ די אלוועלטלעכע אומגערעכטיקייטנ. אונ ער איז פארוווּנדעט — דאָס מיעסטע פונ אלע אומגערעכטיקייטנ!!!

...די שול האָט געהוידעט. אינ קלאס, אָנגעשפּארט אפ די עלנ־בויגנס, זײַנענ געלעגנ אפנ דיל די האָיג אונ עטלעכע פונ אונדזערע יאטנ. אפנ דיל איז געלעגנ דער אנאטאָמישער אטלאס, וועלכנ מיר האָבנ גענומענ פונ לערער־צימער. זיכ פּלאָנטערנדיק מיטנ בלײַפעדער אינ די ליטאָגראפישע ארטעריעס, לונגענ, קישקעס, אאָרטעס, האָבנ מיר זיכ געוואָלט דערוויסנ: ס'איז געפערלעכ, צי ניט?..

קאסטיע זשוק איז געזעסנ אפ דער פּארטע, אונטערגעשפּארט דאָס

פאַנעמ מיט דער האַנט. אינ דער אַנדער האַנט האָט ער געהאַלטנ א מעסערל.

— אונ טאָמער... טאָמער וועט ער שטאַרבנ?.. — האָט קאָבטיע א פרעג געטאָנ טרויעריק.

אונ האָט אויסגעשניטנ אפ דער פאַרטע: לע...לעני...לענינ...

ס'איז געקומענ דער וועבטער מאַקייעוויטש, דער היטער פונעמ שיל-פאַרמעגנ. ער האָט שטרענג א קוק געטאָנ אפ קאָבטיען אונ האָט שוינ געהאַט געעפנט דאָס מויל, כדי אימ מאַכנ א פאָרוואורפ פאַר פאַטערנ פאָלקס-פאַרמעגנ. נאָר ער האָט נאָר א זיפצ געטאָנ, געשוויגנ א ווײַלע אונ אוועקגעגאַנגענ.

איבער די טרעפ האָבנ געהילכט שווערע טריט. בא די טירנ, וואָס מיטנ רויטנ שטיקל ציַיג, האָבנ די שילער פונ די עלטערע קלאַסנ צוגעשפּ-רעליינט די ביקסנ, ווי שײַטלעכ האָלצ.

ביימ דער גרויסער פויזע זײַנענ אינ קלאַס געקומענ די מיטגלידער פונ ראַט: פאַרסונאַוו אונ סטיאַפקע אַטלאַנטידע. סטיאַפקע האָט זיכ נאָכוואָס אומגעקערט פונ סאַראַטאָוו אונ האָט געבראַכט די לעצטע ידיעות.

— דער געזונט-צושטאַנד פונ באַוועָר לענינ, — האָט איבערגעלייענט פאַרסונאַוו, אונ האָט דערבײַ וועג ווײס פאַרוואָס א קוק געטאָנ אפ מיר, — דער געזונט-צושטאַנד לויט די אויגנטיקע בויולעטענענ, איז א סאַכ בעסער. די טעמפעראַטור — 37,6, דער דויפעק 88, דער אָטעמ — 34.

— ליאָליע, — האָט מיר געזאָגט אַטלאַנטידע, — ליאָליע, מיר האָבנ צו דיר א ביטע. דײַנ טאַטע איז א דאָקטער. קלינג אימ אָנ אינ טעלעפאָנ, אונ זאָל ער דיר זאָגנ, וואָס ער מיינט וועגנ באַוועָר לענינ... ווי זאָגט מענ עס, א דיאַגנאָז צי א פראָגנאָז...

אינ עטלעכע מינוט אַרומ האָב איכ שוינ געדריקט צומ אייער דאָס טרײַבל, וואָס איז נאָכ וואַרעמ געווענ פונעמ ניט לאַנג פאַרענדיקטנ געשפרעכ. אַנ אוילעמ האָט מיכ אַרומגערינגלט.

— ס'איז דער שפיטאָל? — האָב איכ געזאָגט, — דער דאָקטער, זײַט אַזוי גוט. טאַטע? דאָס בינ איכ. טאַטע, אונדזערע יאַטנ אינ דער ראַט בעטנ דיכ פרעגנ... וועגנ באַוועָר לענינ. בא אימ איז דער אָטעמ — 34. ווי רעכנסטו, ס'איז געפערלעכ?

אונ דער טאַטע האָט געענטפערט מיט זײַנ געוויינלעכ דאָקטערקאָל:

— מיט פולער זיכערקייט קאָנ מענ נאָכ איצטער ניט זאָגנ, — האָט דער טאַטע געזאָגט, — דער פאַל איז אַנ ערנסטער. נאָר דערווײַל איז נאָכ ניטאָ קיינ גרונט צו דערוואַרטנ דאָס ערגסטע, דה. טויט.

— גיב אימ איבער פונ אונדז א דאַנק, — האָט מיר א שעפּטשע געטאָנ סטיאָפּקע.

דעמ טאָג האָבנ מיר אָפּנ לימעד פונ זינגענ געלערנט א נײַע ליד. די ליד האָט זיכ גערופנ שיינ אונ שווער: א י נ ט ע ר נ א צ י אָ נ א ל.

אינ דער היימ האָט מיר אָסיע געזאָגט, ווי געווײַנלעכ:

— גרויסע נײַס...

— אָנ דיר ווייס איכ זיי, — האָב איכ געענטפערט, — אַלע ווייסנ שוינ. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער וועט געזונט ווערנ.

— ניט דאָס, איכ רייד גאָר וועגנ שוואַמבראַניע — האָט אָסיע גע־זאָגט.

— אונ איכ רייד וועגנ לעניננ... שוואַמבראַניע ווערט אַפּ הײַנט אָפּגעשאַפט.

דאָס איז געווענ דער ערשטער אָוונט, ווענ מיר האָבנ זיכ ניט גע־שפּילט אינ שוואַמבראַניע.

## די רעכט אונ פליכטנ פונ א נײַנקנ

כ׳האָב זיכ דעמ אַלפאַבייס געלערנט פונ שילדנ
בלעטערנדיק זײַטנ פונ אײַזנ אונ בלעכ.

מ א י א ק אָ ו ס ק י.

אָסיענ האָט מענ אָנגענומענ אינ שול. אָסיע האָט באַקומענ דאָקו־מענטנ.

דער צײַטווײַליקער פּאַרוואַלטער פונ דער ערשטער שטופע, דער מאָ־לער קאָסטיערינ, האָט אָנגעשריבנ אַפּ די דאָקומענטנ אַזאַ רעזאָליוציע: „באַטש סע פעלט אימ א סאַכ צומ געבורטס־יאָר, גאָר אָנעמענ פאַר די גימנאַסטיקע פּייקעס. ער קאָנ שוינ לייענענ מיט קליינעמ שריפט".

די מאַמע איז געקומענ פונ שול אונ מיט איבעראַשונג אינ קאָל צו־גערופנ אָסיענ:

— אָנגענומענ! — האָט געזאָגט די שטאָלצע מאַמע. — ס׳טוט מיר נאָר באַנג וואָס מע האָט אָפּגעשאַפט דעמ מונדיר.

מיר וועלנ איצט האָבנ אזויפיל צוקער — האָט אָסיע געזאָגט פאַר־
טרוימט, — און מיר וועט מענ אויכ ארויסגעבנ.

איכ האָב איבערגעלייענט אָסיענ א קורצע לעקציע אַפ דער טעמע: א ניינקער, זײַנע רעכט און פליכטנ, אָדער ווי באַקומט מענ ניט קיינ קלעפּ.

אָנטועדיק מײַנ אַלט היטל, איז אָסיע אַוועקגעגאַנגענ אינ שול. דאָס היטל האָט זיכ פרײַ געדרייט.

— צו וואָס האָסטו אָנגעטאָנ אזא קאַרטוז? — האָט געפרעגט אָסיענ דער צענטוויניקער פּאַרוואַלטער, אַרונטערקוקנדיק אימ אונטערנ היטל.

— צוליב דער פאָרמ, — האָט געענטפערט אָסיע.

— ביסט שוינ צופיל שמענדריק, — האָט א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ דער צענטווייניקער פּאַרוואַלטער. — וווהינ טויגסטו, אזא קלייניקער, צום לערנענ?..

— איר זײַט פעדאַרע די גרויסע, נאָר א נאַר! — האָט אָסיע גע־
זאָגט.

— מע טאָר זיכ אזוי ניט זידלענ, — האָט געזאָגט דער געפּלעפטער קאַטשעריגינ, — און נאָכ א דאָקטערס א זונ... אַט האָסטו דיר א דער־
צויגנ...

— אוי, כ'האָב צופעליק איבערגעפּאַנטערט, — האָט זיכ אָסיע אַנטשולדיקט — כ'האָב נאָר געוואָלט זאָגנ — א קליינינקער, אָבער א ווילינקער.

— אָבער עס איז עמעס, אַז דו קענסט לייענענ מיט קרייגעמ שריפט? — האָט דער פּאַרוואַלטער געפרעגט מיט אכטונג.

— איכ קענ, — האָט אָסיע געזאָגט — און גרויסע בוכשטאַבנ, אפי־
לע איבער דער גאַנצער גאַס, קענ איכ לייענענ אַפ א קאָל, אויב זיי זײַ־
נענ נאָר אַפ שילדנ — און אַפ אויסווייניק ווייס איכ...

— אַפ שילדנ, — איז געוואָרנ גערירט דער געוועזענער שילדנמאַ־
לער, — עכ, דו קינד! אַפ אויסווייניק געדענקסטו. נו, זאָג מיר נאָר, וועלכע שילד געפינט זיכ דאָרט באַראָלסקע און ברעשקע?

אָסיע האָט זיכ אַפ א מינוט פאַרטראַכט. און נאָכדעמ האָט ער מי־
טאָמאָל אויסגעשריגנ:

— מאַגאַזינ „אַראַראַט”, פרוכטנ, ווײַנ, דער אייגנטימער ב. באַטראַיעוו און קוימענקערע, אָפּשטעלנ זיכ דאָ צוליב א נייטיקייט איז שטרענג פאַרבאָטנ.

— מײנ אַרבעט — האָט דער פאַרוואַלטער געזאָגט באַשײדנ.

— א קלאָרע האַנטשריפט, — האָט געזאָגט דער אײדעלער [illegible].

— אונ ווי איז איצטער אָנגעשריבנ אפ דער בירזשע? — האָט גע־פרעגט דער פאַרוואַלטער.

— די בירזשע איז אויסגעמעקט. עס רעכנט זיכ ניט. דאָס הויז פונ פרײהײט, — האָט אָביע געענטפערט אָנ אָפּשטעל.

— ריכטיק, — האָט געזאָגט דער פאַרוואַלטער, — איצטער קאָנסטו, יאַטל, גײנ זיכ לערנענ.

— א גײנקער. א גײנקער! — האָט דער קלאַס אָנגעהויבנ רוישנ, דערזעענדיק אָביענ.

— שײנ אונ אַלײנקער, — האָט זיכ געענטפערט אָביע, געדענקענדיק מײנע אָנווײזונגענ.

דער קלאַס האָט זיכ פאַרוואונדערט. אָביענ האָט מענ ניט געשלאָגנ.

## א לערער אינ א מאַסקע

אַלס לערער פונ גימנאַסטיק איז אינ אונדזער שול געווענ דער טשעמפּיאָנ ריטשאַרד סיניאַגינ — די שטאָלענע מאַסקע, א געוועזענער טרענער אינ באַראַטאַווער צירק. אינ דעמאָלט פאָרגעקומענ א צווישנפעלקערלעכער טשעמפּיאָנאַט פונ פראַנצויזישנ קאַמפ. ריטשאַרד סיניאַגינ איז געפאָרנ קומפנ קײנ באַראַטאָוו, אונ דער אַרביטער בענא רעטאָ האָט אים אָנגערופנ פאַרנ פּובליקומ „טשעמפּיאָנ אינקאָגניטאָ — די שטאָלענע מאַסקע". נאָכדעמ האָבנ אַלע אַפישנ געמאָלדנ, אַז צווישנ דער שטאָלענער מאַסקע אונ דער טויט־מאַסקע איז באַשטימט געוואָרנ „אַנ אומ־שײדנער טערמינלאָזער געראַנגל, אָנ אָפּרו אונ איבעררײס, ביז רעזול־טאַט". דאָס איז, פאַרשטענדלעכ, געווענ א פילשטענדיקע גענאַרערײ. די טשעמפּיאָנענ האָבנ [illegible] אָפּגעשוויצט די פיער אָפּגערעכנטע פערציק מינוט אונ נאָכדעמ האָט זיכ די שטאָלענע מאַסקע אויסגעגלײכט קווימערשט אפ די לאָפּעטקעס. ווענ די דלאָניעס בא די צושויער זײנענ געשוואָלנ געוואָרנ אונ דער צירק איז שטיל געוואָרנ, האָט דער אַרביטער, פאַרזיכטיק ברעכנדיק זיכ די הענט, געמאָלדנ:

— די טויטע מאַסקע האָט געזיגט פאַר פינפ אונ פערציק מינוט אונ, צומ באַדויערנ, ריכטיק... אונטער דער שטאָלענער מאַסקע האָט

זיכ גערָאנגלט דער טשעמפּיאָנ פונ דער וועלט אונ פונ שטאָט פּאָק-
ראַיאָנ ריטשאַרד ביניאַגינ.

אָבער צווייטנ טאָג אינ שול האָט זיכ דעם גאַנצנ לימעד פאַרענטפערט
ביניאַגינ, אַז מע האָט אים ניט ריכטיק אויסגעגליײכט. דער קלאַס האָט
אים פאַרעכטיקנ אויסגעדריקט אומצופרידנקײט. דעמלט, קעדיי דער-
ווייזנ זײנ קויכנ, האָט ער אַלעמענ דערלויבט אַרויפקלעטערנ אפ אים.
א מאָל נאָכ זײנענ אַרויפגעקראָכנ אפ כאַניאַגינענ, זיי זײנענ געקראָכנ
אפ אים ווי מאַרפּעריגנ אפ א באַאָבאַב. נאָכדעמ האָט ביניאַגינ אויפ-
געהויבנ די פּאַרטע, אפ וועלכער עס איז געזעסנ מאַראַט באַריסע מיט
אירע צוויי באַריערטענ. ער האָט אויפגעהויבנ די פּאַרטע אונ זי אוועק-
געשטעלט אפ דער הערבענקער.

נאָכ, ווען האָט ער געזאָגט — אונ איכ זאָגט נאָכ...
אונ דער לימעד האָט זיכ געענדיקט.

## די וועלט איז א טשעמפּיאָנאַט

די שול האָט שטענדיק ליב געהאַט געזונטע יאַטנ. איצט האָט זי זיי אָנגעהויבנ פאַרנעמענ. די שפּיל אינ קויטניש איז פאַרגעסנ געוואָרנ, דער פראַנצייזישער קאַמפּ האָט פולשטענדיק באַהערשט די שול. דער קאַמפּ האָט אונדז צוזעמענגעשטעלט אינ די „אַנטשייטענע אונ טערמינ-טאָגע" אונ אונדז געשטעלט מיט „טרענירונגענ" איבער די קלאַסנ אונ קאָרידאָרנ, ער האָט איבערגעבנ אונדזערע פּלײצעס מיט די שטײנער פונ די הײלנ. אונ נאָכ מאַטשינענקאָמבינאַציעס לאָפּעטקעס האָבנ זיכ קײנמאָל ניט אָנגערירט אָנ הײל. ביז אינ געווענ דער טשעמפּיאָנ פונ די קלאַסנ-טשעמפּיאָנענ, דער ניט-באַזיגטער טשעמפּיאָנ פונ דער גאַנצער שול אונ אירע אומגעגנט.

דאָס אַלצ האָט זיכ געענדיקט, געוויינלעכ, אויפגעבנ אפ דער מעלוכע-אָרדענונג פונ שוואַמבראַניע. די וועלט איז שטענדיק אינ אונדזערע קעפּ געווענ צעשפּאָלטנ אפ צוויי טײלנ. פריִער זײנענ דאָס געווענ „פּאַטיקע אונ ניט פּאַטיקע באַקאַנטשאַפטנ". נאָכדעמ מאַטראָסנ אונ מענטשנ פונ דער יאַבאָשע, טיטע אונ שלעכטע. נאָכנ באַרימטנ געשפּרעכ מיט בטיאָפּקע אַטלאַנטידע איז קלאָר געוואָרנ, אַז די מאַס „גוטער" אונ „שלעכטער" איז אויכ פאַרעלטערט. איצט האָבנ מיר דערזענ אַנ אַנדער צעטיילונג פונ מענטשנ. דאָס איז געווענ אונדזער צווייטע פאַרבינדער-

נײַע. די וועלט אינ די שוואַמבראַנער ייִנגען צעטיילט געוואָרנ אַפ גענײ־טע אונ שוואַכינקע. פונ איצט אָנ איז דאָס לעבנ פונ די שוואַמבראַנער באַשטאַנענ אויסשליסלעכ פונ טשעמפּיאָנאַטנ, טורנירנ אונ מאַטשנ. אונ טשעמפּיאָנ פונ שוואַמבראַניע איז געוואָרנ איינער פאַנפּנימי בי־נעקדאַבאַ, וואָס האָט מיט זיינ העלדישקייט אפילו פאַרטונקלט דושעקנ, דעמ באַגלייטער פונ די מאַטראָסנ. אונ האָט איינגעלייגט אַפ ביידע לאָפּעטקעס דעמ גראָס אוראַגאַנאַל שאַטעליגנא.

אָביע איז נאָך צעמישט געוואָרנ אַפנ פראַנצייזישנ קאַמפּ. בא זיכ אינ קלאַס איז ער געווענ דער סאַמע קלענסטער. אימ האָבנ אַלע איינגע־לייגט אפילו מיט דער לינקער האַנט. נאָכ אינ דער היימ האָט ער געטשאַרעט זיכ צו קאָמפּענסירנ די קאָסטנ פונ שטאָלצ. ער האָט געהעמפּט מיט די בענקלעכ, מיט די קישנס. ער האָט אַפנ טיש פאַרפירט א מאַטש צווישנ זיינע איינענע הענט. די הענט האָבנ לאַנג געדרייט אונ גע־קוועטשט איינע די אַנדערע. אונ די רעכטע האַנט האָט אויסגעלייגט די לינקע אַפ אַלע ביינדלעכ. דער סאַמע ערנסטער אונ שטענדיקער קעג־נער אָביעס איז געווענ דאָס קישעלע פונעמ גרייבנ דיוואַנ. אינ אָפט פלעגנ אינ הינטער־צימער פאַרקומענ איינע בצענעס. אָביע ליגט אַפנ דיל אונטערנ קישעלע מיט צעשפּרייטע הענט, ווי דאָס קישעלע וואָלט אימ קליימעריש צעדריקט.

נימ רינטיר, — פלעגט שרייענ אָביע פונ אונטערנ קישעלע ער האָט מיר געמאַכט א צווייענדיקנ נעלסאָנ אינ אינטערעסעטעלט א פיבל.

באַפראַלבאַפ פלעגט ער דאָס קישעלע באַיינ, אונ מע פלעגט ער נאָכ נאָכדעמ באַשטראָפנ מיט א שטעקנ אינ היימ. אייבראַפגרית פונ דעמ דעמ שטויב.

נאָכדעמ האָט אָביע צעריסנפירט דאָריע אנטיבאַיינ, דעמ טשעמ־פּיאָנ פונ דער ערשטער שטאָפע, מיט גרויסע פיזאַדאָאיג, גרויסע פיז־דאַראָיז איז געווענ מיר צווייטער ניבער פונ אונזער קלאַס. די באַגע־געניש איז פאַרגעקומענ זונטיק, בא אונדז אינ היימ. די צעדייטונג האָט זיכ נאָכ אונגעהייבנ פריער. מיט דויד האָבנ מיר באַצייכנט דעמ „בעג־פעב". דעמ פלאַנ האָבנ מיר צעקעריט אינ באַשאַטנ מיט וואַטע. ייענ די זונטיקדיקע צווייטער ייִנגען זיב צעייפּגעריטנ אונ אינ היימ איז ערג געוואָרנ, האָט אָביע אַרויסגעטראָגנ דאָס קישעלע.

— איכ האָב געמאָלדנ:

— באַלד וועט זײַנ, דאָ. ס'וועט פֿאָרקומענ א קאַמפּ צווישנ צוויי טשעמפּיאָנענ: צווישנ אַנפֿיסאָוו (ערשטע שטופֿע) אונ פּיאַדאַראָוו (צווייטע שטופֿע). דער קאַמפּ איז א טערמינאַלאָזער, אָנ ערלעבער, אָנ אָפּרו, אונ אַנטשיידנער ביזנ רעזולטאַט. מאַעסטראָ, טוש... אָסיע, גיב נאָכאַמאָל א פּײַפּ! די פֿאַרוועדטע גענג זײַנענ באַוווּסט. דער זשורי, דאָס הייסט די ריכטער, פֿאַרנעמענ די ערטער בײַם פּעסל.

אָסיע, בינדיוג אונ דער הויפּטריכטער האָבנ זיכ געזעצט אַפּ דער באַנק לעמ פּעסל. כ'האָב דעמאָלט דערקלערט דעמ מאַטש פֿאַר אָנגעהויבנ.

די טשעמפּיאָנענ האָבנ א דריק געטאָנ איינער דעמ אַנדערנ די הענט אונ גרינג אָפּגעשפּרונגענ. אַנפֿיסאָוו איז געווענ הויכ אונ ביינערדיק. דער קליינינקער געזעצטער פּיאַדאַראָוו איז ענלעכ געווענ אַפּ א קורגי־זיש פּערדל. עטלעכע סעקונדעס זײַנענ זיי גאַנגווענדיק זיכ געגאַנגענ איינער אַרומ דעמ אַנדערנ. נאָכדעמ האָט אַנפֿיסאָוו פּלוצעמ־פּעסט אַרומגעכאַפּט פּיאַדאַראָוו, פֿאַרקלאַמערנדיק אימ די הענט. די צושויער זײַנענ פֿאַרשטיינערט געוואָרנ. אַפֿילע דער ווינט איז שטיל געוואָרנ אינ הויפֿ.

— לאָז אימ אָפּ די הענט! — האָט א געשריי געטאָנ פֿיליפּיטש.

— די הענט! — האָבנ געשריגנ די שילער פֿונ דער צווייטער שטופֿע.

— ריכטיק! — האָבנ געשריגנ די שילער פֿונ דער ערשטער שטופֿע.

איכ האָב אָנגעהויבנ פּײַפֿנ. אָסיע האָט געגעבנ א הוראה. די ריכטער האָבנ זיכ צעקריגט. אונ אַנפֿיסאָוו האָט דערווײַל אַוועקגעלייגט פּיאַדאַראָוונ.

— הוראַ, — האָבנ אָנגעהויבנ שרײַענ די שילער פֿונ דער ערשטער שטופֿע, — ריכטיק!

— א דלאָניע גייט נאָכ דורכ! — האָבנ געשריגנ אַנדערע — ניט ריכטיק!

נאָר ווי איכ האָב זיכ ניט באַמיט, האָט זיכ מײַנ דלאָניע ניט געקאָנט דורכשפּאַרנ אונטער די לאָפּעטקעס פֿונ אונדזער טשעמפּיאָנ, וואָס זײַנענ געווענ צוגעדריקט צו דער ערד.

דער שאַנד־פֿלעק האָט אונדז דורכגענומענ אַפּ דורכ אונ דורכ. פּיאַדאַראָוו האָט זיכ אויפֿגעהויבנ, זיכ אָפּטרייסלענדיק פֿאַרשעמט.

— לייג זיכ צו נאָכאַמאָל, — האָט אָפּשפּעטעריש געזאָגט בינדיוג, — רו זיכ אויס א ביסל!

אינ דער צוקונפֿט האָבנ מיר געזענ ניט מער ווי א פּײַנ.

די שילער פונ דער ערשטער שטיפע האָבנ טריומפירט. רעמלט האָט זיכ בינדיוג א לאָז געטאָנ אפּ זיי, א וואַלגער געטאָנ אפּ דר'ערד זייער מישטעמפּיאָנ אונ נאָכדעמ גענומענ מיימעסנ די אייפּעלעכ. ער האָט צו־נויפגעטריבנ די קליינע אינ א ווינקל הויפ אונ האָט זיי אלע אויסגע־ליינט ווי א שטאָפּל האָלצ.

יאָ, דאָס איז געווענ א העלד אונ כ'האָב מויכל געווענ בינדיוגנ דעמ בנל אפּנ שטערנ אינ די קריג מיט די האָשנ.

## אנ אנטשיידענער ביזנ רעזולטאט

אינ דעמ מאָמענט איז פונ גאַס ארײנגעקומענ סטיאָפּקע אטלאַנ־טירע.

— אנטשולדיקט, אינ אָרדענונג פונ פירנ די פארזאמלונג האָב איכ א פראגע, — האָט געזאָגט סטיאָפּקע, — וואָס איז דאָ פאר א גע־שלעג אפּנ טאָג־אָרדענונג?

כ'האָב דערציילט סטיאָפּקענ, וואָס דאָ איז פארגעקומענ. בינדיוג האָט צעוואָרפנ דעמ שטאָפּל מיטנ קליינוואַרג אינ א צאפּלדיקער פּי־ראַמידע אונ איז צוגעגאנגענ צו אונדז.

— אזוינע געווינטע, — האָט געזאָגט סטיאָפּקע, — אונ שפּילנ זיכ אינ געשלעג. געפינענ א שפּילעכל אינ אזא לויפנדיקנ מאָמענט.

— ליגסט, סטיאָפּקע, ס'א גרויסע נוצ פאר דער אנטוויקלונג, — האָט אימ דערווידערט בינדיוג. — נא, נעמ אָנ מיינע מוסקולנ... פעסט? הא! ווער ס'איז געזונט, דער שפּאַט אפּ אלעמענ. דו אונ ליאָליע, פאר־וואָס לעקט איר זיכ צו די „האָשנ"?.. ווייל איר זייט פאבדאַניט. איר זייט שוואַכינקע, מיינט איר, אז די קאָמפּאַניע וועט זיכ פאר אייכ אָננעמענ. עכ, איר פיגורנ! אונ איכ נייטיק זיכ ניט אינ אייער קאָמפּאַ־ניע. כ'וועל זיכ אליינ באגיינ. אָט א פויסט!

— דער פויסט איז א געזונטער, אונ דער קאָפּ איז א נארישער, — האָט געזאָגט סטיאָפּקע. — עס הייבט זיכ אפילע ניט אָנ! נו, זאָג, וואָס קאָנסטו זיכ איינער אליינ דערשלאָגנ? אונ מיר וועלנ דיכ מיט דער קאָמפּאַניע, אָדער וויסנשאפטלעכ זיכ אויסדריקנדיק, מיט דער גע־זעלשאפט, אויב מיר וועלנ איינעמ באשטימענ, איז איינס אינ צווי... אָט איז אונדזער קויעכ.

— געוויינלעכ, אויב אלע אפ איינעם, — האט געזאָגט בינדיוג. — נאָר דאָס איז שוינ ניט ערלעכ.

— אונ ווענ אלע פלעגנ ארבעטנ פאר איינעם, איז דאָס ערלעכ געווענ? — האט געפרעגט סטיאָפקע. — וויפל באטראקעס האָבנ גע־ארבעט בא דײַנ בײַכיקנ טאטנ אינ כוטער!

— אונ דו ביסט דענ ניט פונ א כוטער? — איז בינדיוג אויש שוואַרצ געוואָרנ פונ כאס.

— זײַ אזוי גוט, גלײַב ניט, — האט רויִק געענטפערט סטיאָפקע,— אונדזער כוטערל איז געווענ די גרייס פונ א ברויזעלע, אונ בא אײַכ איז א סאָד, א גאָרטנ, א טײַכ אונ ברעגעס — א גאנצער גוטבאזיצ.

— אײַערע באזיירים, דער טײַוול זאָל זיי נעמענ, האָבנ דאָכ אונדז ארויסגעטריבנ אונ מאכנ דאָרטנ א קאָמונע...

— ארויסגעטריבנ... באומרויִק זיכ ניט. איכ ווייס... איר האט באַהאלטנ ברויט אינ קעלער. אונ איכ האָב געוויזט מײַנ טאטנ אָפגעבנ דעם גאנצנ שטײַער... אָכ, האָב איכ געהאט פונ דער מאמענ... „יאָלקי־פאָלקי"! כ'האָב בא קאָסטע זישוק גענעכטיקט... אונ נאָכדעם ער בא מיר. מיר האלטנ אלע איינער פארנ אנדערנ.

— הייסט עס, אז דו וועסט גיינ קעגנ דײַנ אלטנ כאזיער? — האָט שטיל געפרעגט בינדיוג.

— ביסט מיר געווענ א כאזיער — האָט נאָכ שטילער געזאָגט סטיאָפקע.

א שטילקײַט איז דורכנ הויפ. ווי א שאָטנ. נאָכדעם האָט בינדיוג הויכ אָפגעזיפצט אונ אוועק צו דער פאָרטקע. ער איז אוועקגע־גאנגענ אײַנגעהויקערט, אונ זײַנע לאָפּעטקעס, די ניטגעדרייטע לאָפּעטקעס פונ א טשעמפּיאָנ, האָבנ איצט אויסגעזענ, ווי זיי וואָלטנ נאָר־וואָס געליטנ א מאפּאָלע.

## ע־מיע אונ די טראָגלאָדיטנ

אפ מאָרגנ האָט דער קלאס באשטימט אָפגעבנ די שא פונ אל־געברע אפ באהאנדלענ דעם דועל צווישנ בינדיוגנ אונ אטלאנטידענ. נאָר בינדיוג האָט זיכ פארביטערט אָפגעזאָגט. אָבער אַנשטאָט דעם מאטעמאטיקער קארליטש. אפ וועלכנ מע האָט זיכ געריכט, איז אינ קלאס ארײַנגעגאנגענ אנ אומבאקאנטער אלטיטשקער, אָנגעטאָנ אינ א

ציכטיק פיטל. ער איז געווענ סובטיל, קורצזיכטיק אונ בליכעוואטע. ארומ פליכ זײַנענ בא אימ געוואקסנ ברוינע האר. זײַנ פליכ איז געווענ ענלעכ צו א לאנגנע אינ א קאראלנ-אטאל.

— וואס איז דאס פאר א פליכ? — האט פארביטערט א פרעג געטאנ בינדיונ.

דער קלאס האט זיכ צעגעדוישגעט.

— ע־מי־ע... אט דאס? — האט געפרעגט דער אלטיטישקער, מײַטלענדיק מיטנ פינגער אפ זײַנ אנגעבויגענעמ פליכ. — ס'איז מײַנער. וואס איז דענ?

— גארנישט... אזוי זיכ, — האט געזאגט בינדיונ, וואס האט זיכ אפ דעמ ניט געריכט.

— עפישער זײַנענ איצט פליכעוואטע... ע־מיע... פארוועט? — איז צוגעשטאנענ דער אלטיטשקער.

דער קלאס האט געקוקט אפ אימ מיט אכטונג.

— ניינ, בימע, געזונטערהייט, — האט געזאגט בינדיונ, ניט ווינ-דיק ווי אפצוטשעפענ זיכ פונעמ אלטיטשקנ.

— נו, א דאנק, — האט א שאטקע געטאנ דער אלטיטישקער. — איז לאמיר זיכ באקענענ... ע־...ע־מי...ע... א גוטמארגנ אײַכ, טראגלאָ-דיטנ!

דאס ווארט איז געווענ נײַ אונ אומבאקאנט. אונ מיר האבנ זיכ פארלארנ, ניט וויסנדיק, צי דער לערער האט אינדז געלויבט, צי אויס-געזידלט. דעמלט איז איפגעשטאנענ סטיאפקע אטלאנטידע. סטיאפקע האט געפרעגט קיריקאוונ:

— פאראנ פראגעס: ערשטנס — פונ וואסער א גארדעראב זײַט איר ארויסגעשפרונגענ! אונ צווייטנס — מיט וואס האט איר אונדז אנגערופנ. דאס איז וועגנ די טראגלאדיטנ.

די טראגלאדיטנ האבנ אנגעהויבנ קלאפנ מיט די פיס אונ פארע-דנדיק א זעצ געטאנ מיט די פארטעס.

— זעצט זיכ, געשטאלט! — האט געזאגט קיריקאוו — טראגלאָ-דיטנ, דאס זײַנענ... ע־ע—עמ...־ע... אלטפרעגקיישע הייל-אײַנוווינער, די פארלעסטארייטע מענטשנ. אונדזערע, ע־מי...ע, אור-אור-אורעלטערנ... נו? ע־ע־מי...ע, אונ אונדזער מאמעניירוסלאנד פאלט איצטער ווידער ארײַנ אינ אור-צײַשטאנד. פונ דעמ דרינגט ארויס, אז איר זײַט טראג לאדיטנ.

— עס באקומט זיך, הייסט עס, אז איך בין א טראַנגלאַדיטיבע? —
האָט בייז א פרעג געטאָן מאדאם באַלופע.

— נו, וואָס רעדט איר, — האָט איידל א שאמקע געטאָן קיריקאָוו, — איר זענט א גאַנצע מאמאַגטיבע אָדער א בראַנטאַזאַווריבע.

— אַ אייגענער! — האָט דער קלאַס באַשלאָסן באַגייסטערט.

דער אַלטיטשקער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר א זינגער. צום סאָף פון לימעד האָט ער שוין אײַנגענומען דעם קלאַס. אפילע דער שטרענגער סטיאָפקע האָט אנערקענט, אז „דער אַלטער איז אַן אייגענער יאַט". א צונעמעניש פאַרן אַלטן היסטאָריקער האָבן מיר געפונען גיך. מיר האָבן אים אָנגעהויבן רופן „ע-מיע", וואָס האָט אָפּ פּראַנצויזיש באַטײַט א שטומער „ע". קיריקאָוו פלעגט ניט ריידן, נאָר אויסקײַען די ווערטער. רעדנדיק פלעגט ער שאַמקען, און יעדע פּראַזע פלעגט ער צעמישן מיט אַן א שיר „עע ע-מיע".

ע-מיע האָט זיך ניט באַליידיקט אָפּ די טראַגלאַדיטן. ער איז געווען פריילעך און גוטמוטיק. אונדזערע מיידלעך פלעגן באַשיטן קיריקאָוון מיט צעטעלעך, און די שפּינגאַליעטקעס האָבן אים אָפּן דריטן לימעד געקושט דעם פּליך, און גוט אים אויסגעוויזט מיט די טיבעלעך, אז ער זאָל בעסער גלאַנצן...

יעדערן באַזונדער פלעגט ע-מיע רופן „פיגור".

— פיגור אַלעפערענקאָ, — פלעגט ער זאָגן אויסרופנדיק, — דערהייבט זיך!

אַלעפערענקאָ האָט זיך דערהויבן איבער דער פּאַרטע.

— נו, פיגור, — האָט געזאָגט ע-מיע, — דערמאָנט זיך נאָר, ע-מיע, הייל-אײַנוויינער... וועגן וואָס האָבן מיר גערעדט דאָס פאָריקע מאָל?

— מיר האָבן גערעדט וועגן קירקעס אין וועגן דער שטיינ-עפּאָכע, — האָט געענטפערט דער טראַגלאַדיט אַלעפערענקאָ, — זייער א גוטע און פאַרהיסטאָרישע זאַך... קיין שום מילבאָמעס ניט... גאָרנישט...

— זעצט זיך, פיגור, — האָט געזאָגט ע-מיע — הײַנט וועט זײַן נאָך גוטער...

און ער האָט גוטע און גיך-גיך אָפּגעהאַקט נאָך א פּאַרציע פאַרהיסטאָרישע געשעענישן. ווי ער האָט פאַרענדיקט, איז ער מיטאַמאָל געוואָרן פריילעכער, און אָפּן איבערגעבליבענעם האַלבן לימעד האָט ער אונדז הייך געלייענט דעם זשורנאַל „סאַטיריקאָן" פאַרן 1912-טן

יאָר אונ דערציילט אונדז זײנע יענער־פאסירונגענ. אונ בא אנ אופ־מערקזאמער שטילקײט האָט אימ איסגעהערט דער קלאס. אפ זײנע לימודימ איז דער קלאס געווענ פול, אונ עס פלעגנ אפילע קומענ די שילער פונ די עלטערע קלאסנ. זײנ טריומפירנדיקער בליק איז ביסלעכ־ווײז ארומגעריגלט געווארנ מיט אנ אָרעאָל פונ רומ אונ לעגענדעס. ווי קורצזיכטיק ער איז געווענ, האָט ע־מיע דאָכ דערזענ, אז דער קלאס האָט זיכ צעשפּאָלטנ אפ פארטײענ. אונ ער האָט אינדז אלײנ אָנגע־הױבנ טײלנ אפ טראָגלאָדיטנ (גימנאזיסטנ) אונ מענטשנ־ארטיקע (האָשנ). דאָס האָט שױנ גאָר געפאנגענ די נעשאָמעס פונ די אלטע גימנאזיסטנ. די הילכיקע היספּעלעכ פונ די ערשטע טעג איז איבער־געגאנגענ אינ א שטילער אָבער פעסטער פארגעטערונג. נאָר אָפט פלעגט זיכ מיר רופנ, אז אינ אָט דעמ גוטמוטיקנ אלטיטשקנ מערקט זיכ עפּעס אזוינס, וואָס לאָזט זיכ ניט אָנטאפּנ, עפּעס בײזעס, אָבער בא־קאנטעס. דאָס פלעגט אופקומענ אינ כאָפּ פונ זײנע אײניקע ווערטלעכ, ס'איז געווענ צו זענ, נאָר ניט צומ אױסרײדנ, ווי דער ע־מיע, ווי דעמ שטומענ „ע" אינ דער פראנצױזישער אָרטאָגראפיע.

## מאמאָנטנ אינ שוואמבראניע

אײנמאל, בײמ דעמ לימעד האָט זיכ ע־מיע געווענדט צו אונדז מיט א גרױסער רעדע. דעמ טאָג האָט ער אפילע ווייניקער געשמאקעט ווי געווײנלעכ. נאָר ס'האָט געשמעקט פונ אימ מיט ספּירט.

— טראָגלאָדיטנ אונ מענטשנ־ארטיקע! — האָט ער געזאָגט. — כ'וויל אָנצינדנ אינ אײערע הערצער דעמ הײליקנ פײער פונ עמעס... איכ וועל אײכ דערציילנ, פארוואָס מע ניט מיכ אײכ דערציילנ יענע טראָגלאָדיטנ, אונ וועגנ קײסאָרימ פארווערט מענ... הערט־זשע מיכ, אור־ברידער, מאמאָנטנ אינ בראָנטאָזאווריכעס... ע־מי־ע... די געשיכ־טע האָט זיכ געענדיקט...

— נײנ, נײנ!.. ניט געענדיקט... ס'איז נאָכ קײנ קלינג ניט גע־ווענ! — האָט דערווידערט עמעצער פונ ווינקל.

— וואָס פאר אנ אמעבע פונ די אורברידער האָט זיכ דאָס אזוי ארויסגעזאָגט? — האָט קיריקאָוו געפרעגט. — איכ רײד דאָכ ניט וועגנ דעמ לימעד פונ געשיכטע, נאָר יענע, ע־ע־מיע, וועגנ דער גע־שיכטע פונ דער מענטשהײט... וועגנ דער שײנער, קריגערישער, רײכע־

געשיכטע. עס פאַרשליסט זיך דער קרײַז פון דער געשיכטע... די באָל־שעוויקעס האָבן אויפגעקערעוועט רוסלאַנד אַף צוריק. ע־מיע... צום אוי־רײַטן קאָמוניזם, צו דער אויסגאַנג־פינצטערניש... כאַאָס, צעשטער־רונגען... קיין קעראָסין איז ניטאָ... מירן פאַרלירן דעם פײַער... מירן נאַקעט ווערן... קיין מאַנופאַקטור איז ניטאָ. ס'קומט אָן די בײַזישע פאַרײַנפאַכונג, באַשעפֿטע טראָגלאָדיטן... די אײַזערנע שטעגן פון די צוגן וועלן פאַרוואַקסן ווערן! ע־מיע, ס'וועט דערברענגען דאָס לעצטע שוועבעלע און ס'וועט אָנקומען די אוראַלטע נאַכט...

— וואָס פאַר א נאַכט, אַז מע וועט אומעטום דורכפירן עלעק־טרע! — איז אויפגעשפרונגען סטיאָפּקע אַטלאַנטידע.

— גענוג! ריכטיק! — האָט געזאָגט בינדיוג. — בא אונדז אין בוטער האָט די קאָמונע אַלצדינג צעשטערט.

— גענוג וועגן די אוראַלטע! דערציייל וועגן ריטערס! — האָט מען אָנגעהויבן שרײַען פון ווינקל.

דער קלאַס האָט אָנגעהויבן טופּען. די טראָגלאָדיטן זײַנען גע־שפרונגען איבער די פּאַרטעס.

— לאָמיר זיך שטעלן אַף אַלע פיר, מײַנע טײַערע טראָגלאָדיט־לעך, — האָט זיך ע־מיע לוסטיק געמאַכט — און לאָמיר באַגעגענען מיט א מאָכנאַטן וויגן די אייביקע נאַכט, און וועלבער מיר פאַלן... אוי! א־ווּדוי־ו!!

— א־וּדוי־וי — האָט זיך דער קלאַס דערפרייט מיט דער נײַער שפּיל. אייניקע זײַנען אַזוי אַרײַן אין דער ראָליע, אַז זיי זײַנען אַרומ־געלאָפן אַף אַלע פיר איבער די דורכגאַנגען, די איבעריקע האָבן זיך געקאַטשעט פון געלעכטער. עמעצער האָט אָנגעהויבן זינגען:

די נאַכט איז פינצטער
און איך האָב מערע,
טראָגלאָדיטקע,
אוי מײַן ווערע!
נו־זשע, ווערע,
גענוג זיך דרייען,
נעם באַגלייט מיך,
מיר דאַרפן גייען...

קיריקאָוו האָט געקײַכעט אַף דער קאַטעדרע, און ווידער איז עפּעס באַקאַנטס אַדורך דורך די גרימאַסן פון זײַן פיזיאָנאָמיע. נאָר כ'האָב

ניט געקאָנט כאַפּן דעם דאָזיקן גליטשיקן „עפּעס". מיך אַליין האָט אָנגעשטעקט אָט די ווילדע פרייד פון קלאַס. ס'האָט זיך געוואָלט קריכן אַף אַלע פיר און וויען. קיין עק האָב איך ניט געהאַט און דאָס האָט פאַרשאַפט פאַרדרוס, אָבער די שטימונג האָט עס ניט קעפּאַטערט. כ'האָב שיין געפילט ווי עס ציטערט דער שוואַמבראַנער באָדן אונטער די טריט פון די מאַמאָנטן.

— יאַטן! יאַטן! גענוג! — האָט איבערגעשריען קאָבטיע זשוק. ער איז געקומען צו זיך. — סטיאָפּקע, זאָג זיי, אַז ער האָט זיי געפירט אין באָד אַריין... סטיאָפּקע!

נאָר סטיאָפּקע איז פאַרשוואונדן. ניט שיין-זשע איז ער אַנטלאָפן?— האָב איך זיך דערשראָקן. אופהייבנדיק ווייערע ריסלען, ווי פּרעג-ציינס, זיינען די מאַמאָנטן געבליבן שטיין ניט הייסט בא די גרענעצן פון שוואַמבראַניע.

אין קלאַס איז אַריינגעלאָפן דער פאָרזיצער פון שולראַט פאָרטונאַוו. נאָך אים האָט זיך באַוויזן סטיאָפּקע ווי אַ פאַרשפּעטיקטער שאָטן. די טראָגלאָדיטן האָבן זיך מאָמענטאַל דערפילט אין XX יאָרהונדערט. די מאַמאָנטן זיינען אַנטלאָפן פון קאָנטינענט פונעם גרויסן צאָן. קיריקאָוו אַליין האָט פאַרלאָרן זיין גלאַנץ.

— פאַר אַזאַ אַגיטירן קאָן מען אין טורמע אויך אַוועקפירן — האָט אים שטיל אַ זאָג געטאָן פאָרטונאַוו.

— פליבעוואַטער בורזשוי, — האָט איבערגעשריען סטיאָפּקע, פון הינטער פאָרטונאַווס פּלייצע, — סאַבאָטאַזשניק.

— ע-ע-מיע, — האָט קיריקאָוו געזאָגט, — כ'האָב זיי פאָשעט אינקורצן איבערגעגעבן די אידייען, ע-מיע, פון אַנאַרכיזם. אַ נאַקעטער מענטש אַף אַ נאַקעטער ערד. קיין שום פּריוואַט-איינגנטום.

— מיסט-שיועמל! — האָב איך פרייליך איבערגעשריען, אומגעריכט פאַר זיך אַליין — מיסט-שיועמל! — האָב איך איבערגעכאַזערט ווידער.

אין דער רעגע האָב איך זיך דערמאָנט דעם קראָפּעווע-מענטש אין קוואַסניקאָוונע, די זייגערס, פּליגן-גיפט-שוואָמ-פאַבריק און דאָס פּריוואַט-איינגנטום פונעם פּליבעוואַטן הענדלער. אין „ע-מיע" איז געוואָרן ע-אַקסאַנגראַוו, דער שטומער „ע" — איז געוואָרן אַ אָפענער „ע".

קיריקאָוו איז דעמאַסקירט געוואָרן. מ'האָט אים צוגענומען. די ווינט-מאַרטירע האָבן דאָס באַגריסט. נאָר די טראָגלאָדיטן בעראַיש

מיט בינדיונג האָבנ זיכ ניט אונטערגעגעבנ. זיי האָבנ אָנגעהויבנ גרייטנ זיכ צו א געשלעג מיט די האַשנ. די טראָגלאָדיטנ האָבנ גע-היימ געגרייט אַפּ מאָרגנ אַנ „אַלוועלטלעכנ מאַרל".

— מאָרגנ אינדערפרי וועט זײַנ א בארטאָלאָמעוס־נאַכט * האָב איכ געזאָגט אָסיענ באַנאַכט.

אָסיע פלעגט אפילע זעענדיק זאַב פלאָנטערנ ווערטער, אונ איצט האָט ער גענומענ רייַדנ פונ שלאָפ:

— מע וועט הארגענענ האָטענטאָטנ? הא?

— ניט קיינ האָטענטאָטנ, נאָר הוגענאָטנ, — ענטפער איכ, — אונ ניט קיינ הוגענאָטנ, נאָר האַשנ, אונ ניט הארגענענ אַפּ טויט, נאָר שלאָגנ.

— ליאָליע, — האָט פלוצעמ געפרעגט דער פארשלאָפענער אָסיע, — אונ אינ רוימ האָבנ אינ צירק איכ פארגעשטעלט טראָ-גלאַדיטאָרנ?

— ניט קיינ טראָגלאָדיטאָרנ, נאָר גלאַדיאַטאָרנ, — זאָג איכ, — טראָגלאָדיטאָרנ דאָס זענענ...

נאָר עטלעכע פארבלאָנדזשעטע מאַמאָנטנ גייענ נאָכ פונדעסטוועגנ ארומ איבער שוואַכבראַניע. איכ דערצייל אָסיענ, אז זיי באַהאַלטנ זיכ צווישנ גראַנדיעוזע פּאַרהיסטאָרישע פּאַפּאָראָטניקעס.

— פאַפאָנטנ פיטערנ זיכ אינ מאַמאָראָטניקעס — האָט איבערגע-באַוערט אָסיע פונ שלאָפ.

## אלוועלטלעכער טארעראמ

דער „אַלוועלטלעכער טאַרעראַמ" איז שוינ לאַנג דער-פונדנ געוואָרנ.

דאָס איז געווענ די העכסטע אונ די באַמע ווילדסטע פאָרמ פונ גימנאַזיסטישע בונטנ. אינ „אַלוועלטלעכנ טאַרעראַמ" פלעגט מענ פריער מעלדנ נאָר באַ עקסטרעמסטע פאַלנ. ווענ אַלע איבעריקע מע-טאָדנ פונ קאַמפ קעגנ דער נאַטשאַלסטווע פלעגנ זיכ ארויסווייזנ פאר פרוכטלאָז. פאר מײַנ זײַנ אינ גימנאַזיע איז ער נאָכ קיינ איינ מאָל

* בארטאָלאָמעיִ־נאַכט — די בלוט־נאַכט, וואָס די פראַנצויזישע קאַטאָליקער האָבנ אָרגאַניזירט אינ XVI יאָרהונדערט; יענע נאַכט זײַנענ אומגעקומענ פיל טויזנטער הוגענאָטנ, קעגנער פונ קאַטאָליציזמ.

נימ פאַרגעקומענ. נאָר גימנאַזיסטישע לעגענדעס האָבנ דערציילט וועגנ דעמ לעצטנ אַלוועלטלעכנ טאָל. ער איז פאָרגעקומענ אינ 1912 יאָר, ווענ מע האָט אויסגעשלאָסנ פונ גימנאַזיע די דרײַ אינציאַטאָרס פונ נעקאָמע נעמענ אַנ דעמ דירעקטאָרס שווייצאַר. דער שווייצאַר פלעגט מאַטערנ די שילער, האָבנ זיי אימ צעשאָטנ מיט טובלע אייער.

אַזוי, הייסט עס, האָבנ די טראָגלאָדיטנ באַשטימט דערקלערנ אַנ אָנגעמיינעמ, גרויסנ אַלוועלטלעכנ טאָל. מיטנ טאָל האָט אָנגעפירט בינדיוג. ער איז געקומענ אינ קלאַס א ביסל פאַרוואָרגנ, נאָר רויק. די שול איז אינ דעמ אינדערפרי פאַררייוערט געוואָרנ אינ א ניטראַנ געטער דורכגעס. קיינער האָט נימ געבראַבאַנגעוועט קיינ היגנטישע באַוועגנ אַפ דער פיאַנינע, קיינער האָט זיכ נימ געשלאָגנ, קיינער האָט זיכ נימ באַרויעט אינ קוקעניס. נאָכנ גלאָק איז דער שטענדיק ראַשיקער קאָרידאָר גלײַכ געוואָרנ ליידיק, אַבער זײַנ אויגעווייניקע ווענטער פיכבעט זיינע פאַרוויגערט דורכגעגאַנגענ די לערער. א שטילקייט פונ א פאַרטילבאַמעריקער קוואַליטעט האָט זיי באַגעגנט אינ קלאַס.

—

דער ערשטער לימעד איז געווענ בא אונדז ריסישע שפּראַכ. דער קוטשעראַוויער, בלאָנדבערדיקער לערער מעלקאָווכ האָט פריער פאַר-זיכטיק א רוה געטאָנ אינ קלאַס. ווי נאָר ער האָט זיכ באַוויזנ אינ טיר, האָבנ אַלע טראָגלאָדיטנ באַוויזנ די אַלטע טושטרע, ווי האָבנ זיכ אויפגעהויבנ אינ זײַנע פאַרגלייערט געוואָרנ פאַר די פאַרטעס. עס זײַנע נאָר נימ אויסגעשטאַנענ די טענטשנאַרטיקע אינ כטיאַפּקע. מיט-נעריכנ פונ אַלעמענ האָב איכ זיכ אײַנ געראַט אויפגעהויבנ, נאָר בלײַב זיכ באַלד געזעצט אונ אייקנעוועט, מיינע האָבנדיק א רוה צו טאָנ אַפּ כטיאַפּקע. נאָכדעמ האָבנ זיכ נימ אויסגעלאָזנ געזעצט נאָכ עט-לעכע יאָטנ אינ מײַדלעכ. די איבעריקע זײַנע געשטאַנענ שטרענג איינגעצויגנ.

— וואָס איז דאָס?.. זעצט זיכ, זעצט זיכ, — האָט א טאַכ געטאָנ מיט דער האַנט דער לערער, ער איז שוינ אָפּגעווײַנט געוואָרנ פונ אַזא פּאַראַד.

דער קלאַס האָט זיכ צוביסלעכ געזעצט. דער לערער האָט א פרעג געטאָנ מיטנ פונ די קאַטעדרע — נישקאָשע, זי דערפט זיכ נימ אימ — אינ איז נימ ווידער אַרויסגעגאַנגענ אַפּ איר.

— דערווײַלע, די טפּייע! — האָט א ראַמאַנטייע געטאָנ בינדיוג.

— ביסט מעשוגע? — האָט געפרעגט סטיאָפקע.

דער קלאס איז דערהערט שטיל געוואָרנ.

— עפשער אוועקגיינ, — האָט א זאָג געטאָנ דער נאָכ צעטומלטער לערער.

נאָר פאר אים איז אויסגעוואקסנ דער דעזשורנער מיטנ קלאס־זשורנאל אינ די הענט. אונ דער פארלאָרענער לערער האָט דערהערט, ווי אינ די „גוטע" גימנאזיסטישע יאָרנ, דעם ראפּאָרט:

— אינ קלאס זײַנענ ניט געקומענ, — האָט געלייענט לאבאנדא— גאווריע סטעפּאנ, רודענקאָ קאָנסטאנטינ, מאקובינ ניקאָלײַ... — אינ ער האָט איבערגעקײַענט די פאמיליעס פונ אלע האָשנ.

— האלט! — זײַנענ אויפגעשפּרונגענ די „אפּוועזנדע" — וואס רעדסטו? מיר זײַנענ דאָכ דא!

— באלד וועט איר דא ניט זײַנ, — האָט א זאָג געטאָנ בינדיוג,— טראָגלאָדיטנ, כ'דערקלער דעם טאדל פאר געפּבנט! — אונ ארײַנלייגנ־דיק צוויי פינגער אינ מויל, האָט בינדיוג אזא פײַפ געטאָנ, אז ס'האָט אונדז אָנגעהויבנ קלינגענ אינ די אויערנ.

הינטער דער וואנט האָט גלײַכ געענטפערט א פײַפ פונ אונדזער קלאס „ב". נאָכדעם האָבנ זיכ איבערנ קאָרידאָר דערהערט נאָכ אנדערע פײַפנ, אונ אינ שול האָט זיכ א לאָז געטאָנ א שטורעמ.

די פעדאגאָגנ האָט מענ פארוקט אינ לערערצימער. די האָשנ האָט מענ געשלעפּט פאר די פיס, ארויסגעוואָרפנ דורכ דער טיר, געשלײַדערט דורכ די פענצטער. שאָבבנדיק מיט די בלעטער, זײַנענ געפלויגנ די לערנביכער, ווי גרויסע באבעלעכ. די מיידלעכ האָבנ אָרגאניזירט א „קינדער־געשריי אפּ דער לאָנקע". אינ קלאס איז פארגעקומענ א טינט־פארגיסונג. איבערנ קאָרידאָר האָט מענ געטראָגנ דעם קלאסנ־טאָוול, ווי אנ איקאָנע, „אלעמענ, אלעמענ, אלעמענ! — איז געווענ אָנגעשריבנ אפּנ טאָוול, — צומ טײַוול די מענטשנארטיקע האָשנ! זאָל לעבנ ס. אי. קיריקאָוו! פאָדערט מע זאָל אימ אומקערנ! אינ פינפ מינוט ארומ איז קיינ איינ מענטשנארטיקער ניט געבליבנ אינ שול.

טראָגלאָדיטישע פאטרולנ האָבנ געהיט די טירנ. מ'האָט צעוואָרפנ די פּארטעס.

ס'האָט זיכ אָנגעהויבנ דער אלגעמיינער גרויסער אלוועלטלעכער טארעראמ.

# „די שלאַכטנ ווערנ פאָרגעזעצט אַפ אַלע פראָנטנ"

דער קאָמיסאַר האָט צוגעבונדנ זײַנ פערד צו דער טיר פונ וועטעטי־ביול. נאָכדעם האָט ער אַרופגעצויגנ די כאַליעוועס אונ גענומענ טופּענ מיט די אָפּצאַסנ איבערנ קאָרידאָר. דער קאָרידאָר איז געווענ פּוסט.

אַלע זײַנענ אַוועק אַפ אַנ עקסטרע־פאַרזאַמלונג. די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומענ אינ גרויסנ קלאַס, פונ וועלכנ מע האָט געמאַכט אַ צו־שויער־זאַל.

אַפ דער סצענע, באַם טיש, איז געזעסנ דער זינער אונ פאַרזיצער בינדיג. באַ די זײַטנ זײַנענ געזעסנ — פאַרלונאַוו אונ דער שילער פונ עלטערנ קלאַס ראַטמעלער, אַ זונ פונ אַ רײַכנ ווערשט־הענדלער. ראַטמעלער האָט נאַרוואָס געענדיקט ריידנ. פאַרבונאַוו האָט געקלאַפּט אינ טיש אַרײַנ.

דעמ אַרײַנגאַנג אינ זאַל האָט אָפּגעהיט אַ פּאַטרול טראָגלאָדיטנ. די־צענעריקטע, איינגעשמירטע האָרנ, שוינ קימאַט ניט קיינ מענטשנ־אַרטיקע, האָבנ אָנגעשפּאַרט אַפ דער טיר. די טראָגלאָדיטנ האָבנ דערקענט דעמ קאָמיסאַר. הינטער דעמ קאָמיסאַרס פּלייצע איז אַרײַנגעשפּרונגענ אינ זאַל סטיאָפּקע אַטלאַנטידע. נאָר די טראָגלאָדיטנ האָבנ אימ צוריק אַרויסגעוואָרפנ.

כ'גיב אַ וואָרט דעמ קאָמיסאַר טשובאַרקאָוו, — האָט געמאָלדנ בינדיג.

— שאַ אונ פאַרטיק! — האָט אַ געשריי געטאָנ דער זאַל.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ טאַרל? — האָט אַ פרעג געטאָנ טשובאַרקאָוו.

— אַנ אַלייעלטלעבער, — האָבנ אימ געענטפערט אַלע ווי איינ מאַנ.

— באַווייזימ, — האָט געזאָגט דער קאָמיסאַר.

— מיר זײַנענ דיר ניט קיינ באַווייזימ, — האָט זיכ אויסגעקעוועט דער זאַל.

— נו, איז הערנ! — האָט זיכ צעבייזערט דער קאָמיסאַר.

— ניטאָ איצט קיינ הערנ! — האָט אָנגעהויבנ שרײַענ דער זאַל.

— איז ווידעשע הייסט איר הופנ אײַב? — האָט זיכ אינטערעסירט דער קאָמיסאַר.

— טראָגלאָדיטן, — האָט געענטפֿערט דער גאַנצער זאַל.

— קראָקאָדילן, — האָט געזאָגט דער קאָמיסאַר, — איך מיין, אַז ס'איז שוין צײַט ענדיקן... און פֿאַרטיק.

— און פֿריִער, וואָס? — האָט פֿרעך און פֿאַרביסן אַ פֿרעג געטאָן דער זאַל.

— וואָס פֿריִער?! — האָט איבערגעשריִען פּלוצעם טשובאַרקאָ — וואָס פֿריִער?! וואָס פֿאַר אַ נאַרישקייטן רעדט איר? פֿריִער וואָלט איר פֿאַרן דירעקטער קיין פּיפּס ניט געגעבן. ער וואָלט מיט אײַך אַפֿילו ניט גערעדט, ער וואָלט אײַך באַלד אַרײַנגעשריבן אין קאָנדויט — און ניט צו אַלדי רוחות...

— און פֿאַרטיק! — האָט אַ געשריי געטאָן דער זאַל — און שאַ! און גענוג! דערלאַנגט אַהער סעמיאָן איגנאַטיעוויטשן!

די טראָגלאָדיטן האָבן געבושעוועט. נאָר ס'איז ניט גרינג געווען איבערצושרײַען אַזאַ געמבע ווי בײַ טשובאַרקאָ, דעם וואָלגער טרעגער.

— איך וווּנדער זיך אויף אײַך! — און פֿאַרטיק! — האָט גערעדט דער קאָמיסאַר, — צי דען קאָנט איר ניט פֿאַרשטיין? מע גיט דאָך אײַך גוטע וויסנשאַפֿטן.

— וואָס איז פֿאַר אַן אינטערעס צו לערנען וועגן קראָקאָדילן? פֿריִער פֿלעגט מען אײַך נאָר ליגנס דערציילן וועגן זיי [illegible] פֿאַרטיק.

און אין דער אײַנהײטלעכער אַרבעטשול וועט מען דאָס גאַנצע באַלד לערנען פֿונוואַנען עס קומט אַרויס, און ווי ס'האָט זיך אַנטוויקלט... און קוריקאָזו, וואָס איז, אַגבֿ, אַ הענדלער, אַ ספּעציאַליסט האָט אײַך געהאַט הוילע ליגנס...

וואָס פֿאַר אַ פֿינצטערניש, איך לערנען זיך אין ליכט? איר ווייסט דען, וויפֿל מענטשן ס'וועלן זיך איצטער גיין לערנען? איך, צום בײַשפּיל — האָט זיך טשובאַרקאָ פֿאַרשעמט — ווי נאָר מיר וועלן זיך אַ ביסל באַפֿרײַען, וועל איך אויך אַוועקפֿאָרן קיין פּיטער זיך לערנען. און פֿאַרטיק.

איז פֿאַרוואָרפֿיסע, באַוויזיס... ד. ה. איך מיין, קראָקאָדילן, וואָלט איר ניט לאָזן די איבעריקע יאָרן פֿון דער אוראַלטער פֿינצטערניש אַרויסטרײַבן צו דער ליכטיקייט? מיט וואָס זײַנען זיי ערגער פֿון אײַך, וואָס די בעבלעך בײַ זייערע טאַטעס זײַנען קלענער?..

# קאליגולעס פערד

אינ דעמ מאמענט האט זיך איבערנ קארידאר צעטראגנ א דונערדיקע טופּעניש, א טומל אונ א געשריי פונעמ שול-װעכטער מאקיניטש: „האלט, װאהינ?!”

דער טראגלאדיטנ-פּאטרול בא דער טיר איז זיך צעלאפנ, אונ אינ פולנ געלאפּ איז ארײנגעפאלנ אינ קלאס, רײטנדיק אפנ קאמיסארס פערד, סטיאפקע אטראנטידע. נאכ אימ האבנ זיך אינ זאל ארײנגעריסנ די האיינ, צעטרײבנדיק די רעשטלעכ פונעמ פּאטרול. נאר דער קאמ בא די טראגלאדיטנ האט שוינ אנגעהויבנ אפּגײנ, זײ האבנ אזוי געלאכט, אז זײ זײנענ שיר ניט געפאלנ פונ די בענקלעכ.

— טפּר־ר־רו! — האט געזאגט דער קלוגיטשקער סטיאפקע, — באוועך קאמיסאר, דאס פערד האט זיך אפּגעבונדנ אונ כ'האב עס קוים געכאפּט.

דאס פערד האט ליבנ א הירושע געטאנ.

— כ'אנטשולדיק זיך, — האט געזאגט דער קאמיסאר, זיך װענדנדיק, יעמט אויס, צומ פערד, — באלד ענדיק איכ — אינ פארטיק. איכ מיינ אזוי, יאטנ: געטומלט א ביסל — אונ גענוג. מיר װעלנ פארמעל אפּשטימענ אונ שוא.

בינדיוג האט זיך אומרויק געשעפּטשעט מיט ראטמעלערנ. ניט אראפּקריכנדיק פונעמ קאמיסארס פערד, האט סטיאפקע אויפמערקזאמ באטראכט די פּנימער פונ די טראגלאדיטנ. דאס פערד האט דעליקאט איפגעהויבנ זײנע דינע פיס, װי עס װאלט מײדע האבנ אנטרעטנ עמעצנ אפּ א מאזאל. אפּ דער סצענע, פארנ טיש, האט זיך אופגעהויבנ בינדיוג. די פריערדיקע זיכערקײט איז בא אימ שוינ ניט געװענ. סטיאפקע איז װידער געװארנ דער העלד פונ טאג.

— מ'האט אײכ װי קינדערלעכ איבערגעשראקנ מיט א פערד, — האט געזאגט בינדיוג.

נאר אפּנ זאל האט עס שוינ קײנ װירקונג ניט געהאט. צומ טיש איז צוגעגאנגענ, װי שטענדיק אנ ערנסטער, דער לערער פונ מאטעמאטיק, אדאלפ קארליטש.

— פרײנט — האט געזאגט קארליטש, פארלירנדיק פונ אופרעגונג די פּענסנע. נאכדעמ האט ער עטלעכע מינוט געפּאטשט מיט דער דלאניע איבערנ טיש, װי ער װאלט װעלנ כאפּנ א גריל, נאר סאפּסאלסאמ

אזוי האָט זיכ עס געצויגנ ביז יענעמ טאָג, ווענ ביימ דעמ איבנעמ איז אינ פאָדער־צימער אריינגעגאַנגענ א געזעצטער מענטש אינ שווארצע גרינגע וואַליקעס אונ גומענע באָטנ. דער מענטש האָט געטראָגנ א פּאָרט־פעל אונ א קאַסטנ. אגרונע האָט גלייכ באַשלאָסנ, אז ס'איז א קאָמיסאַר.

— מ'אנטשולדיק זיכ, בירגער, וואָס איכ שטער אייכ, — האָט געזאָגט דער קאָמיסאַר צו די פאציענטנ, — נאָר מיר וועט איר דורכ־לאָזנ איבער דער ריי. איכ בינ געקומענ וועגנ אנ איניען.

— אלע וואַרטנ דאָ צוליב איניענים, — האָבנ זיכ צעוויאָרעוועט די פאציענטנ, — אונ מע דאַרפ זיכ ניט רירנ פונ ארויס מיט די פּאָרטפעלנ.

— ער קאָרטשעט פונ זיכ א שישקע, — האָט ארײנגעשריענ פונ ווינקל א גראָבע בוטעראַנקע. אַז אירע קני האָט זיכ באַוויזנ א ווערה. אינ וועקל איז געלעגנ א האָמטשקע. אינ האַלבינעט האָט אָנגעהויבנ רינענ פונ קראַנ. נאָכדעמ האָט זיכ געעפנט די טיר, ס'איז ארייננגעגאַנגענ א בראָנ־קער, פארשפּיליענדיק זיכ דעמ קאָלנער פונ העמד. דער קאָמיסאַר איז ארײנ אינ קאַבינעט איבער דער ריי...

— מ'האָב די ערע, — האָט ער געזאָגט, — אונ מ'אנטשולדיק זיכ וואָס מ'בינ ארײנ איבער דער ריי, צוליב א רעוואָלוציאָנערנ בויונ, באַווייז דאָקטער... מ'אנטשולדיקט זיכ, איכ דער קאָמענדאַנט פונ שטאָט.

— זעצט זיכ, מ' אכטונג, — האָט געזאָגט דער דאָקטער, דערקענענ־דיק אינ דעמ קאָמענדאַנט א באַקאַנטנ שפּילער. — וואָס וועט איר עפּעס זאָגנ?

— איר וועט זיכ מוזנ אריבערפירנ אינ שטאָט, באַווייזנ דאָקטער, — האָט געזאָגט דער קאָמענדאַנט. — דה. פאַקטיש זיכ אריבערקלייבנ פונ דער דירע. דער טראַנספּאָרט פאַרוויילעט זיכ עס פונ ווייטנס. אנטשולדיקט פאַר באַמיונג. נאָר אינ מיטנ פונ צווייט מאָל דאַרפנ איר באַפרייענ דאָס הויז.

דער דאָקטער האָט א טראַכט געטאָנ: „אזא, ס'רייבט זיכ אנ... דערנאָכ־נענ. אונ געזאָגט האָט ער, צוריקמאַכנדיק דאָס דיטע קרייצל אפ דער קעשענע:

— באַווייזנ אַלבישער! מ'וועל פאַרשטייענ... מ'וועל ניט דערייבנ מיכ אריבערפירנ אינ מיטנ פונ צווייט מאָל ווי עפּעס א בירזשע. איכ מיינ, אז די אַרבעטנדיקע אינטערעסנ דאַרפ דאָס דעמט צו באַהיטנ מײַנ איבערגעמאַכטע אונ אַלנ מיט דער מאַכט, מיט ייעלבער די אַרבעט אינ פרויענ קראַנקאַדע...

— גוט. איך גיב נאָך א טאָג, — האָט געזאָגט דער קאָמענדאַנט, — נאָר מער בעשטימט ניט. וואָס איז שוין געמאַכט, באַשטראָפט איך ניט. כ'האָב פאַר אײַך צוגעגרייט א גאַנץ גוט דירעלע... אַ קאָבואַר־נאַט... אין אַנדערן יעפּראַפּירטן פּיסטאָראָוס געוועזענעם הויז... א גאַנץ ווייל דירעלע... נו, און אַריבערפירן וועלן מיר אײַך, פאַרשטייט זיך, אַז איר וועט בעטן.

— אָבער פאַרשטייט, אַז פריער דאַרף איך א קוק טאָן די דירע, — האָט געזאָגט דער טאַטע.

— געוויסערהייט! באַשטימט! — האָט געזאָגט דער קאָמענדאַנט, — פאַר דעם נעמען מיר קיין געלט ניט... און דעם וועכטער וועל איך צושיקן פריַ... און דערמיט ענדיקן מיר!..

דער קאָמענדאַנט האָט זיך שוין געדריבן אַרויסצוגיין, און בײַ דעם האָט ער דערזען דעם טאַטנס שיך.

— נו! — האָט געפרעגט דער קאָמענדאַנט, — ווי טראָגט איר [illegible] ניטראָגיש, — האָט איס דער טאַטע אָפּגעענטפערט בייז.

דער דירעקטער קײַטשעט אײַך א ביסל, — האָט דער קאָמענדאַנט א פרעג געטאָן פאַרוואָרעמט — ניין? וועט איר, כ'האָב אײַך געזאָגט, אַז צוזעצט זיך א ביסל קוועטשט און נאָדלט יעט ער זיך טראָגן.

— איך דאַרף אײַך אָפּזאָגן, באַזונדער איבערשראַ, — האָט געזאָגט דער טאַטע, — אַז [illegible] זאָלן אײַך [illegible] די [illegible]...

[illegible] זיך [illegible] באַזונדער [illegible] האָט זיך צעלאַכט דער קאָמענדאַנט — די [illegible] האָט איר [illegible] אײַער [illegible], און די [illegible] מיר, איר [illegible] אָבער [illegible] געזאָגט, איך, אַז [illegible] קײַטשט אײַך.

[illegible]

[illegible]

צווישנ מינוטנ אַוועק, ווי זי, אונ, אינטערוואַרפנדיק זיכ איבער- ערדישע קרעפטנ, דרייט זי זיכ ארומ דער זונ.

# אפ א נײַער געאָגראַפיע

א גיט געוועגענער קאַראַוואַנ האָט זיכ געצויגנ איבער בריטשקע.

צענ קעמלענ פונ טראַנסטשאָק האָבנ געפירט אונדזער מעבל.

ווי מאַרשפּאַטנס זײַנענ געווענ צוויפנעשיקט די גאַרטנערנ אינ די באַהאַנגענ. די צוויפנעשיקטע בעטנ מיט די בריטשטשענדיקע קירעב האָבנ געזינגענ, ווי די קאָרעקציע הענטמאַכיקע בילעטער. ס'האָבנ גע- גלאַנצט די פּאַנצערנ פונ די באַמבוזאַרנ. דער גרייבער־שפּיגל איז גע- רענ ווי אַ אָזערע. אינ אימ האָט זיכ געשפּיגלט די איבערגעקערטע בריטשקע. כ'האָבנ געציטערט די פּרוזשינעס פונ די מאַטראַצנ.

אַז דער צייַטער פּרי זײַנענ געשפּרינגענ, געשאָסטנ די ציבוני- רענע ווינטער שטאַרק, עררעבנ אַפּ לאָשעקענ, אינ איז א ייַנער מיטגבא איז שטייענדיק געפאַרנ די פּיאַנינע, פונ דער ווינט האָט זי איבערגע- זונג, ווי א בירינג אינ א באַראַט. נאָר אינ פּאַנצט — ייִנ א פּעדער אינ א פּאָפּאַנג. אונטערבינדיק מיט דער זעגלענער דאַנב, האָט דער פּרייַענער בירמאַנ אַרונגעדרייט די ווינדע אינ מיטגבאַ. ער האָט געטראַפּט מיט א פינגער אינ די דראַייענ זיכ באַמערקנדיק איבערצישפּרינג דעמ מאַשי פונ „מעשייטיר".

די ווילנ האָבנ איבערגעגעבנ ייַער נים פונ אַפּרינג די איבערי פּערפּענ- דיקולאַרע וואַסערשטראָמ אינ בייגנ זייַנע גערענע איבערצווייג מיט די טרייענ אריפּ.

דער אירענ האָט געריטנ אַפּ אינדי, אינדזער גאַנצע אינשטיטוט די מישרנ איז באַרעבנטערבנ געוואָרנ. כ'אַ געווינ נים אָנגעזעצט, אינ כ'האָט זיכ געוואָרנ אָפּגאַנג פונ דעמ. דער מאַטע איז געגאַנגענ איבער- טראָטואַר מיט א פּינע פונ א [illegible], נאָר די מאַמע האָט דערזיי [illegible] שפּאַנט אינ שפּיצ פונ דאַראַיאַנ. [illegible] איז געגאַנגענ נאָכנ ערטנ [illegible] א פּאַרמאַטערנע אינ א טרייערינג, ווי אנ ארמאַנג נאָכ ער מיטנ. אינ די רענט האָט זי געטראָגנ א צעטל פונ די וואַנג.

פּאָריזנ. פּרינצ באַר אַרעמע. איז געגאַנגענ אָפטע מיט א האָנ אינ האַנט. אינ דער רייב, אפּנ ערשטנ וואַג. איז געזעצנ אָנגעבנ, א ראַדיאָ אַפּ א הערפּאַר איבער איר האָט געשפּאַנט א פּאַרטע

בלאָט. און אין דער לינקער האַנט האָט אַנושקע געהאַלטן די טשוטשעלע פֿון אַ פּאָווע, און אין דער רעכטער האַנט האָט זי געהאַלטן אַן אַנדער באַנאַבעוקע זאַך. נאָכדעם בין איך געגאַנגען. כ'האָב געטראָגן די ווערטפֿולע הייל מיט דער פֿאַרשלאָסענער מאַלקע. שימאַנאָוויטש איז אַריבערגעפֿאָרן אויף אַ נייער געאָגראַפֿיע. דעם קאַראַוואַן האָט געשלאָגן די האַלאָנע מוטער.

די נייע וווינונג האָט אונדז באַגעגנט קאַלט און הילכיק. אַן אָפּשפּײַ־ טעריטער עבא האָט נאָכגעיאָגט אונדזערע קוילן.

די פּירמאַנעס האָבן געפֿירט די גאַנצע באַבערישאַפֿטן. דער טאַטע האָט צעפֿירט אַ ביסל ספּירט אין אַ פּראַוויזע אין מעבאַבער געווען די פּירמאַנעס. די פּירמאַנעס האָבן געטרעט צווישן זיך.

— אוי! ספּירט! ער נעמט דורך אין דורך...

— יאָ, כ'וואָלט רעטעכט... ריכטיק פֿאַרן מאָרגן... כ'וועל ... געדיין.

— ראַבינאָ, ווי צי בין יענער ווײַט! ביבער... ווײַל ביבער, מאַ-מע מײַנע!... און וואָס דאַרף מען ווי אויף...

— וואָס דען מײַנסטו, דאַרפֿן זיך אין אַ טשעמאָדאַנטשיקל יעדן אײַ דער יעלען, וואָס דאַרפֿן זיך אין נאָך? יאָ, ביינדעל, ווײַסטו מײַנע ביכער איבערלייענען און דאַנקען נאָך אַלץ אַ גאַנצע דאָרט ... ניט איך דער ..., וואָס מען דאַרף!...

די מיטעס וווינען נאָכגעגאַנגען נאָך די פּירמאַנעס און נאָכגעריטן, ווײַל נאַרעוויטש ניט צעטעמען ווײַל דער איצטיקער אייליקע. דאָרט געפֿינען די מיטעס — באַגייט זיך צו פֿרײַ מיט פֿרעמדע איינגענע.

אין איינעם אַ צימער איז געהאַנגען אַ שיינענע ליכטער מיט דרייסאַרטיקע ברענערלעך. די ליכטער האָט איבערגעלאָזן פּראָפּאַ-גאַנדע די מיטעס האָבן זיך אָנגעהויבן באַטראַכטן.

— וואָס? שוין אַן איינענע איבערצאָלונג? דאָס געפֿינט דער אַלטער ... אַ פֿײַנע ליכטערשטעטעל! פֿונדאַניע דער אַרבעט מיטטאָבע, יאָ?

די מיטעס האָבן זיך פֿאַרלאָרן.

כ'האָב שוין געדאַט געזען דאָס מיר צו דערציילן. ווײַטער ליכטער ... איז נאָך די מיטע געבן דאָס מיר פֿאַרמעסטערט ווי אַ שירע.

— יאָ, יאָ, באַשער, — האָט ניט געזאָגט די מימע. — די ליובעלע איז בעטלאַגלאַרעל אַלטעט.

ווען דער האַמבראַנט איז אויסגעגאַנגען, האָבן די א ביבל פֿאַרלאַרענע מיטעס מיר געגעבן געטויבן, אז זיי האָבן געראַנלט ריכטיק, ווייל אַליין יעלט מען פֿיבטאַהומאַיט די לייבטע ניט אויסגעקערט, און די מעליבע ייעט זיך באַגיין אָן א לייבטע.

## די הערשאַפֿט פֿון זאַכן

כ'האָב שוין אָנגעהויבן ווערן שטילער דער רעיאַגאנב פֿון די צייטמיטס. די יאָבן האָבן הערשטירט דעם ווירטשאַל. מיר האָבן געפּייניגט א געדייט אָרט פֿאַר דער הייל פֿון דער מאַלטע, איבער דעם, וואָס מען פֿון דעם יעלבן ווייל נרינג געהאַנט מאַכן א צירק, א ווארנאַל, א טפּיטע. שיאַמבראַניע האָט זיך באַוויזן.

שמייעכדיק אָפּ א לייבער, מיט א קעסטעל אין האַנט, האָט דער מאַטע איבערגאַנגען אָפּ דער וואַנט דעם האָרבער פּיראַמיס באַרטריטט אין האָב בילד פֿון דעם אַראַרעמירער פֿאַבטערנאַה „לעווי מאַלטסאַ". דער מאַטע האָט געראַטנבט. דער לייטער איז אים פֿאַרגעטעמט ווי א טריבנעט:

— דעם האָב איך זיך אָנגעלערנט מאָל איבערגעבן, — האָט געזאָגט דער מאַטע — אז מיר וועלן געבעטנע הויכט בא די יאָבן. אט די נאַגעלע מאַכע שמאָבטעך האָט אונדז באַרעדעט. זי פֿענסטער אונדז דענען אין ביט. כ'וואָלט מיט פֿאַרגעסן איבערגעלאָזן א העלפֿט פֿון דעם אַלעס און דער אַלטער הויף... ווינטער! (ליאַליע, געט שוין אויך דעם שטייער פֿון מיר, די ווייטער ניט די עלטער באַרטן-לאַפּלינג פֿון הייטער!...) אָבער... יאָ, ווינטער, לעווענט זיך פֿיינט האָבן זאַכן!..

נאָכדעם האָב איך אין אָבער גענומען צורופֿן צו דער וואַנט דעם אויסגעמאָלטן באַריעלינ: א מעלער, אָפּגעמעלט איז געווען אונטערנאָ א שלאָס אין פֿאַרנדירע רעטערס. נאָר פּליצעם איז דער שטייאַה אַרויסגעפֿאַלן. דער מעלער האָט זיך א יענע געמאַכט אין דיל. די הייטערס ווייסנען אויסגעפּיטען, און פֿון שלאָס וויינען געבליבן הויכנע (ביריעם).

דער מאַטע איז געבליבן צו לויפֿן. ער האָט זיך צעשריען אַז אונדז ער האָט אונדז אָנגעריפֿן באַרבאַרן און וואַנדאַלן, ער האָט געזאָגט, אז

אפילע א בער קאָנ מענ אויסלערנענ אָפּהיטנ וואכנ... ער האָט אונדז איינגערעדנט דעמ גאנצנ טרויעריקנ צעטל פונ די וואכנ, וועלכע מיר האָבנ איבערגעבראכט: א מאַלכע פונ שאָב, א שטעקל, אנ אייביקע פעדער אונ. אאוו.

מיר האָבנ אָפּגעזיפצט. נאָכדעמ האָב איכ דערמאָנט דעמ טאטנ, אז ערשט עטלעכע מינוט צוריק האָט ער אונדז געלערנט פּײַנט האָבנ וואכנ. דער טאטע איז גאָר בייז געוואָרנ. ער האָט געזאָגט, אז פריער דארפ מענ זיכ לערנענ אָפּהיטנ וואכנ, נאָכדעמ פארדינענ זיי, אונ ערשט נאָכדעמ דאַרפ מענ אָנהייבנ זיי פּײַנט האָבנ.

אינאָווענט איז מיט א דערשלאָגנ געזיכט ארומגעגאנגענ אינ צימער די מאמע. קעדיי ניט פארלירנ די קליינע וואכנ אונ ניט פארטערנ קיינ צײַט אפּ איבערזוכנ זיי, האָט די מאמע צונויפגעשטעלט א צעטל, ווו עס ליגט אינ איטלעכער איז שוינ די צווייטע שאָך ווי זי זוכט אָט דאָס צעטל...

# פארלאָרנ פאָלגנדיקע דאָקומענטנ

אינעמ איבערגעבייטענעמ אריאַרקומ האָט זיכ לאנגזאמ אָפּגעזעצט די וואכ. די פּישלעכ האָבנ געפּלאַטערט ווי איבערפּאַרביקע קאָליברי אינ די גרינ־דערשמאָלענע רויזנ. די פּישעלעכ האָבנ זיכ געדרייט בא דעמ מאַלאַכיטגרינעמ גלאָז אינ האָבנ זיכ געפילט ווי אינ דער היימ.

די ווענט פונ דער נײַער וווינונג האָבנ פארלאָרנ זייער איידעלסטע פּרעסטיזש. די צימערנ זײַנענ היימלעכער געוואָרנ. די פריערדיקע גע־מיטלעכקייט איז איבערגעשטעלט געוואָרנ אפנ נײַעמ אדרעס. אונ קוקנ־דיק אפ דער ליבערייע, האָט דער טאטע געזאָגט באַמ אײַנטרויט:

— רעוואָליוציע... (אָביע! ניב אהער א מער: אינ מערנ זײַנענ פאראנ א מאמע וויטאמינענ...) די רעוואָליוציע, זאָג איכ, איז פיל מיט ליידאמער געדענקשאַפט... אינ ווירקלעכ: וועמענ דארפ מאכע נעהערנ אזא וווינונג? דעמ גאלדוואק דעמ לייבער צי א דאקטער? בכלל מיינ איכ, אז דער פּראָלעטאַריאַט אינ די אינטעליגענצ קאָנענ געפינענ א רעגעוועטיקע צוזאמנ.

— גאָט מײַנער! ווער פונ אונדז איז דענ אינ הארצנ ניט קיינ קאָמוניסט? — האָבנ געזאָגט די מימעס.

אינ א טאָג ארומ האָט מענ בא אונדז צוגענומענ די פּיאַנינע. דער טראַנספּאָרטשאָפ האָט זיכ גענייט צו עפּעס א יאַנטעוו. א באָר

רויטאַרמייער האָט רעפּעטירט אַ סאַניטאַרע קאַנטאַטע. דער כאָר האָט געדאַרפט אויפ אַ וואָכ האָבנ אַ פּיאַנינע. האָט מענ מאָביליזירט אונדזערע.

די מאַמע איז גראָד ניט געווענ אינ דער היים און האָט מיטגענומענ מיט זיכ די צײַגעניש פונ פּאָלקאָמבילד, אַז אַלס לערערנ—פונ מוזיק טאָר מענ באַ איר די פּיאַנינע ניט צונעמענ. דער טאַטע האָט געהאַלטנ פאַר די פאַרבאַפּער אַ קליינע רעדע וועגנ דער אינטעליגענצ אונ דעמ פּראָלעטאַריאַט, אונ האָט אויכ דערמאָנט וועגנ קאָנטאַקט. נאָר ס'האָט ניט געהאָלפנ. דעמאָלט האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז די פּיאַנינע טוט אימ ניט באַנק, נאָר די זאַכ גייט דאָ אינ פּרינציפּ אונ אַז ער וועט עס ניט פאַרשווײַגנ, אַז אויב מע וועט דאַרפנ, וועט אַפילע דער איניענ דערגיינ ביז לענינענ. אונ דער טאַטע האָט זיכ געזעצט שרײַבנ אַ בריוו אינ רעדאַקציע פונ די צענטראַלע „איזוועסטיא".

די פּיאַנינע האָט מענ אַרויסגעטראָגנ ווי אַ מעת. אַנושקע האָט אָנגעהויבנ וויינענ, אונ די מומעס האָבנ איר אונטערגעהאָלפנ.

די מאַמע איז געקומענ, זיכ דערוווּסט אונ בלייכ געוואָרנ. זי האָט זיכ אַוועקגעזעצט אונ אָנגעהויבנ פינטלענ מיט די אויגנ. זי האָט געפרעגט זייער גיכ:

— איר האָט באַוויזנ אַרויסנעמענ?

דער טאַטע האָט זיכ מיטאַמאָל אַראָפּגעלאָזט אַפנ שטול. די מומעס זײַנענ פאַרשטיינערט געוואָרנ. ס'האָט זיכ אויסגעלאָזנ, אַז די מאַמע האָט אינווייניק אינ פּיאַנינע, אונטערנ אויבערשטנ דעקל, צוגעבונדנ אַ געהיימ פּעקל. דאָרטנ זײַנענ געלעגנ פיר שטיקלעכ אויסלענדישע זייפ אונ אַ פּעקל נימ נײַטיקע ניקאָלײַעווער אַסיגנאַציעס, פּאַפּירלעכ... איכ אונ אָסיע זײַנענ אַזש פאַרציטערט געוואָרנ...

די מײַסע איז, וואָס מיט אַ וואָכ פריער האָבנ מיר אונטערגעקוקט, ווי די מאַמע האָט געגרייט דאָס דאָזיקע פּעקעלע. מיר האָבנ דעמאָלט פאַרשטאַנענ, אַז זי וועט עס באַהאַלטנ אינ וואָסער עס איז אַ זיכער אָרט. מיר האָבנ אויכ געהאַט זאַכנ, וואָס אַ פרעמד אויג האָט ניט געדאַרפט זענ אונ מיר האָבנ אומבאַמערקט אַרײַנגעלייגט אינ יענע פּעקעלע אייניקע שוואַמבראַנער דאָקומענטנ. צווישנ זיי זײַנענ געווענ קאַרטעס, מילכאָמע־פּלענער, ברענאַבאָרכ מאַניפעסטנ, הערבנ, בריוו פונ די העלדנ, סינעדראַבעס אַפּייטנ, אונ אייניקע אַנדערע געהיימע מאַנוסקריפּטנ פונ די שוואַמבראַנער קאַנצעליאַריעס. איצט איז דאָס אַלצ

אוועקגעפאָרן אין טראַטשאַק. שוואַמבראַניע איז געווען אין געפאַר. דער אָנשטעלער פון דער פּיאַנינע האָט געקאָנט אויפדעקן אונדזער געהיימעניש. די מאַמע האָט זיך אַנטשלאָסן אויפגעהויבן, אויסגעווישט די אויגן און זיך געלאָזט גיין אין טראַטשאַק. איך האָב זיך אַרויסגעהאָפן באַגלייטן זי. די מאַמע איז געוואָרן נערווירט. זי האָט ניט געוווּסט, אַז מיר גייען ראַטעווען די שוואַמבראַנער דאָקומענטן.

## דער קאָנצערט אין טראַטשאַק

אין טראַטשאַק האָט די מאַמע געזאָגט, אַז זי דאַרף אַרויסנעמען אַ פּעקל מיט בריוו, וואָס ליגן אין פּיאַנינע. דער לאַנגוואָנציקער קאָמאַנדיר האָט דורכגעטריבן אַ שמייכל געטאָן: „בריוועלעך!“ — האָט ער געזאָגט, און דערלויבט.

די פּיאַנינע איז געשטאַנען אין אַ גרויסן זאַל, פאַרוקט אין אַ ווינקל, אַרום זענען געזעסן רויטאַרמייער און געקנאַקט יאָדערן. זיצנדיק אַפּ אַ קעסטל, האָבן זיך צוויי רויטאַרמייער באַמיט אויסשפּילן אַ הינטישע מאַזורקע.

דערזעענדיק אונדז, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. די מאַמע איז צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנינע און האָט מיט אַ צערטלעכער אָקטאַווע אַ גלעט געטאָן די קלאַווישן. דער אינסטרומענט האָט אַ הירזשע געטאָן ווי אַ פערד, וואָס האָט דערקענט זיין באַלעבאָס.

די רויטאַרמייער האָבן אונדז נייגעריק אָנגעקוקט.

דער קאָמאַנדיר האָט אַליין אַרויסגענומען דאָס פּעקל און ווידער איבערגעוווּנקען דער מאַמען: „בריוועלעך“.

— הורא, הורא, — האָבן זיך דאָ צעשריִען די שוואַמבראַנער אַלע, — האָב איך געבורטשעט אין זיך, אַרויסגייענדיק פון טראַטשאַק.

ווען מיר זענען שוין געווען אינמיטן פּלאַץ, האָבן מיר פון הינטן דערהערט אַ געשריי:

— האַלט! מאַדאַם! קער זיך אום!

ס'איז צוגעלאָפן, קוים באַפנדיק דעם אָטעם, דער קאָמאַנדיר. די מאַמע האָט אָנגעהויבן ציטערן, צודריקנדיק דאָס פּעקעלע צו דער ברוסט. אין שוואַמבראַניע איז אויך פאָרגעקומען אַן ערד־ציטערניש.

— קערט זיך אום, בירגערין! — האָט געזאָגט דער קאָמאַנדיר, — די יאַטן לאָזן מיך ניט לעבן. זיי איז ספּעציעל געריכטן, זאָגן זיי, קאַליע

מאכן די פּיאַנינע... צעבראָכן זי, קערײַ מיר זאָגן זיך מיט איר ניט קאָנען באַנוצן... אַרויסגענומען, זאָגן זיי, דעם װיכטיקסטן טייל, און זי האָט גלײַך אויפֿגעהערט שפּילן.

— װאָס פֿאַר אַ נאַרישקייטן רעדט איר, כאַװער — האָט געזאָגט די מאַמע, — מיסטאָמע קענט איר פֿאַרטעט ניט שפּילן.

— פֿאַרװאָס האָט זי ביז איצט געשפּילט, און װי איר האָט עפּעס דאָרטן אַרויסגענומען, אַזוי האָט זי אויפֿגעהערט שפּילן? — האָט גע-טענהט דער קאָמאַנדיר.

ניין, איר קערט זיך שוין בעסער אום, און לייגט אַלץ־אַלץ אַװעק אויפֿן אָרט.

מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צוריק אין טראַטואַר.

די רויטאַרמייער האָבן באַגעגנט די מאַמען מיט אַ ביזן טומל. זיי האָבן אַרומגערינגלט די פּיאַנינע. זיי האָבן געשריגן, אַז די מאַמע האָט בעקיװן קאַליע געמאַכט פֿאָלקס־פֿאַרמעגן, אַז דאָס איז סאַבאָטאַזש, און אַז פֿאַר דעם דאַרף מען צעשיסן.

דער קאָמאַנדיר האָט זיי באַרויקט.

— באַװוּסטזיניקער, באַװוּסטזיניקער, כאַװערים, — האָט ער גע-זאָגט און איז אַליין, װײַזט אויס, געװען אויפֿגערעגט.

— די מאַמע איז זיכער צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנינע. די רויטאַרמייער זײַנען שטיל געװאָרן. די מאַמע האָט גענומען אַ ברייטן אַקאָרד. נאָר די פּיאַנינע האָט זיך ניט אָפּגערופֿן מיט דער פֿריערדיקער קלינגענדיקייט. דער קלאַנג האָט זיך באַקומען אַ דומפּער, קוים װאָס מע האָט אים געהערט. ער האָט זיך דורכגעטראָגן און איז פֿאַרשטאָרבן, װי נאָר אַ װײַטער דונער... די מאַמע האָט דערשלאָגן אין פֿאַרלאָרן אַ קוק גע-טאָן אויף מיר. זי האָט אַ קלאַפּ געטאָן איבער די קלאַװישן מיט אַלע קויכעס, נאָר די פּיאַנינע האָט װידער קוים געענטפֿערט. דערפֿאַר האָבן אַ דונער געטאָן די רויטאַרמייער.

— קאַליע געמאַכט! — האָבן זיי געשריגן. — אין טשעקאַ אַװעק־פֿירן, אין באַזונדערן אָפּטייל!.. װאָס איז דאָס אַזױנס!..

— מאַמע, — האָב איך געזאָגט, מיטאַמאָל אָנשטױסנדיק זיך, — דער מאָדעראַטאָר!..

װען דער קאָמאַנדיר האָט אַרויסגעצויגן פֿון פּיאַנינע דאָס פֿעדל, האָט ער צופֿעליק אַ צי געטאָן דעם מאָדעראַטער דעם דעמפּער, און האָט אים אַראָפּגעלאָזן אויף די סטרונעס. די מאַמע האָט אַ ריס געטאָן

דעם מאָרדעראַטאָר, אונ די פּיאַנינע האָט א דונער געטאָנ אַזוי הויכ, אַז אַלעמענ האָט זיכ אויסגעדוכט, ווי מע וואָלט אַרויסגענומענ וואַטע פונ די אויערנ, וואָס איז דאָרטנ די גאַנצע צײַט געלעגנ. בא די רויט-אַרמייער האָבנ אויפגעלויכטנ די פּנימער. נאָר קעדיי אויספּרוווּנ, האָבנ זיי פונדעסטוועגנ געבעטנ אויפהענגענ דאָס בעקעלע צוריק. מיר האָבנ אויפגעהאַנגענ. נאָר די פּיאַנינע האָט ניט געשפּילט העכער. דעמלט האָט מענ אונדז דערלויבט נעמענ דאָס בעקעלע. נאָכדעמ האָבנ די פאַר-שעמטע באָכערימ געבעטנ די מאַמע זאָל עפּעס שפּילנ אַזוינס, א פריילעכס...

— איכ, כאַווײריִמ, שפּיל ניט קיינ מאַזורקע, — האָט די מאַמע גע-זאָגט שטרענג. — דאָס בעט בעסער מײַנ זונ.

די רויטאַרמייער האָבנ געבעטנ. אונ איכ בינ אַרויפגעקראָכנ אַפנ קעסטל. מיכ האָבנ אַרומגערינגלט שמייכלענ פונ ווײַסע ציינ. אַזוי ווי פונעמ הויכנ קעסטל האָב איכ ניט געקאָנט דערלאַנגענ צו די פּעדאַלנ, איז אָנגעדריקנ אַפ די פּעדאַלנ האָט זיכ אַרויסגערופנ א רויטאַרמייער. ער האָט פלײַסיק אָנגעטראָטנ אַפ דער פּעדאַל אונ האָט שוינ ניט אָפּגעלאָזנ בײַזנ סאָפ. אונ איכ האָב דונערדיק געשפּילט אַלע מאַרשנ, טענצ, קופּ-ליעטנ, וועלכע כ'האָב נאָר געוווּסט. אייניקע האָבנ שוינ אָנגעהויבנ צו-קלאַפּנ מיט די אָפּצאַסנ. פּלוצעמ האָט זיכ א יונגער רויטאַרמייער א ריס געטאָנ פונעמ אָרט. ער האָט צעפירט מיט די הענט, ווי ער וואָלט צעעפנט פאַר עמעצנ די אָרעמס, אונ פּלוצעמדיק א קלאַפּ געטאָנ מיט דעמ פוס, ווי ער וואָלט קלומערשט פּרוווּנ דעמ דיל. נאָכדעמ האָט ער פאַרלייגט די הענט אַפ די זײַטנ אונ אַוועקגעלאָזט איבערנ גלײַכ ווערנדיקנ קרײַז, פאַרוואַרפנדיק דעמ קאָפּ אונ צוטופּענדיק מיט די פיס. מיט א הויכער שטימ האָט ער גענומענ זינגענ:

ס'ארא שאנד, אונ ס'ארא וויי,
ס'ארא מיעסע ברוימלעכ!
אנגעקראָכנ אלערליי
פּאַסקודניאַקעס בורזשויעלעכ.

דער קאָמאַנדיר האָט אימ גלײַכ אָפּגעשטעלט. ער האָט זיכ געווענדט צו דער מאַמענ איידל אונ בעטנדיק:

— מאַדאַמ, דאָס הייסט איצט ביזגענ! אינ נאָמענ פונ די רויט-אַרמייער אונ פונ זיכ פערזענלעכ בעט איכ אײַכ... שפּילט עפּעס פער-

סאָנעל אָפּ וואָס ניט־איז, מערער באַוווּסטזיניקס... לאָמיר זאָגנ, אַזעלכע ס'איז־ניט־איז אוווערטיורע פונ אַנ אָפּערקע.

די מאַמע האָט זיכ געזעצט אַפנ קעסטל. זי האָט אויסגעווישט מיט א טיכעלע די קלאַווישנ. מײַנ פּעהאַלנ־ספּעציאַליסט האָט ווידער פאַר־געלייגט זײַנ פוס אונ זײַנ הילפ. נאָר די מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי וועט זיכ שוינ ווי עס איז אַלײנ באַגײנ...

די מאַמע האָט געשפּילט אַנ אוווערטיורע פונ דער אָפּערע „קניאַז איגאָר". ערנסט אונ גוט האָט די מאַמע געשפּילט. די שטילע רויטאַר־מייער האָבנ אומגערינגלט די פּיאַנינע. זיכ אָנוואַלגערנדיק איינער אַפנ צווייטנ, האָבנ זיי אויפמערקזאַמ געקוקט אַפּ דער מאַמעס פינגער. נאָכ־דעמ האָט די מאַמע פּאַמעלעכ אונ פאָרזיכטיק צוגענומענ די הענט פונ די קלאַווישנ... נאָכ אירע פינגער האָט זיכ, ווי א שפּינוועבס, נאָכגע־צויגנ דער אָפּשטאַרבנדיקער פינאַלער אַקאָרד. אַלע האָבנ זיכ אויפגעהויבנ צוזאַמענ מיט דער מאַמעס הענט, נאָכ עטלעכע מינוט האָבנ זיי נאָכ געשוויגנ, ווי זיי וואָלטנ זיכ אײַנגעהערט אינעמ אָפּשטאַרבנ פונ די לעצטע נאָטעס... אונ נאָכדעמ ערשט האָבנ זיי אָנגעהויבנ מוידעריק פּאַטשנ. זיי האָבנ אַפּלאָדירט מיט אויסגעצויגענע הענט, צוטראָגנדיק די אַפּלאָדיסמענטנ האַרט צו דער מאַמעס פּנימ. זיי האָבנ געוואָלט, אַז די מאַמע זאָל ניט נאָר הערנ, נאָר אויכ זענ זייערע אַפּלאָדיסמענטנ.

— א קלאָר אויסגעשפּראָכענער טאַלאַנט — האָט געזאָגט דער קאָ־מאַנדיר צו דער מאַמענ זיפּצנדיק. — קאָנ שוינ העכער ניט זײַנ ס׳נ קיינשומ קריטיק.

מיר זײַנענ שוינ געווענ אַפנ מיטנ פּלאַצ, אונ פונ גאַנצעקל פונעמ טראַטרטשאַק האָבנ זיכ נאָכ אַלצ געטראָגנ אַפּלאָדיסמענטנ. די מאַמע האָט זיכ באַשיידנ צוגעהערט.

— וווּנדערלעכ, ווי קונסט מאַכט מענטשנ איידל, — האָט נאָכדעמ געזאָגט די מאַמע צו די מומעס.

— אַזעלכע מענטשנ וועסטו ניט מאַכנ איידערער, — האָט געענט־פערט די מומע שׂערע. — ווענ זיי וואָרטנ געוואָרנ איידערער, וואָרטנ זיי אומגעקערט דעמ קראַוויר.

איכ א כוידעש אַרומ, ווענ די פּיאַנינע איז שוינ לאַנג געשטאַנענ אַפּ איר אָרט (מע האָט זי אומגעקערט אַראָנק טשובאַרקאָוו, וואָס איז אויפגעשטאַנענ פונ טיפוס), איז אינ „איזוועסטיע", אינ דער אָפּטיילונג „ענטפערנ דעמ לייענער" געווענ געדרוקט: „דעמ דאָקטער פונ פּאָקראָווסק,

די פיאנינע איז ניט געװעזנ קאָנפיסקירט געװאָרנ, װי בא א מענטשנ, פאר װעמענ דער אינסטרומענט איז אנ אַרבעט־געצײַג", דער טאטע האָט טריומפירט, ער האָט אלע באקאנטע באװיזנ די צײַטונג, ער האָט אויסגעשניטנ דעמ ענטפער אונ אימ ארײַנגעלײגט צו זיכ אינ טײַסטער. אונ סטיאָפּקע אטלאנטידע האָט געזאָגט װעגנ דעמ:

— דאָס האָט מענ װעגנ אײַער פיאנינע אָפּגעדרוקט אינ „איזװעסטיע... נו, נו, נו, אפ גאנצ רעסעפעסערע האָט מענ די פיאנינע צעלײגט, עב, דו, פּריװאטער אײגנטומ!

## דעזערטירנ, באקאַנטשאפטנ, צוג־װינטלעכ

דאָס געהײמע פּעקעלע איז איצט געלעגנ אינעמ קלײנינקנ טישקעסטל פונ דער מאמעס שרײַב־טיש, נאָר דער טיש איז איצט געשטאַנענ אינעמ צימער פונ אײנעמ א קװארטיראנט. אײנעמ נאָכנ אנדערנ האָט מענ בא אונדז מאָביליזירט דרײַ צימערנ. אינ ערשטנ האָט מענ ארײַנגעזעצט דעמ געזונטצעװאָרענעמ טשובארקאָװ. איכ האָב זיכ זײער דערפרײט מיט אימ. דער קאָמיסאר אויכ.

— איצט אָט, װעלנ מיר איצטער זײַנ אײנײנעמ, — האָט געזאָגט דער קאָמיסאר, ארױפּנעמענדיק דעמ רימענ מיט דעמ קאָבור אונ אװעקלײגנדיק אימ אפנ טיש, — װעסט געבנ א ביכל צו לײענענ?

— װאָס פאר א פראגע? — האָב איכ געענטפערט, באטראכטנדיק דעמ נאהאנ, — ס'איז אנ אָנגעלאָדענער?

— װאָס פאר א פראגע? — האָט געענטפערט דער קאָמיסאר, — טשעפּע ניט. די מומעס האָבנ א קוק געטאָנ אינ טיר. זײ האָבנ קריטיש באטראכט דעמ קאָמיסארס ברײטע אקסל, זײַנ פּאריסענע נאָז, אונ זײַנענ אװעקגעגאנגענ, שעפּטשענדיק: „א כאָלדאפּאָנ"!

אינ א צװײטנ צימער האָט זיכ ארײַנגעקליבנ א שײנינקער מיליטער־מאנ, אינ א פּאָר געלע געשנורעװעטע שיכ ביז די קני. ער האָט ארײַנגעטראָגנ זײַנ טשעמאדאנ, באטראכט דעמ צימער, זיכ אװעקגעזעצט, אויסגערײניקט זיכ די נעגל, א באראבאנעװע געטאָנ מיט זײ איבערנ טיש אונ געזאָגט: „טעקס".

— מע זעט גלײַכ, אז ס'איז אנ אינטעליגענטנער מענטש, — האָבנ באשלאָסנ די מומעס אונ זײַנענ ארײַנגעגאנגענ באגריסנ דעמ נײַעמ קװארטיראנט.

דער קוואַרטיראַנט איז אויפגעשפרונגענ. ער האָט לויט דער ריי אַלע דריי אַ קוש געטאָנ די האַנט און אַלע דריי געגעבנ צו וויזיט־קאַרטלעכ. אויפ די קאַרטלעכ איז געווענ אָנגעשריבנ: עדמאָנד פּליעגאַנטאָוויטש לאַ־באַוריידע־באַזאַנ. און אונטנ מיט קלענערע בוכשטאַבנ — „מאַרקסיסט".

ניט געקוקט אויפ אַזאַ קלינגענדיקנ נאָמענ, האָט זיכ עדמאָנד פּליעגאַנטאָוויטש אַרויסגעוויזנ פאַר אַנ אַבסאָלוט ניט שוואַמבראַנישע פּערזענלעכקייט. ער האָט טאַקע בעעמעס עקזיסטירט און איז געווענ גוט באַוווּסט אינ פּאָקראָווסק. לאַ־באַוריידע־באַזאַנ האָט זיכ באַוויזנ גלייכ נאָכ דער רעוואָליוציע. ער האָט רעדאַגירט די פּאָקראָווסקער צייטונג „וואָלושסקי בודיעוועסטניק", און איז באַרימט געוואָרנ מיט דעמ, וואָס אויפ דער ערשטער זייט פונעמ ווייַנאַכטנומער האָט ער באַגריסט „אַלע כאָשוועע לייענער מיטנ 1917־טנ געבורטסטאָג פונעמ ערשטנ סאָציאַ־ליסט י. קריסטוס"... אינ אַ טאָג אַרומ האָט מענ די צייטונג באַגריסט מיט אַנ אַנדער רעדאַקטער. איצט האָט לאַ־באַוריידע־באַזאַנ געאַרבעט אינ טעאַטרטשאַק. ער איז געווענ אַנ אַדיוטאַנט פאַר ספּעציעלע אויפ־טראַגנ. נאָר אַזויווי זיינ הויפּט־באַשעפטיקונג איז געווענ איינאָרדענענ פאַרשיידענע לעקציעס, קאָנצערטנ, אָוונטנ, האָט מענ אימ גערופנ אַדיו־טאַנט פאַר ספּעציעלע פאַרווײַלונגענ... די רויטאַרמייער האָבנ אימ גערופנ — לאַבאַז דאַ באַזאַר.

אינ דריטנ צימער האָט זיכ באַזעצט די „קאָמיסיע צו באַקעמפנ דעזערטירסטווע". אַ גאַנצנ טאָג פלעגנ אַהינצו אוילערעגל זיינ דעזער־טירנ, וואָס האָבנ באַראָטע. זיי פלעגנ טראָגנ אינ קאָמיסיע זייערע פאַר־שולדיקטע קעפּ, נאָר זיכ פאַרבלאָנדזשענדיק אינ דער וווינונג, פלעגנ זיי אַראָפּלאָזנ די קעפּ אויפ אונדזערע טישנ און פענצטער. דאָס הויז איז פול געווענ מיט דעזערטירנ. זיי פלעגנ בלאָנדזשענ איבער די צימערנ און מיטינגירנ אינ קיכ. אינדערפרי, ניט אָנקלאַפּנדיק, פלעגנ זיי אַרייַנקריכנ אינ זאַל, ווו איכ און די מומעס זיינענ געשלאָפנ.

די מומעס פלעגנ אַפּעלירנ צו זייער געוויסנ.

נאָר די דעזערטירנ פלעגנ זאָגנ, אַז זיי זיינענ אייגענע מענטשנ, אַז זיי וועלנ קיינעמ ניט באַליידיקנ און פלעגנ זיכ לייגנ בײַ דער שוועל כאַפּנ אַ דרעמל. ווענ צו דער מאַמענ פלעגט קומענ אַ שילערינ, פלעגנ די דעזערטירנ אַרומרינגלענ די פּיאַנינע און קוקנ מיט היספּײַלעס אויפ די גיכ שפּרינגענדיקע פינגער.

— זעסט, מאַ! — פֿלעגן זיך וווּנדערן די דעזערטירן — אַ קליינס אָבער ווי גיך!..

די דעזערטירן, וואָס פֿלעגן וואַרטן, מע זאָל זיי פֿאַרשרײַבן אין אַ פּאָלק, פֿלעגן זיצן אין דעם זעלבן קאָרידאָר, ווו דעם טאַטנס פּאַציענטן. די דעזערטירן און די פּאַציענטן פֿלעגן זיך אָפֿט ניט קענען צונויפֿרייִדן, ווער וווּהין עס גייט.

— אַז פֿרויען־קרענק נעמט מען דאָ אויף? — פֿלעגט פֿרעגן עפּעס אַן אָנגעקומענע כוטעראַנקע.

— ניין, וווּהין קריכסטו, — האָט מען איר געענטפֿערט, — דאָ נעמט מען אויף נאָר אַף מענערישע... דעזערטירן...

זײַטיקע מענטשן פֿלעגן אַרײַנגיין און אַרויסגיין דורך אַלע טירן און אַלע האָבן זיך געדוכט ווי באַקאַנטע און פּאַסיקע פֿאַר באַקאַנטשאַפֿט. די מאַמע איז צוגעוווינט געוואָרן צו די צוגווינטן. דער צוגווינט האָט אַרײַנגעצויגן אין די פֿענצטער רויטע פֿאָנען. דער קאָרידאָר פֿון אונדזער וווינונג איז געווען אַ מין פֿאַרזעצונג פֿון דער גאַס. די פֿאָרטקע פֿון הויף פֿלעגט מען איגנאָרירן. קעדיי דורכצוגיין פֿון גאַס אין הויף אַרײַן, פֿלעגט מען שפּאַנען דורך דער גאַנצער וווינונג. אַפֿן צווייטן שטאָק פֿלעגן נאָכאַנאַנד קלאַפּן איבער אונדזערע קעפּ די רעמינגטאָנען. דאָרטן איז געווען דער מיליטער־אָפּטייל. איינמאָל באַנאַכט האָבן די מאַשינקעס גענומען קלאַפּן צו אָפֿט און הויך. אינדערפֿרי האָט מען אונדז געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז דאָס האָט מען איבערגעפֿירט אַ נײַעם קוילנוואַרפֿער. אין הויף בײַ די פֿערדשטאַלן האָט מען געקלונגען מיט די עמערס. אַפֿן גאַנעקל פֿלעגן זיצן די אַרעסטירטע דעזערטירן — די באַזונדערס בייזוויליקע. ס'פֿלעגן ריטמיש אַרומשפּאַנען די וואַכמענער. נאָך זיי, סטאַרענדיק זיך נאָכצוהאַלטן זיי, פֿלעגט ערנסט נאָכשפּרינגען אָסיע מיט אַ קינדערישן ביקסל. ער פֿלעגט גיין איבערן הויף און אַרומקוקן אין לאַ־באַודאַ־באַזאַרס . פֿענצטער.

דאָרטן, אויפֿן טיש־קעסטל זײַנען געלעגן אונדזערע מאַנוסקריפּטן. אָסיע איז געשטאַנען אַף דער וואַך פֿון שוואַמבראַניע

## דער מאַרקיז און דער סאָלדאַפּאָן

דער קאָמיסאַר האָט געלייענט בײַ נאַכט דעם דריטן באַנד פֿון ענ־ציקלאָפּעדיע ווערטערבוך. די ערשטע צוויי האָט ער שוין איבערגע־

ליגנט. ער האָט געלייענט דעם ווערטערבוכ נאָכאנאנד. די מומעס האָבנ: איכ שטיל פאַראַכט אַז האָבנ מיר רעקאָמענדירט ניט פירנ קיינ כאַווערטע מיט א סאָלדאַטנ. נאָר איכ אונ אָסיע פלעגנ פונ אים ניט אָפּטרעטנ. צוזאַמענ מיט אים פלעגנ מיר גיינ אינ די פערדשטאַלנ היטנ די פערד אונ צוזאַמענ האָבנ מיר געטרוימט וועגנ דאַמפערס.

בא לאַבאַז דא באָזאר אינ צימער האָט געשמעקט מיט פאַרפומעס. שפּינקעס, פלעשעלעכ, קעסטעלעכ, שאַכטעלעכ, קעלישקעס, ציגאַרנפיסלעכ, גלעטיקלעכ האָבנ פאַרפולט דעם פענצטער.

אפנ וואַנט זיינענ געהאַנגענ גרויסע פאָרטרעטנ פונ טראָצקי אונ דער קאָנטראַקטריסע ווערא באַלאָדנאַיא... לאַבאַז איז געווענ איידל, ער פלעגט יעדערנ אָפּטרעטנ דעם וועג אינ ענגנ קאָרידאָר אונ אָפט אונטערקלאַפנ מיט די געלע אָפּצאַסנ. די מומע פונ פיטער פלעגט זאָגנ, אַז ער איז גיבער א מאַרקיז, איידער א מאַרקסיסט...

יעדנ אָוונט פלעגנ צום מאַרקיז קומענ געסט. מיליטערישע דאַמעס אונ ציווילע מענער. די פרייערדיקע שטאַב-פאָטערס אונ באַרעמהאַרציקע שוועסטער. דעמאָלט פלעגט בא לאַבאַז דא באָזאר זיינ זייער טימלדיק. ביז שפעט אינ [illegible] נאַכט פלעגט קרעכצנ די גיטאַרע. לאַבאַז דא באָזאר פלעגט מיט [illegible] ערט קאָל זינגענ וועגנ דעם, ווי דער פראַנצויזישער קייסער [illegible] ביטנ מאַרשאַלעק אינ שאָכ אפנ דיל. די מומע נעכע פלעגט זיכ [illegible] אונ זיפצנ:

— ער איז זייער א וווילער אונ א דערצויגענער מענטש, — פלעגט די מומע זאָגנ, — ער איז, פאַרשטייט זיכ, ניט שולדיק, וואָס ער האָט קיינ קאָל אונ קיינ געשמאַק ניט. נאָר צו וואָס ער זינגט, פאַרשטיי איכ ניט...

איינמאָל האָט לאַבאַז דא באָזאר אָנגעשיקערט דעם קאָמיסאַ. טשובאַרקאָוו האָט זיכ לאַנג אָפּגעזאָגט, נאָר דער מאַרקיז האָט אים איינגערעדט:

— טרינק, — האָט ער אים געזאָגט, — טרינק. דער פּראָלעטאַריאַט האָט ניט וואָס צו פאַרלירנ אויסער זיינע קייטנ...

אָנ א רימענ אונ אָנ די שטיוול, באַמבלענדיק מיט די שטריפקעס פונ די גאַליפע-הויזנ איז דער קאָמיסאַר אַריינ צו אונדז:

— דאָקטער — האָט ער געזאָגט, — איכ ענדיק שוינ דעם דריטנ

באנד פונ דעמ ווערטערבוכ, אונ אלצ... — עכ, מײַנ בורלאקיש לעבנ! אט פארטיק.

אונ דער קאָמיסאר איז געפאלנ. מ'האָט אימ געוואָלט העלפנ אויפ־הייבנ זיכ, נאָר ער איז אויפגעשפרונגענ אונ ארויסגעלאָפנ פונ צימער אינ הויפ ארײַנ. אינ פינפ מינוט ארומ איז דער קאָמיסאר ארײַנ פונ דער גאס־טיר. ער איז שוינ געווענ שטארק פארגארטלט, פארשפיליעט אונ אָפיציעל. זײַנע שפּאָרנ האָבנ געקלונגענ קורצ אונ אָפּגעהאקט. דער קאָמיסאר האָט ארויסגענומענ דעמ נאהאנ. זײַנ פּאָנעמ האָט אויסגע־דריקט א פײַנלעכע קאָנצענטרירטקײַט.

— עמעצער פונ מיליטער־אפּטייל האָט זיכ דא נאָרוואָס ניט אָנ־שטענדיק געהאלטנ, — האָט געזאָגט אויפגערעגט דער קאָמיסאר, — זיכ א שיקערער געוואָלגערט... יאונגז... די רויטע מאכט צו שאנד געשטעלט. ווו איז ער דאָ? גלײַכ אימ ארעסטירנ! אונ פארטיק.

דער קאָמיסאר האָט אימ געזוכט איבערנ צימער. דער טאטע האָט זיכ פארשטעלט דעמ שפּיגל. אונ דער קאָמיסאר האָט זיכ ניט דערזענ. ארויסגייענדיק, האָט ער זיכ אָפּגעשטעלט באמ טיר אונ א פיר געטאָנ פאר דער גאז שטרענג מיטנ פינגער:

— ס'זאָל זיכ מיר מער [illegible] ניט איבערכאזערנ! — האָט געזאָגט דער קאָמיסאר מוסערנדיק עמעצנ, — פארטיק! אונ שא!

## מיט וואָס האָט געשמעקט די זייפ

וועגנ דעמ אומגליק האָבנ מיר זיכ דערוווּסט באנאכט. לאבאזוי־רעבאזאר איז ערגעצ אוועקגעגאנגענ. זיכ באניצנדיק מיט זײַנ אָפּוועזנ־הײַט, איז די מאמע געגאנגענ א קוק טאָנ, צי ס'איז נאָכ גאנצ דאָס געהיימע פערעלע אינ טייטש־קעסטל. דאָס טייטש־קעסטל איז געווענ ליידיק. די זייפ, דאָס געווענלעכע געלט, אונדזערע מאנוסקריפּטנ — אלצ איז פארשוואונדנ. די שוואמבראנער ביידעס האָט מענ צינגאנייעט.

די מאמע אונ דער טאטע האָבנ זיכ אומגעקערט אינעמ עס־צימער. אלע האָבנ זיכ געזעצט צומ טיש. ס'האָט זיכ געעפנט דער פלענומ פונעמ פאמיליע־ראט.

— אט האָט איר אײַכ, אײַער מארקיז, — האָט געזאָגט דער טאטע.

— ס'קאָנ ניט זײַנ — האָבנ אינ איינ קאָל אויסגעשריענ די מי־

מעס — מע וועט לויט זײַנע מאנירנ, אז ער איז פונ א שײנער פאמיליע.

מיטנאמאל האט דער קאמיסאר צוגעמאכט א שליסל אונ „רעקווי-זירט", ווי דאס הייסט זיכ בא זײ... ס'איז א באראבעדישער טיפ!

— מיכ רעגט אופ די פרעכקעס!—האט זיכ געערגערט די מאמע—אונ די זײפ... דאס געלט טוט מיר גארניט באנג... כבוד וועלנ זײ שוינ קײנמאל ניט טויגנ... נארישע פאפירלעכ, וועלכע מ'האט שוינ לאנג געדארפט ארויסווארפנ!

— צו וואס-זשע האסטו זײ באהאלטנ?—האב איכ געפרעגט.

— פונדעסטוועגנ,—האט געזאגט די מאמע,—כ'ווײס, עפעס...

נאכדעם זײַנענ אלע לאנג אינ שטיל געזעסנ ארומ טיש. אלע האבנ געקוקט אפ דער צעראטע. דער אומגליק, האט זיכ געדוכט, ליגט איבער-געצויגנ איבער טיש, ווי א העמד. דער טאטע האט זיכ אופגעהויבנ אינ געמאלדנ, אז ער וועט מיטײלנ אינ טשעקא אונ אינ באזונדערנ אפטײל די מומעס האבנ אנגעהויבנ מאכנ אפ אים מיט־די הענט.

— ביסט פונ זינענ אראפ, — האט געשריגנ די מומע נעסע, — זיכ אנקלאגנ גאזולאניט אפ גאזולאניט. מ'וועט דאכ אייכ אלײנ צונעמענ אונ צעשיסנ...

נאר דער טאטע האט א קלאפ געטאנ מיטנ פויסט איבערנ טיש. די „בריגדולקע" איז שטיל געווארנ. ס'האט אנגעהויבנ זשומענ דאס הענטל פונ טעלעפאנ.

— זײַט אזוי גוט, דעם באזונדערנ אפטײל, — האט געזאגט מיט עפעס א באזונדערנ קאל דער טאטע, — פארנומענ? איז פארבינדט מיט דער טשעקא.

— שטיזער,— האט זיכ דערשראקנ די מומע נעסע. זי פלעגט ארויסרײדנ דאס דאזיקע ווארט שושקענדיק.

אינגיכנ זײַנענ געקומענ צוויי מענטשנ. בײדע הויכע, טונקלהויטיקע, מיט שווארצע וואנצעלעכ, ענלעכ אפ שאפערנ. דער טאטע האט ווענ דעמ געגעבנ צו וויסנ טשעבאראקאווע. צוזאמענ מיטנ קאמיסאר זײַנענ אלע ארײַנגעגאנגענ צו לאבאז דא באזאר. דער מאגאזינ איז שוינ געווענ אינ דער הײמ. אפ א ווײַלע האט ער זיכ פארלארנ, נאר גלײַכ זיכ באַ-הערשט אונ מיט דער געווײנלעכער אומגעצווונגענקײט באגריסט די אומגעריכטע געסט.

— ביטע ווייטער, — האט ער געזאגט. — פרעגט וואָ פּליאַס, — ווי מע זאגט. ביטע. כ'קאָן אײַך מיט עפּעס מעכאַבער זײַן...

מ'האָט געמאַכט אַן אונטערזוכונג.

פונקט איבערגעקערטע טשעמאָדאַנעס זײַנען אַרויסגעפאַלן שטיקלעך זייף.

— אונדזערע — האָט געזאָגט דער מאַטנ.

— אַנטשולדיקט. ס'איז מײַן זייף, — האָט געענטפערט דער מאַר־קיז.

די ניקאַלײַעווער הונדערטער זײַנען געווען איבערגעמישט מיט עפּעס פּאַפּירן און צייכענונגען. אַביע האָט א קוק געטאָן אף מיר, און איך אף אים. א „בריוו צום קייסער" — האָט איבערגעלייענט דער מענטש מיט די וואָנצעלעך, איבערבלעטערנדיק די פּאַפּירן, — „מילכאָמע פּלאַן", „פּלאַן פון דער שטאָט פּ", „געהיימער באַפעל", ליסטע פון די פאַר־שווערער".

— וואָס איז דאָס? — האָט ער א פרעג געטאָן באַם מאַרקיז.

— איך ווייס ניט... — איז בלייך געוואָרן דער מאַרקיז, דער־זענדיק, אז דאָס שמעקט מיט עפּעס ערגערס, ווי מיט זייף.

— פונוואַנען זשע קומט עס צו אײַך?

— איך ווייס ניט... אף מײַן ערנוואָרט, באַזוער. — דאָס אַלץ איז ניט מײַנס... די זייף איז אויך ניט מײַנע. איך ווייס פון גאָרנישט.

דער קאָמיסאַר איז צוגעגאַנגען נאָענט צום מאַרקיז. דער קאָמיסאַר האָט אים שטילערהייט געזאָגט א זידלוואָרט, געגעבן ווי א שפּײַ אין פּאָנעם.

פּלוצעם איז אָסיע אַרויס פאָרויס. איך האָב געווונקען, כ'האָב גע־דרייט מיט די אויגן, ווי א פּאַפּירענער געגער. נאָר ער האָט ניט געזען.

— ס'איז אונדזערס! — האָט אָסיע געזאָגט, — זאָל ער אומ[illegible] צידיק, אויב ער האָט גענומען.

די טשעקיסטן האָבן באַטראַכט די צייכענונגען. זיי האָבן זיך פיל־[illegible] איבערגעקוקט.

— מ? — האָט איינער אויסגעבורטשעט פרעגנדיק.

— אומהו — האָט דער צווייטער געענטפערט באַשטעטיקנדיק.

— באַוויירימ! — האָב איך געזאָגט — מיר האָבן זיך פּאַשעט גע־שפּילט און באַהאַלטן אין דער זייף. מער גאָרניט.

— מירן דאָרטן זען. — האָבן זיי געענטפערט.

מיר האָבנ נאָכדעמ געהערט, ווי איינער פונ זיי האָט גערעדט אינ טעלעפאָנ־טרויבל.

— הערסט? דאָס רעדט שראַגע. כ'האָב אימ פאַרהאַלטנ. יאָ, נעפּי־נענ און ער האָט זיכ מוידע געווענ. נאָר מיר האָבנ דאָ געפונענ אייניקע אינטערעסאַנטע זאַכנ. יאָ, יאָ. די יאַטנ זאָגנ ס'איז ווייערס. יאָ. איכ גלייב נית. וואָס? ביידנ? רעכטס!—אונ א קלאַפּ געטאָנ מיטנ הייבעל, ווי מיט אָפּצאַסנ.

נאָכדעמ האָט ער זיכ ייגנ עפּעס באַראַטנ מיט טשובאַרקאָווו. טשו־באַרקאָוו האָט פאַרלאָזנ א קוק געטאָנ אַפּ אונדז.

— ליאַליע! אָפּיע—האָט געזאָגט דער קאָמיסאַר,—הנדא, מירנ זיכ א ביסל דורכפאָרנ אינ דער מאַשינע! אַפּ אנ אווטאָמאָביל! דער נאַ־טשאַלניק בעט אײַכ זייער. זאָלנ זיי, זאָגט ער, ליאַליע אונ אָפּיע אַליינ קומענ אונ דערציילנ אַלס, וואָס זיי ווייסנ וועגנ די פּאַפּירלעכ. אונ פּאַר־טיק. איכ וועל זיכ דורכפאָרנ אינאיינעמ מיט אײַכ. איז אָפּגערעדט. הא! — פאַרטיק.

די מומעס זײַנענ געפאַלנ אינ באַלאָטעס. איינע נאָכ דער אַנדערער. מיר איז אויכ עפּעס געוואָרנ נית צומ מיט. א גרויסער אויטאָמאָביל האָט אונדז אוועקגעפירט אינ טשעקאַ. מיר האָבנ זיכ דערפילט אַלס שוואַכ־בראַנער. מיר האָבנ געפילט צומ אָרט פונ דער פאַסירונג.

# די שוואַמבראַנער באַזוכנ די טשעקאַ

אינ קאַבינעט איז געווענ שטיל. צוויי מענטשנ האָבנ זיכ איבערגע־בויגנ איבער די פּאַפּירנ. דער טישלאָמפּ האָט זיכ אָפּגעשפּיגלט אינעמ גלאַנציק אָפּגעגאָלטנ קאָפּ פונ איינעמ א דיקנ מיט ברילנ. דער צווייטער איז געווענ א לעט. זײַנע ווײַסלעכע וויִעס האָבנ געמערירט.

— נומ, יאַטוצנ, — האָט געזאָגט דער באַבריליטער, — זעצט זיכ אוועק. — דערציילט וועגנ די פּאַפּירנ.

די האָט אוועקגעזעצט אָפּיענ אַפּנ טיש. אַפּנ טיש איז געלעגנ א

— ...עלאָדענער? — האָט ערנסט א פרעג געטאָנ אָפּיע. ווער זײַט איר? דער הויפּט־טשעקיסט? יאָ? טאָ הייסט אימ אַנדערי אָפּגעבנ די פּאַפּירלעכ, ווײַל מיר האָבנ געמאָלט, געמאָלט...

— באַלד וועלנ מיר אַלצדינג איינאָרדענענ, — האָט געזאָגט דער

באבריליטער. — נאר דערפאר זאגט אונדז אויס דעמ גאנצנ עמעס! ניט?

דער לעט האט געלייענט די שוואמבראנער מאנוסקריפטנ. מיר איז געווארנ זייער ניט אָנגענעמ.

— נארישקייטנ! — האט געזאגט דער לעט און האט איבערגעגעבנ די פאפירנ דעמ באבריליטנ, וואס האט זיי גענומענ אופמערקזאמ באטראכטנ.

— וואס איז דאס פאר א שטאט פּ? — האט געפרעגט דער גראָ־בער.

— דאס איז פּאָרט או פּייא — האב איכ געגעבנ צו פארשטיינ, דאס איז א פּאָרט בא דער שטאט פּייא.

— ווו איז דאס פאראנ אזא שטאט? — האט זיכ פארוואונדערט דער נאטשאלניק.

— אינ שוואמבראניע, — האט אָסיע געענטפערט פאר מיר, — דאס איז א לאנד אפ צופליעבנ. ליאָליע האט עס אליינ אנטדעקט. מיר שפּילנ אינ דעמ דאס גאנצע לעבנ.

— אָט וואס פאר א קאָלומב רייַנ ליאָליע איז, — האט געזאגט דער נאטשאלניק, — אבער אויב דאס איז א שפּיל, איז צו וואס־זשע האט איר געדארפט באהאלטנ אָט די דאָקומענטנ?

— צוליב געהיימעניש, — האט געזאגט אָסיע, — ווייל וואס ס'איז געהיימער, אלצ אינטערעסאנטער איז דאס.

דעמאלט האט אונדז דער פארינטערעסירטער נאטשאלניק געבעטנ דערציילנ אלצ וועגנ אונדזער „שוואמבראניע". מיר האבנ [illegible]ייבנ ניט געוו[illegible]נ, נאר די אלטע שפּיל האט אונדז פארכאפט. מיר ה[illegible] איבער־שלאגנדיק איינער דעמ צווייטנ, אָנגעהויבנ באשרייבנ דאס לעבנ אפנ קאָנטינענט פונ גרויסנ צאָנ. מיר האבנ אימ געגעבנ צו פארשטיינ דעמ הערב אינ די קארטע, אויסגערעכנט אלע מיטגלידער פונ ברענאבאָרמ דינאסטיע, באשריבנ די מילכאָמעס, רייַזעס, רעוואָליוציעס און טשעמפּיאָנאטנ. אָסיע האט זיכ אפילו דערמאָנט די פאמיליע פונעמ לעצטנ שוואמבראנער מיניסטער פונ אויסערלעכע איניאָנימ. מיר האבנ זיכ אופגעהויבנ און אָפגעזונגענ דעמ שוואמבראנער הימנ. מיר האבנ זיכ שוינ אפילו געקליבנ פארפירנ א קריג וועגנ די לאצטע בעסוילעמ־רע־פארמעס, נאר...

דער נאטשאלניק האט געלאכט. דער געלעכטער האט אימ ניט אָפּ־

געלאָזנ. ער האָט זיכ געקעמט לאַכנדיק, פאַרקאַטשעט, געווישט זיכ די אויגנ. ער האָט זיכ הילכיק געפּאַטשט איבערנ אָפּגעגאָלטנ שאַרבנ און גע-דרייט מיטנ קאָפּ, זיכ וועלנדיק באַפרייענ פונעם פליצעמדיקנ געלעכטער.

ס'האָט געלאַכט דער בייזער לעט. —

איכ און אַסיע האָבנ געקוקט אַפ זיי באַליידיקטע. נאָכדעם האָבנ זיי אָנגעהויבנ שמייכלענ, און באַלד האָבנ מיר זיכ אויכ צעלאַכט.

— אַכ! מיט אייכ דאַרפ מענ קיינ טעאַטער ניט! — האָט געזאָגט דער שוינ פאַרמאַטערטער נאַטשאַלניק, — כ'האָב געמיינט, אַז כ'וועל שטאַרבנ... אַכ, ווי רופט איר אים... ברענאַבאַר? אוי, ווי זיי האָבנ דאָס צוגעטראַכט... ס'איז דאָכ אַ גאַנצע סיסטעמ! פייגערנ קענ מענ!.. נו, — האָט ער מיטאַמאָל ערנסט אַ פרעג געטאָנ — ס'איז שווער אַנפירנ מיט אַ מעלוכע?

— נישקאָשע, — האָבנ מיר געענטפערט, — מיר פירנ אָנ ביסלעכ-ווייז, כאָטש ס'טרעפט זיכ אַמאָל, אַז מע קענ זיכ ניט פאַנאַנדערקלייבנ.

— אָבער צו וואָס האָט איר דאָס אַלצ געדאַרפט? — האָט געפרעגט דער נאַטשאַלניק.

דאָס איז געווענ אַנ ערנסטע פראַגע. כ'האָב אָנגענומענ אַ פולע ברוסט מיט לופט.

— מיר טרוימענ, — האָב איכ געזאָגט, — אַז ס'זאָל זיינ שיינ. באַ אונדז אינ שוואַמבראַניע איז זייער גוט! ניט ווי דאָ, אומעטומ איז ברוקירט, און אַלע האָבנ מוסקולנ — אָט אַזעלכע! די יאַטנ זיינענ פריי פונ די עלטערנ. היינט צוקער איז פאַראַנ — וויפל דו ווילסט. לעקציעס זיינענ זעלטנ און קינאָ — אַלע טאָג. דער וועטער — שטענדיק זונ, און ס'איז קיל. אַלע אָרעמע — זיינענ רייכע. אַלע זיינענ צופרידנ. און קיינ לייז איז ניטאָ.

— עכ יאַטנ מיינע — האָט ערנסט און וואַרעמ אַ זאָג געטאָנ דער נאַטשאַלניק. — ניט טרוימענ דאַרפ מענ, נאָר טאָנ, באַ אונדז וועט אויכ זיינ ברוקירט, און מוסקולנ וועלנ אַלע האָבנ און קינאָ וועט זיינ אַלע טאָג. די לעקציעס וועלנ מיר אָפּשאַפנ, און די לייז וועלנ מיר פאַר-ניכטנ. וואַרט צו! גיכ דערציילט מענ אַ מייסעלע, נאָר ניט גיכ ווערט אַ לעבנ איבערגעבויט. נאָר דאָ דאַרפ מענ ניט טרוימענ, נאָר אַרבעטנ דאַרפ מענ... נאָר ניט איצט איז די, צייט פאַרנעמענ זיכ מיט דערציִונג. ס'איז שוינ נאַכט. שפּעט. דער קלייניקער שוואַמבראַנ גענעצט שוינ: נאָכ אַ ביסל און ער וועט דעמ גאַנצנ קאָנטינענט איינשלינגענ. און

אײַער מאַמע, באַאומרויִקט זיכ אַוואַדע. באַלד וועל איכ איר אינ טע־לעפאָנ אָנקלינגענ.

דער נאַטשאַלניק אַליינ האָט אונדז אָפּגעפירט אַהיימ. באַמ געזע־גענענ זיכ האָט ער דערלויבט אָסיענ א הודע טאָג מיט דער אַווטאָמאָ־ביל־סירענע.

דער נאַטשאַלניק האָט געזאָגט לאַבנדיק, אַז ער איז זייער צופרידנ, וואָס ער האָט זיכ באַקאַנט מיט די פאָרשטייער פונ שוואַמבראַניע־שייוועט.

ער האָט אונדז רעקאָמענדירט, וואָס גיכער אײַנצופירנ ראַטנמאַכט אינ שוואַמבראַניע אונ נאָכדעמ אַוועקוואַרפנ דעמ טרוימענ אונ העלפנ בע־סער מאַכנ ווירקלעכע טראַקטוירנ.

— אונ וואָס האָט איר געטאָנ מיט לאַבאַזדאַ באַזאַר? — האָב איכ געפרעגט, ווערנדיק אײַנגאַנצנ היימיש מיט אימ.

— מיר וועלנ אימ אַוועקשיקנ לעבנ אינ... ווי רופט איר זי? — ליגוווי־ניקע, — האָט געזאָגט דער נאַטשאַלניק. — ער האָט זיכ דאָס אויכ אַליינ אויסגעטראַכט. נאָר זיכ אויסגעטראַכט מיטעמ אונ געשפּילט אונ זיכ אָפּ געלט... נו, האָט מיר א גוטע נאַכט, יאַטוצנ! איכ ווינטש אײַכ שוואַמ־בראַנער באַלוימעס אונ א גוטע וואָר! —

# א נײַע ראַכוועס פאַר בלאָנדזשעניש

מ׳האָט אונדז ווידער איבערגעזעצט. מ׳האָט אונדז געגעבנ א דירעלע אַפּ דער ווײַטער אַטקאַרסקער גאַס.

— דאָס אַריבערפאָרנ איז צוזאַמענגעפאַלנ מיט נײַע ענדערונגענ אינ שוואַמבראַניע. ס׳זײַנענ ווידער פאָרגעקומענ ענדערונגענ אַפּ דעמ דאָזיקנ אינדזל, וואָס בלאָנדזשעט זוכנדיק דעמ אייננהײַטלעכנ אונ אוניווערסאַלנ עמעס. גאָכנ באַזוכנ די טשעקאַ, זײַנענ מיר שוינ נאָענט געווענ צומ ציל פונ אונדזערע וואָגלענישנ אינ דער וועלט. נאָר א נײַע, נאָר א נײַע לײַדנשאַפט האָט זיכ צוגעבלאָנקעט צו שוואַמבראַניע. נאָכ דרײַ טעג האָבנ מיר געהאַלטנ דעמ דאָזיקנ אוצר פאַר דער אַנטפּלעקונג פונעמ עמעס.

דאָס איז געווענ טעאַטער. אינ פּאָקראָווסק האָט זיכ געעפנט א שטאָט־טעאַטער אַפּ לונאַטשאַרסקיס נאָמענ. ער האָט זיכ אײַנגעעפנט: אינעמ געוועזענעמ קינאָ „פּראָבוזשדעניע“. די טרופּע איז באַשטאַנענ פונ פּעטערבורגער אונ מאָסקווער אַקטיאָרנ. זיי האָבנ פאַרביטנ דעמ

צווייפלהאַפטנ גרויסשטאָטישנ רום אַפ אַ מאַמאָשעסדיקנ פּראָווינציעלנ פּאַק. די פּאַמיליעס פונ די אַקטיאָרנ האָבנ אונדז גלײַכ צוגעצויגנ מיט זייער בעעמעס שוואַמבראַנער עלעגאַנטקײַט: ענריטאָנ, בייגאַר, פּאַלאַניטש, וואָקאַר... עמעס, ווי ס'האָט זיכ נאָכדעם אויסגעלאָזנ, זײַנענ אייניקע פּאַמיליעס פּאַשעט געשריבנ געוואָרנ אַפ פּאַרקערט. צומבײַשפּיל וואָקאַר האָט אינ פּאַס געהייסנ ראַקאָוו.

צווישנ די אַקטיאָרנ האָט זיכ אויסגעטיילט דער טאַלאַנטפולער באַלמסקי. דאָס איז געווענ אַנ אוניווערסאַלער מענטש.

באַלמסקיס ספּעציאַליטעט זײַנענ געווענ אויסוואָרפנ אונ באַפּאַלעאָנענ. אויסער דעם איז ער געווענ אַ דראַמאַטורג אונ אַ מאָלער. דער שטאָטראָט האָט אים באַפטראָגט באַמאָלנ אינוויינִיק די טעאַטער־געבײַדע. אַפ די ווענט פונעם צושויער־זאַל האָבנ זיכ באַוויזנ קענטאַוורענ (מענטשנ־פערד), טרובאַדורנ, מוזעס, וואַרזאָגער אונ אַנדערע טײַוואָלאָנים. באַלמסקי געהערט צו די מענטשנ, וואָס ווערנ פאַרכאַפּט, באַגײַסטערט. ער האָט ליב געהאַט עקסטרעמקײַטנ. איינע האָט ער מיטנ קאָפּ פאַרפּאַקעוועט אינ אײַזערנע פּאַנצערס, אונ אַנדערע האָט ער קיינ פּיצל מאַנופאַקטור ניט געגעבנ. די לײַבער האָט ער געמאַכט ליכטע־פאַרביקע. דאָס האָט זייער אַנטשפּרעכט דער אַרקטישער קעלט, וואָס האָט געהערשט אינ טעאַטער. באַם אַרײַנגאַנג האָט באַלמסקי אָנגעמאָלט ווענוס פונ מילאָס. לויטנ פאַרשריפט פונ שטאָטראָט האָט ער געגעבנ דער געטנ אַ פאַרהענט. אַפנ פּיעדעסטאַל איז געווענ אָנגעשריבנ: „זייט נאָר דאָס קלוגע, דאָס גוטע, דאָס אייביקע. ס'וועט אַ דאַנק אײַכ אַ האַרציקנ זאָגנ דאָס אַרבעטער־פאָלק”.

די פּאָקראָווסקער אײַנוווינער זײַנענ געבליבנ אומצופרידנ מיטנ באַמאָלנ דעם טעאַטער.

— פּאַרטייער, אונ מאָלנ נאַקעטע,— האָט גערעדט דער אוילעמ,— אַנ עמעסע באָד אונ ניט קיינ טעאַטער.

— פוטוריזמ! — האָט געגעבנ צו פּאַרטייניג טשובאַרקאָוו. — נאָר קליידער איז אַפ זיי אַ ביסל צו ווייניק... פאַרנ קלײנוואַרג איז אַ ביסל ניט אָנגענעמ... כאָטש דאָס וויכטיקסטע איז צוגעדעקט.

די פּעטערבורגער מומע, האָט זיכ אויסגעלאָזנ, איז נאָר אַ פאַרברענטע אַנהענגערנ פונ טעאַטער. מיט איר האָבנ מיר ניט דורכגעלאָזנ קיינ איינ פּרעמיערע. אינגיכנ האָבנ מיר שוינ געקענט אינ פּאָנעמ אונ אויכ פּלייצע יעדנ אַרטיסט. דער טעאַטער האָט אונדז פאַרכאַפּט.

אונדז איז אלץ געפעלנ געווארנ אינ אים: דער גאנג, די אנטראקטנ, די ריי בא דער קאסע...

דער טעאטער איז דעמלט געלעגנ געווענ אפ א וואקזאל. די פארשטע־לונגענ פלעגנ פארשפעטיקנ ווי צונג. אפנ דיל פלעגנ זיכ קארטשענ קערטלעכ פונ ציגארקעס, יאדערנ האבנ געקנאקט אונטער די פיס, ווי לײז. די צושויער פלעגנ זיצנ מיט פעלצנ מיט איפגעשטעלטע קאלנערס. אפלאדירנ פלעגט מענ שרעקלעכ, כאטש די הענטשקעס פלעגנ א ביסל פארטויבנ די פאטשעניש. ביים דער פארשטעלונג האט זיכ דער מעשו־פעדיקער דיל פונ צושויער־זאל די גאנצע צײט געטרייסלט. דאס האבנ די צושויער שטילנקערהייט געקלאפט מיט די פיס קעדיי א ביסל דער־ווארעמענ די פאדעשוועס.

— אוי, ס'ארא היץ, ס'ארא שטיקעניי. — פלעגט זאגנ אפ דער סצענע די קייסערינע, פאכענדיק מיטנ ווייער. פונעמ מויל האט איר געזעצט א פארע, ווי פונ א סאמאוואר. אונ אונטער איר מוסלינ האט זיכ דורכגעזעענ דאס ווארעמע לײבל.

פונעמ ביכל האט זיכ געריבערט דעמ סופליארס שעפטשעניי.

פונ די צושויער האט געשמעקט מיט נאפטאלין. פארנ באזוכנ דעמ טעאטער פלעגט מענ אונדז פונ דער ברייטער האנט באגיסנ מיט אט דער שטיקענדיקער דעזינפעציר־פליסיקײט. אונ ווענ מיר פלעגנ זיכ אומקערנ, פלעגט מענ אונדז באקוקנ אינ פארעד־צימער מיט א ליכט. אונ מע פלעגט אראפנעמענ לײז.

## שוואמנראניע פאר גרויסע

„די „גרינדולקע“ פלעגט אויכ אמאל באזוכנ אונדזער טעאטער אונ נאכדעמ פלעגט זי א גאנצע וואכ קריטיקירנ. די מומע סערע האט מענ איינמאל שיר ניט אנגעשלאגנ. מע האט נארוואס געעפנט דעמ פארהאנג, אונ פונ הינטער די קוליסנ האט א בלאז געטאנ א צוג־ווינט. פונ די ערשטע רייענ האט זיכ דערהערט דער מומעס קאל: —

— פאחמאכט! עס בלאזט דאכ, — האט געזאגט די מומע, פונקט ווי דער פארהאנג וואלט געווענ עפעס א פארטקע. אלע צושויער האבנ זיכ באליידיקט.

מיר האבנ געבאלעשט א קוק צו טאג פונ יענער זײט פארהאנג. גרישקע פיאדאראוו, דער זונ פונעמ טעאטראלנ פאריקמאכער, א גוטער

אונ אנ אײנפלוסרײַכער מענטש, האָט אונדז אַרײַנגעפירט אינ דער קיכ פונ די װוּנדער. מיר זײַנענ דערשטױנט געװאָרנ פונ דער גראָבער ניט־עכטקײט פונ די בוטאַפאָריע־זאַכנ, פונ די שפּילצײַג־פּרוכטנ אונ די לײַװנטענע האָריזאָנטנ. דאַגעגנ זײַנענ מיר געװענ אַנציקט פונ די דערװאַקסענע מענטשנ, װאָס שפּילנ יעדנ טאָג אינ פרעמדע לעבנס. דאָס איז געװענ נאָכ בעסער פונ שװאַמבראַניע.

אינ זאַל, איבער דער סצענע איז געװענ אָנגעשריבנ: „די װעלט איז א טעאַטער, די מענטשנ זײַנענ אַרטיסטנ (שעקספּיר)". דער דאָזיקער אַפאָריזמ איז געװאָרנ דער נײַער דעװיז אפנ שװאַמבראַנער הערב. די שװאַמבראַנער זײַנענ אַװעק אפ דער סצענע. די װעלט איז איצט צעשפּאָלט: געװאָרנ אפ אַרטיסטנ אונ צושױער, אונ דער פּאָר־ראַװוסקער טאָג האָט זיכ אױסגעדרוכט װי א צו לאַנגער אַנטראַקט.

— די קונסט װענדט אונדז אָפ פונעמ גרױענ טאָג־טעגלעכנ לעבנ, — פלעגנ זאָגנ די מומעס, — זי טראָגט אונדז אַריבער אינ דער װעלט פונ שײנע געשטאַלטנ.

נאָכדעמ פלעגנ זײ זיכ אַמפּערנ װעגנ דער האַנדלונג פונ פאַרשײדענע העלדנ פונ נעכטיקנ ספּעקטאַקל. זײ פלעגנ באַשולדיקנ אָט די אױסגעטראַכטע מענטשנ, זײ פאַרטײדיקנ, ליב האָבנ, אונ פײַנט האָבנ, פּונקט װי איכ אונ אָסיע, װענ מיר פלעגנ זיכ שפּילנ אינ שװאַמבראַניע. אונ מיר זײַנענ געקומענ צומ אױספיר, אַז קונסט — דאָס איז שװאַמבראַניע פאַר דערװאַקסענע. זײ האָבנ געשפּילט אינ איר ערנסט.

אײנמאָל, בײם דער פאָרשטעלונג „אונטער־שטערנ", איז פאַרלאָשנ געװאָרנ די עלעקטרע. דער ספּעקטאַקל איז געגאַנגענ װײַטער בײַ קעראָסינ־באַלײַכטונג. די לאָמפּנ האָבנ געטשאַדעט דעמ הימל, װאָס איז געװענ אָנגעמאָלט מיט קלײפּאַרב.

ס'איז געגאַנגענ די לעצטע סצענע פונ דער פּיעסע. דער פּאָטער האָט באַשלאָסנ דערהאַרגענענ זײַנ טאָכטער. דער טאַטע האָט גענומענ דעמ רעװאָלװער.

אינ דעמ מאָמענט האָב איכ באַמערקט, װי אײנ לאָמפּ, װאָס שטײט אפ דער אַװאַנסצענע, טשאַדעט זײער. דער פלאַמ האָט זיכ אױפגעהױבנ איבערנ גלעזל, װי א דינער פאָנטאַנ. דער פּאָטער האָט זיכ דערנענטערט צו דער טאָכטער. דער פלאַמ האָט שױנ דערלאַנגט צומ ברעג פונ לײַװנטענעמ פּאַװיליאָנ. דער פּאָטער האָט אױפגעהױבנ די האַנט מיטנ רעװאָלװער. די דעקאָראַציע האָט זיכ געקאָנט אָנצינדנ יעדער מינוט.

די טאַבעטער האָט זיכ געבראַכנ די הענט. איכ בינ זיכער, אז זייער א סאַכ צושויער האָבנ געזענ, ווי דער לאָמפּ דראָעט מיט א סרייפע. נאָכ די טאַבעטער איז געפאַלנ אַפּ די קני, אונ די צושויער האָבנ געשוויגנ. זיי האָבנ מוירע געהאַט קאַליע מאַכנ דעם מאַכה. שוואַמבראַניע האָט געזועלטיקט אינ זאַל. דער פּאַטער האָט א קנאַק געטאָנ מיטנ אָנגעצונ-גענעמ ציינגל. די דעקאָראַציע האָט זיכ אָנגעהויבנ רויכערנ.

— איז שטאַרב-זשע, אומגליקלעכע! — האָט אויסגעשריגנ דער טאַ-טע.

— דער לאָמפּ טשאַדעט, — האָב איכ אויסגעשריגנ, אַראָפּוואַרפנ-דיק פונ זיכ די פאַרכאַלעמטקייט. דער פלינקער אַקטיאָר האָט זיכ אַפּ א האָרעלע ניט פאַרלאָרנ. מיט איינ האַנט האָט ער פאַרדרייט דאָס קנייטל אונ מיט דער צווייטער פאַרענדיקט די פּיעסע.

דער טעאַטער איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרנ. נאָר מע האָט נאָכ ניט באַוויזנ אַראָפּצולאָזנ דעם פאָרהאַנג, ווי די שכיינים האָבנ זיכ אַרופגע-וואָרפנ אויפ מיר, זיי האָבנ געשריגנ, אז קיינ יינגלעכ טאָר מענ ניט אַריינלאָזנ אינ טעאַטער. זיי האָבנ געטענהט, אז איכ האָב געמעגט צוווארטנ מיט מיינ אידיאָטישנ אויסגעשריי, ווײַל איצט האָט זיכ באַ-קומענ ניט קיינ מאָרד, נאָר עפּעס א קאָמעדיע, פאַר וועלכער ס'האָט ניט געלוינט צאָלנ קיינ געלט.

## כ'וויס שוינ, וואָס ס'איז „שיטיק"

**... אונ איכ האָב זיכ אַלעפבייז געלערנט פונ שילדנ...**

צוויי זאַכנ האָבנ מיכ שוינ לאַנג פאַרינטערעסירט אונ געמאַטערט. עטלעכע יאָר האָב איכ זיכ געפּרואווט קלאָר מאַכנ זייער ווירקלעכנ צוועק. דאָס זיינענ געווענ: א אַלטער לאָקאָמאָביל, וואָס איז אײַנ-געוואַקסנ געוואָרנ אינ דער ערד אַפּ „סקוטשנער-גאַס", אונ דאָס גע-היימע וואָרט „שיטיק", וואָס 'איז דערמאָנט געוואָרנ אינעמ באַוווּסטנ קאַרטנ-פּאַקוס. אונ אָט האָב איכ זיכ דערוווּסט, וואָס איז אַזוינס שיטיק.

א פּאַשעטע שילד האָט עס דערשיפרירט. די שילד, האָט זיכ אויס-געלאָזנ, ווייסט א סאַכ מער, ווי די לערער פונ דער גימנאַזיע א-עד דער ענציקלאָפּעדישער ווערטערבוכ. כ'האָב ניט געגלייבט מיינע אויגנ, אַפּ איינער פונ די הייזער פונ דער געוועזענער ברעשקע, פונ איצטיקנ קאָ-מונאַרנ-פּלאַץ האָב איכ איבערגעלייענט „שיטיק". איכ בינ צוגע-

לאָפנ נעענטער און איבערגעלייענט: „שטאַט־אינסטיטוט פונ טעאַטער און קינאָ".

פּאַקראָווסק איז מעשוגע געוואָרנ אפ טעאַטער. אַלע האָבנ געשפּילט. „טראַטרטשאָס", „אואַפּפּאַלקאַמבילד", „אופּראָרקאָם", „וואָלגעראז־גרוז" — אַלע האָבנ געהאַט אייגענע ליבהאָבער־טרופּעס. ס'איז פול געוואָרנ מיט טעאַטראַלע סטודיעס. נאָכדעמ האָבנ זיכ אַלע סטודיעס פאַראייניקט אונטער דער שילד „שיטיק". באַמ „שיטיק" האָט זיכ געעפנט א קינדער־סטודיע. אַזוי ווי אינ שול האָט מענ ניט געלערנט, האָב איכ און אַסיע זיכ פאַרשריבנ אַהינ. נאָכדעמ זיינענ צו אונדז צוגעשטאַנענ סטיאָפּקע אַטלאַנטידע און טאַיע אַפּילאָווע. מיר האָבנ געגרייט צומ אופירנ די פּיעסע „פּרינצ פּאַרק—רע—פּאַרקאָס". דער דאָזיקער פּרינצ וואָס איז געווענ פאַרליבט אינ א פּרינצעסנ. אָבער מאַמע די קייסערינע איז געווענ א גרויסהאַלטערקע און ביכלאַל א טויגעניכטס. האָט מענ דעמ פּרינצ דורכגעטריבנ. נאָכדעמ האָט דער פּרינצ פאַרקישעפט א שוואָמ, איז פונעמ שוואָמ אַרויסגעקראָכנ א פּייע און געגעבנ דעמ פּרינצ אַנ אבריקאָס. האָט די קייסערינע אופגעגעסנ דעמ אבריקאָס, איז בא איר אויסגעוואַקסנ א גוואַלדאָוונע נאָז, און אַפנ אינדזל ראָדאָס, ווו ס'האָט געוווינט פּאַרק־רע־פּאַרקאָס... מיט איינ וואָרט, נאָכ א סאַכ שוועריקלעכ האָבנ זיכ דאָרט געענדיקט אַפ „יאָ".

די פּרינצעסנ האָט געשפּילט טאַיע אַפּילאָווע. איכ האָב זיכ שיער ניט צעקריגט מיט סטיאָפּקענ איבער דער ראָליע פונעמ פּרינצ, דערפאַר, ווייל נאָכ דער האַנדלונג נאָכ, האָט זיכ דער פּרינצ געדאַרפט דערקלערנ אינ ליבע דער פּרינצעסנ, און די פּרינצעסנ, האָבנ מיר גערעכנט, וועט זיכ אַנשטויסנ, אַז דאָס איז ניט נאָר צוליב דער האַנדלונג אינ דער פּיעסע...

דער רעזשיסער קראַמסקוי האָט געגעבנ די ראָליע סטיאָפּקענ. ער האָט געזאָגט, אַז סטיאָפּקע איז עלטער און העכער פונ מיר, און אַז זיינ שטימ איז א מער מענלעכע. פּונקט ווי איכ וואָלט קלוימערשט ניט געקאָנט ריידנ באַסאָווע, ווענ איכ זאָל וועלנ. מיר האָבנ איינגעגעבנ: פּאַרסונאַוונ נעמענ די ראָליע פונעמ קישעפמאַכער. גרימירט האָט אונדז גרישקע פּיאָדראָוו—א ליבהאָבער זונ פונעמ עמעסנ פּאַריקמאַכער פונעמ עמעסנ טעאַטער.

אינ אָוונט, אינ טאָג פונ ספּעקטאַקל, זיינענ מיר אורעט אינ „שי־טיק". איכ האָב געשפּילט דעמ הויפּטבלאַונ, אַסיע — דעמ שטומענ

גנאָמ. ביידע האָבנ מיר זיכ גערוהווירט. דער זאַל האָט אומגערולדיק גע־
הודיעט הינטערנ פאָרהאַנג, א געפערלעכער, אַנ אָפּשפּעטערישער אונ
אַנ אומבאַקאַנטער. ס'איז שוינ צייט געווענ אָנצוהייבנ, נאָר ס'איז
נאָכ ניט געקומענ סטיאָפּקע אונ פּאַרסונאַוו. דער רעזשיסער האָט זיכ
נערווירט אונ ארומגעשפּאַנט הינטער די קוליסנ. צייט אָנצוהייבנ —
האָט געטופּעט דער זאַל אונ געשריענ. סאַפּקאָלסאַפּ זיינענ זיי געקומענ.

— ליאָלקע, זיי געזונט! — האָט געזאָגט סטיאָפּקע, — א מאָבי־
ליזאַציע פונ קאָמונ'יבטנ. מיר גייענ אַפּנ פראָנט... אונ איכ ווי א פריי־
וויליקער. זיכ קוים־קוים איינגעבעטנ. „צו יונג" — זאָגט מענ. נאָר
פונדעסטוועגנ גענומענ. באַלד גייט אָפּ דער עשעלאָנ. זיי מיר געזונט!

מיר האָבנ זיכ פעסט געדריקט די הענט, סטיאָפּקע האָט געשוויגנ,
אונ נאָכדעמ האָט ער זיכ אויסגעהוסט.

— מאַיענ, ווייזט אויס, וועסטו שוינ אַליינ באַגלייטנ — האָט ער
מיר א זאָג געטאָנ, — ס'אַרט מיכ ניט, זאָל זיינ אַזוי. נאָר אַנדערע,
בעט איכ דיכ, זאָלסטו אָפּשטויסנ...

דער זאַל איז שיער ניט צעשפּרונגענ געוואָרנ. פּאַרסונאַוו, מיטנ רוק־זעקל
אַפּ דער פּלייצע איז ארויסגעטראָטנ פארנ פאָרהאַנג. דער זאַל איז שטיל
געוואָרנ. פּאַרסונאַוו האָט פאַריכט אַפּנ אַקסל דעמ רימענ פונ זאַק.

— די פאָרשטעלונג ווערט אָפּגעלייגט, — האָט געזאָגט פּאַרסונאַוו.

— אַפּ ווענ? — האָט אָנגעהויבנ שרייענ דער זאַל.

— ביזוואַנענ מיר וועלנ צעקלאַפּנ די ווייסע! — האָט געענטפערט
פּאַרסונאַוו.

## דער הויפּט-מאַנצבל

איינ א טאָג ארומ איז דער טאַטע אָפּגעפאָרנ אַפּנ אוראַלער פראָנט.
דער טאַטע איז געפאָרנ אינעמ אומפאַרמיידלעכנ טיפוס ארייננ. דעמ
פראָנט האָט געטאָטשעט די טיפוס־לויז. די מאַמע מיט די מומעס האָבנ
אימ צוגעגרייט דריי פולע טשעמאָדאַנעס. ער האָט זיכ פאַרביטערט
א וויצל געטאָנ, אַז קיינ שומ זאַכנ דאַרפ ער ניט, ווייל אַלציינס וועט
מענ אַפּ אימ קיינ קורגאַנ ניט שטעלנ אונ אינ יענער וועלט גלייבט
ער ניט. נאָכדעמ האָבנ זיכ אַלע אַוועקגעזעצט, ווי עס געהער צו זיינ,
פארנ אַוועקפאָרנ.

— נו, מע דאַרפ זיכ קלייבנ, — האָט א זאָג געטאָנ דער טאַטע
אונ זיכ אויפגעהויבנ. ער האָט זיכ צעקושט מיט אינדז.

— יא, — האָט ער געזאָגט צו מיר, — דו ביסט אויטער דער הויפּט־מאַנצבל אין שטוב.

אין מיר האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָפּ א פּאַציענט. דער פּאַציענט האָט געקרעכצט און געניינעט זיך.

— איך געם שוין קיינעם ניט אוף, — האָט געזאָגט דער טאַטע, — איר זעט, אז איך פאָר אוועק.

— דאָקטער, טוט מיר א טובֿה, — האָט זיך אָנגעהויבן בעטן דער קראַנקער,—ס'געדויערט דען לאַנג א קוק טאָן? איך קאָן שוין ניט אויסהאַלטן, ווי עס דרייט... איך וואַרטן אָפּ דיר... עפּשער וועסטו נאָך דאַרטן שמאַרבן... .

דער טאַטע האָט א קוק געטאָן אָפּן וואַנט־זייגער, נאָכדעם אָפּן קראַנקן און נאָכדעם אָפּ אונדז, ער האָט אויפגעשטעלט דעם טשעמאָדאַן אָפּן דיל.

— טוט זיך אויס, — האָט ער ביייז א זאָג געטאָן, דורכלאָזנדיק דעם פּאַציענט אין קאַבינעט, — אָפּן... געגאַנגען?..

דער קראַנקער האָט נים פאַרשטאַנען.

— נו, דער מאָגן ווי איז דאָ אַבער? נו? — איר גייט אָפּן הויפּ?

— אָנגעטאָן, שטענדיק אין אָנטאָן, — האָט געענטפערט דער קראַנקער.

אין צען מינוט אַרום איז דער טאַטע אָפּגעפאָרן.

— איז געדענקט־זשע, — האָט ער אָנגעזאָגט דעם קראַנקן, וועצנדיק זיך אין שליטן, — צו זיבן טראָפּן נאָכן עסן.

ווען דער שליטן מיטן טאַטן איז אָפּגעפאָרן, זיינען די מומעס אָפּגעגאַנגען פון פענצטער און האָבן זיך צעוויינט.

— נו, דאַמען! — האָב איך גהאָב א זאָג געטאָן, — ווישט זיך אָפּ די טרערן!

די מומעס זיינען דערשראָקן שטיל געוואָרן. נאָך די פלוצעמדיקע שטילקייט אין דער נאָך פּוסט־געוואָרענער וווינונג האָט נאָך מער גע־דריקט.

איך האָב צונויפגעפרעסט די פויסטן. מיט א געגנעלע פון א הויפּט־מאַנצבל בין איך אַרויס פון צימער.

סאָף פון צווייטן טייל

# דריטער טייל

# אפ הארטער ערד

# לימודימ פאר אונדז און פאר יענעמ

איך געדענק ניט, וויפל צייט ס'איז אדורך. מעגלעך, אז א יאָר, און ס'קען זיין, אז א כוידעש — קיין קאלענדארן זיינען ניט געווען. די צייט איז דעמאלט שווער געווען אויסצומעסטן. אין לויף האָט פאר־קאָרגט די גלייכמעסיקייט. ווען ס'האָט זיך איינגעגעבן אויסצובייטן, צומביישפיל, אן אלטן גימנאזיסטישן מונדיר אף א שטיק כאזער־„שפעק“, זיינען די טעג געגאנגען ווי וואסער. פארקערט — אנדערע טעג האָבן זיך געצויגן ווי וואכן — לאנג און הונגעריק.

דער סיידער פון מעסלעס איז געוואָרן גאָר אן אנדערער. פריִער איז דער צענטראלער פונקט פון טאָג געווען די שאָ, ווען ס'פלעגט זיך אופקלייבן די גאנצע פאמיליע — דאָס פייערלעכע עסן, די מיס־טעריע, דער צערעמאָניאל פון איינעמען די שפייז, די סודע. און דעם גאנצן טאָג האָט מען געמאָסטן — „פאר וואַרמעס“ און „נאָך וואַר־מעס“. איצטער איז אָפּט ניט געווען קיין מיטיק אלס אזעלכער. מע פלעגט עסן, ווען ס'פלעגט זיין וואָס צו עסן. „קומט איבערבייסן“, — פלעגט דעמאלט זאָגן די מאמע. און מע פלעגט עסן גייענדיק, ווי אף א וואָקזאל, און שטייענדיק, ווייל ס'איז שרעקלעך געווען צו קומען אין באַרירונג מיט די פארפרוירענע בענקלעך. אין צימער איז געווען קאלט. און יעדערער האָט אינסטינקטיוו געזשאַלעוועט אָפּצוגעבן די אייגענע וואַרעמקייט א לעבנלאָזן קעגנשטאַנד... מיר פלעגן ארומגיין, אויסמיידנ־דיק די קאלטע זאכן. די זאכן האָבן געגאנוועט אונדזער וואַרעמקייט. מיר האָבן איינגעשטעלט א רעזשים פון באהייצערס. איינדערפרי, ציי־טערנדיק פון קעלט, פלעגט דער דעזשורנער ארויסקריכן פון אונטערן בארג קאָלדרעס און פאַרטיערן. דער דעזשור האָט געגליווערט אף נ גראד. דער דעזשורנער פלעגט אריינשפרינגען אין די וואַליקעס און

אײַנהייצן דאָס אײַוועלע — די „בורזשויקע“, דאָס אײַוועלע פֿלעגט זיך אָפּ אַ קורצער ווײַלע אָנגליִען, צוזאַמען מיטן רעזאַמיר פֿלעגן זיך אַהער הייבן אַלע אײַנוווינער פֿון אונדזער שטוב. דער בופֿעט איז געשטאַנען אויפֿגעפּראַלט, ער איז געווען פּוסט און הויל. כאָטש שפּיל אין קעגליעס, דה. ליידיק, כאָטש פֿײַף אין זאַם... מיר פֿלעגן עסן ניט געזאַלצענע קאַשע פֿון קירבעס און טרינקען קאַווענע־טיי מיט סאַכארין.

די מאַמע האָט איצט געאַרבעט אין דער מוזיק־שול, נאָר אַזוי ווי ס'האָט אויפֿגעפֿעלט אַ געבײַטע פֿלעגן די לימודים פֿאָרקומען בײַ אונדז. די שילערס פֿלעגן הריקן די פֿעדאַלן מיט די וואָליקעס. מײַנע פֿאַרגליווערטע פֿינגער פֿלעגן זיי באַומרויִקן די פֿאַרפֿרוירענע פּיאַנינע. די מאַמע, אָנגעטאָן אין פּעלץ און אין הענטשקעס, פֿלעגט פֿלינק אָפּהייבן פֿון אונטער זײַנע פֿינגער די אײַנגעפֿאַלענע קלאַווישן.

צו מיר פֿלעגט אויך ... אַ שילערן. פֿאַר אַ פֿונט פֿלייש אַ בויִ־דעש האָב איך געלערנט גראַמאַטיקע און אַריטמעטיק מיט איינער אַ הויכער און אַ באַלײַבטער אַניוטע קאָלאָמיצעווא. דער פֿונט פֿלייש פֿלעגט מיר אָנקומען ניט גרינג. מײַן שילערן האָט אין קיין פֿאַל ניט געגלייבט די בוכשטאַבן. זי האָט זיך מיט איר אייגענע פֿאַר־שטעלונגען. זי פֿלעגט דאַפֿן, צום בײַשפּיל, איבערלייענען דאָס וואָרט „ניורא“.

— נון און יו — ניו, — פֿלעגט זי לייענען — ר און א — רא. ס'באַקומט זיך אַניוטקע, — פֿלעגט זי פֿרייִלעך אויסרופֿן.

אַ צווייטן מאָל האָבן מיר זיך געמאַטערט איבערן וואָרט „שטיול“.

— ש און ט און י — מאַכט שטי, — האָט אַניוטע געקלעטערט איבער די טראָפּן, — וו און ל... צוזאַמען שטי...

— ווי — זשע באַקומט זיך צוזאַמען? — האָב איך געפֿרעגט.

— וואָליקעס — האָט געענטפֿערט אַניוטע.

## אפֿן וועג אַהינצו...

דאָרטן, פֿון יענער זײַט באַרג,
אַ זוניקע ערד גיט געריררט...
מ א י א ק אָ װ ס ק י.

נאָכן לימער פֿלעג איך גיין מיט אָסיען אָנקלײַבן שטרוי אָפּ אײַנ־הייצן דאָס אײַוועלע. זיך באַנוצנדיק מיט איר גיכפֿאַלנדיקער וואַרעמ־קײַט, פֿלעגן מיר אויפֿקאָכן די ברויט־ראָשטשינע. מיר פֿלעגן קוים

דער רײ מיט פארשװאָלענע בלױע הענט קנעטנ די קלעפּיקע װײכקײט פונ דעם זױער־טײג. פאַר דער האָזיקער אַרבעט האָט מענ געדאַרפט האָבנ פאַרבײטערונג, און מיר האָבנ זיכ פאָרגעשטעלט, אַז דאָס קנעטנ מיר מיט די פױסטנ די פאַרהאַסטע בײכער פונ די פאַרשײדענע פײנט פונ דער רעװאָליוציאָנערער מענטשהײט פונ אוראַראַנאַל־שאַמעלענא ביזנ אַדמיראַל קאָלטשאַק.

אוונט־צײט פלעגנ זיכ אַלע צונױפקומענ באַמ טיש. קײנ עלעקטרע איז ניט געװענ. דאָס נאַכט־לעמפּעלע פלעגט מענ אָנצינדנ נאָר זונטיק. דאָס איז בעמעמ געװענ א ליכטיקער יאָנטעװ. אינדערװאָכנ פלעגט לײכטנ א קאַנעצל. א קנײטעלע פונ װאַטע פלעגט מענ אַרײנצינ אינ א שיסעלע מיט אײל. אפנ שפּיצ פונ קנײטעלע האָט געצאַנקט א געבעכדיק פײערל... דער צימער פלעגט פול װערנ מיט גרימאַסנ פונ שאָטנס.

די מומעס פלעגנ צורוקנ צו זיכ דאָס קאַנעצל. די מומעס פלעגנ זיצנ אינ אײנ רײ, שטרענגע אונ א ביסל קנוטעלטיקע. דאָס קאַנעצל פלעגט שװאַכ באַשײנענ זײערע געזיכטער. די „גרינדולקע“ איז געװענ ענלעכ אפ א מאַדאָנע אינ פענסנע. די מומעס פלעגנ לײענענ אפנ קאָל. נאָכדעמ פלעגנ זײ רײדנ װעגנ דער שײנער פאַרגאַנגענהײט און װעגנ דעמ צעשטערטנ לעבנ.

— גאָט מײנער! װי שײנ ס'איז געװענ דאָס לעבנ! — פלעגנ זיפצנ די מומעס! — סאָבינאָװס קאָנצערטנ, די אַלמאַנאַכנ „שיפאָװניק“, פינצנ קאָפּעקעס א פונט צוקער... אונ איצט?!

— מומעס, — פלעג איכ זאָגנ מיט א קאָל פונ א הױפּט־מאַנצבל, שטײענדיק אינ פינצטערנ װינקל, װו בא אונדז איז פאַרגעקומענ שװאַמבראַניע, — הערט אױס, מומעס, כ'האָב אײנמאָל פאַר אַלעמאָל געבעטנ, אַז איר זאָלט די קאָנטררעװאָליוציע אַגיטירנ פאַר זיכ אונ ניט אפנ קאָל; איכ שלאָפ אפ דעמ, נאַטירלעכ... אָבער אַגיטירנ אימ באַװוסטזיניקײט פאַר קלײנינקע...

אונ, צוגײענדיק צומ טיש, פלעג איכ װינקענ מיט די אױגנ אפ אָסיען. שױנ א שטיק צײט, אַז כ'האָב זיכ דערפילט מײדעשדיק דערװאַקסנ. די פאַראַנטװאָרטלעכקײט פאַר דער שטוב האָט מיכ ניט געדריקט. נאָר, פאַרקערט, אױפגעהױבנ. כ'האָב דערפילט, אַז כ'האָב אָנגעהױבנ טראַכטנ צו דער זאַכ, אַז איכ האָב אָנגעהױבנ גרינגער ציזױנ די נײטיקע װערטער, אַז איכ האָב אָנגעהױבנ גרינטלעכ פאַרשטײנ. אָנ

שרעק און פאַרוואורפ האָב איכ איצט געקוקט דער ווירקלעכקייט אינ די אויגנ. די שטרוי, די פאַרפרוירענע פינגער אונ די קירבעס-קאַשע פונ טיקווע האָבנ מיכ ניט טרויעריק געמאַכט. איכ האָב זיכ באַצויגנ צו זיי, ווי צו פאַריבערגייענדיקע באַדינגונגענ, וואָס זיינענ דערווייל בייטיק, קעדיי צו פאַרשענערנ יענעמ לעצטנ פּונקט פונ אונדזער אַלטנ צעטל וועלט־אומרעכטנ אונ אומגליקנ. דאָס אויסמעסנ פונ א קאַלענדאַר, דאָס עסנ גייענדיק אונ דאָס לעבנ אינ די מאַנטלענ—דאָס אַלצ האָט צוגעגעבנ אונדזער לעבנ א צייטווייליקנ כאַראַקטער, א וואָקזאַל־כאַראַקטער. נאָר דאָס איז שוינ ניט געווענ קיינ אָרדנטלעכע פאַרבלאָנדזשעניש פונ שוואַמבראַנער. דאָס לעבנ האָט זיכ גערוקט אינ א קלאָרער ריכטונג. נאָר דער וועג איז געווענ אומגעווייגלעכ אונ שווער.

— זאָרג זיכ ניט, מאַמע, — פלעג איכ איר זאָגנ, ווענ אינ שטוב פלעגט ניט זיינ קיינ לינדזנ, קיינ קעראָסינ אונ קיינ בריוו פונעמ טאַטנ. — מע דאַרפ ניט צעקראַכנ ווערנ, מאַמע, שטעל זיכ בעסער פאָר, אז מיר פאָרנ אַלע טאָג לאַנג דורכ פאַרשיידענע מידבאָריעס אונ זייער שווערע בערג... מיר פאָרנ אינ א נײַ לאַנד... אינ אַנ אויסערגעוויינלעכ נײַעמ...

— וווהינ פאָרנ מיר? — האָט האָפענונגלאָז א זאָג געטאָנ די מאַמע. — ווידער אַנײַער שוואַמבראַניע?..

— ניט קיינ שוואַמבראַניע, מאַמעלע, נאָר א פאַקט. — פלעג איכ זי פרווונ איבערצייגנ. — ס'איז גאָרנישט, וואָס בא אונדז איז א קאַנעצל, וואָס מיר שלעפנ שטרוי, וואָס די הענט זיינענ אָפּגעפרוירנ... עמעס, מאַמע... געדענקסט, אז בא אונדז זיינענ געווענ ניט קיינ פּאַסיקע באַקאַנטע: קלאַוודיושע, פּעקטיסקע? זיי האָבנ דאָכ דאָס גאַנצע לעבנ געלעבט הונדערט מאָל ערגער ווי מיר אַפילע איצטער. ס'וואָלט דאָכ, מאַמע, אַפילע ניט ערגער געווענ, ווענ מע זאָל אונדז גלײַכ ברענגענ אַהינצו... מיר זיינענ אַזוי אויכ שוינ צופיל פּאַסאַזשירנ... אונ די מומעס — זיי זיינענ עמעסע האָזנ (פּאַסאַזשירנ אָנ בילעטנ), וועלכע מע וואָלט געדאַרפט אַרויסוואַרפנ... דער טאַטע — דאָס איז עפּעס אַנדערש. כאָטש כ'האָב זיכ פאַרבענקט נאָכ אים, נאָר ס'איז גוט, וואָס ער איז אָפּגעפּראַנט.

— איר הערט? — פלעגנ די מומעס זיכ דערצאָרענענ, — גאָט מײַנער! מ'האָט זיי דערצויגנ, גוווערנאַנטקעס געדונגענ, אונ וואָס האָט זיכ אויסגעלאָזנ? טשעקיסטנ וואַקסנ פונ זיי!

און איך האָב געטרוימט. אַט וועט זיך אומקערן סטיאָפּקע. כ'וועל אים אַרויסגיין אַנטקעגן אין די פּאַרלאַטעטע וואַליקעס און מיט פּאַרבוילמער שטרוי אין די הענט.

— גוט מאָרגן דיר, סטיאָפּקע, — וועל איך זאָגן, — גיב א האַנט... (נאָר קוועטש ניט — די הענט זיינען בא מיר געשוואָלן...), אַט זעסט, סטיאָפּקע, איך בין איצטער דער הויפּטמאַנצבל אין הויז. איך האָב פאַרוועדט די קאָנטררעוואָליוציע פון די מומעס, כ'האָב זיך א ביסל אויסגעהונגערט, נאָר ס'איז נאָרניט. כ'וועל עסן באַניע־קאַשע ביזן ענדגילטיקן זיג.

— ביסט א וואַלער יאַט,—וועט מיר זאָגן סטיאָפּקע, — כ'לויב דיך פאַר דער באַוואוסטזיניקייט. האַלט זיך, קאַשע איז אויך וואָס ווערט.

— עס קרענקט מיך אָבער פאָרט ווי א פּאַסאַזשיר, — וועל איך אים זאָגן, — כ'וויל פאָרן ווי א מאַטראָס.

— זײַ!—וועט זאָגן סטיאָפּקע, — זײַ א מאַטראָס פון דער רעוואָליוציע!

דאָ פלעגן זיך די מחשבות איבעררײַסן, ווי א לענטע אין קינאָ. ווי ווערט מען א מאַטראָס פון דער רעוואָליוציע — דאָס האָב איך ניט געוווּסט. און די מאַמע וואָלט מיך ניט געלאָזן...

## דער העלד פון דער מאָגן-אָפּשטאַמונג

פונדעסטוועגן האָט זיך שוואַמבראַניע געצויגן ווײַטער. אין הוים איז זי ניט געוואָרן קלענער, כאָטש צײַט האָט זי איצטער פאַרנומען א סך ווייניקער. די שוואַמבראַנער האָט געטראָפן א גרויסער אומגליק. אין אונדזער אָפּוועזנהייט האָט די מאַמע פאַר א פערטל קעראָסין אָפּגעגעבן אונדזער הייל פון מוירעקעפּלעך צוזאַמען מיט דער פאַרשלאָסענער שוואַרצער מאַלקע—דער היטערן פון ג. ג. ש. אַזוי איז זי רומלאָז געשטאָרבן פאַר אונדז. מיר האָבן איבערגעלעבט א האַלב־שעהיקע פאַרצווייפלונג. דער זון פון שוואַמבראַניע האָט געדראָעט אונטערגאַנג. נאָר דערפאַר האָט מען אינאיינעם אָנגעצונדן דעם לאָמפּ.

די שוואַמבראַנער שפּיל איז אין יענער צײַט באַשטאַנען דעריקער אין פאַרשטעלן זיך, אַז מיר פרעסן. שוואַמבראַניע האָט געקוועט. זי האָט געגעסן וואָרעמעס און אונטערברויט. זי האָט געהוליעט. מיט אַפּעטיט האָבן מיר געלייענט דעם קלינגעדיקן און לאַנגן מעניו פון

מאַלאַכאָווצעס קאָכ־בוכ. אַפּ די דאָזיקע שוואַמבראַנער מאָלצײַטנ פלעגנ מיר א ביסל שטילנ אונדזערע גוואַלטיקע אַפּעטיטנ. נאָכ דער צוקער־פּאָנד פונ שוואַמבראַניע פלעגט קלענער ווערנ נאָר אינ א יאָנ־טעוו. דער הויפּט־קעכער פונ שוואַמבראַניע איז געווענ דזשאָרזש באָר־מאַנ. זײַנ נאָמענ האָבנ מיר גענומענ פונ די אַלטע קאַקאַאָ־ אונ שאָקאָ־לאַד־רעקלאַמעס. דזשאָרזש באָרמאַנ איז געווענ דער לעצטער העלד פונ שוואַמבראַניע. דאָס איז געווענ א העלד פונ אַנ עבערטער־מאַנ־אָפּשטאַ־מונג. קײנ שום נײַעם מאָעם האָט ער שוינ ניט געקאָנט אויסטראַכטנ.

ביכלאַל האָט זיכ שוינ שוואַמבראַניע געפונענ אינ דער עפּאָכע פונ יערידע. נאָר צופעליקע אומשטענדנ האָבנ געגעבנ א שטויס פאַר א נײַער אויפבליִונג פונ דער מעלוכע פינ גרויסנ צאָנ. די דאָזיקע אומ־שטענדנ האָבנ געוווינט אינ א גרויסנ פּאַרוואָרפנעם הויפ אַפּ אונדזער גאַס.

## אוגאָרס פּאַלאַצ

דאָס הויז האָט אַמאָל אויסגעבויט א מעשוגענער דײַטשישער גוויר אוגאָר. אינ גאַס האָט מענ אימ גערופנ „אוגאָר".* דער גוויר האָט אָנגענומענ דעם דאָזיקנ אײַנגעבירגערטנ צונאָמענ. אוגערס הויז איז געווענ אײנע פונ די פּאַקראָווסקער זעלטנהײַטנ. אָנגעקומענע פלעגט מענ פירנ אָנקוקנ דעם פּאַלאַצ. די אָנגעקומענע פלעגנ זיכ וווּנ־דערנ.

דאָס איז ווירקלעכ געווענ א גאָר מעשוגעדיקע געבײַדע. איר באַ־לעבאָס האָבנ באַוועלטיקט די טײַוועס צו קאָוועד אונ צו דאַרשט נאָכ אויסערגעוויינלעכער וויל־אײַנריכטונג. ער האָט געוואָלט פאַרוווּנדערנ פּאַקראָווסק מיט אַנ אויסערגעוויינלעכ הויז. ער האָט געוואָלט רימ־דערבײַ האָט אוגער ניט געטרויט די אינזשענירנ. ער האָט אַלײנ צו־נויפגעשטעלט דעם פּראָיעקט פונ זײַנ הויז. די בויונג איז געגאַנגענ אונטער זײַנ אומדערמידלעכער אויפזיכט. ס'איז אויסגעוואַקסנ א מויער פונ דרײַ שטאָק אינ מיט א קעלער־שטוב. די אײַנשטאַטיקע פּאַקראָווב־קער איינוווינער פלעגנ פאַרײַסנ די קעפּ אונ ציילנ די נאָרנס אַפּ די פינגער.

אוגערס הויז איז גלײַכצײַטיק עלעב געווענ: אַפּ אַנ אַלטנ באַיאַ־

* Угорь (מורענ) — א קלײנ פישל. רעד.

דישנ טערעמ, אפ א יאריד-באלאגאנ און אפ די הענגענדיקע סעדער פונ סעמיראמירע, וואָס האָט געוווינט, דאכט זיכ, אינ דער שטאָט באָבל. אפ יעדנ שטאָק זײַנענ די פענצטער ניט געווענ ענלעכ איינער אפנ צווייטנ. ס'זײַנענ געווענ פענצטער — לאנגע, קײַלעכיקע, קוואדראטע, שמאָלע... בײַ די זײַטנ זײַנענ געגאנגענ גאלערייענ פונ פארשיידנפאר-ביקע שויבנ. פונ אינ זײַט איז דאָס הויז געווענ ענלעכ אפ א קאָלדרע, וואָס איז צונויפגעשטוקעוועט פונ שטיקלעכ. דער גאנצער פראָנטאָנ איז געווענ באמאָלט דורכ קינסטלער. אונטנ האָבנ זיכ נאריש געמאכט וואסער-מיידלעכ. אפנ צווייטנ שטאָק זײַנענ געשווומענ שיפנ, פאר-שיידנארטיקע גענעראלנ זײַנענ געווענ אויסגעמאָלט אפנ דריטנ. אונ אונטערנ סאמע דאכ האָבנ יעגערס אינ אלפײַישע קאפעליושנ מיט פע-דערנ געשאָסנ אפ טיגערנ אונ לייבנ.

בײַם מינדסטנ ווינטעלע פלעגט דאָס הויז אָנהייבנ זשומענ אונ קלינגענ. דאָס פלעגנ אפ די טורעמלעכ הוזשענ די צוויי אונ צוואנ=ציק ווינט-פענדלעכ. ס'פלעגנ זיכ דרייענ די פופצנ בלעכענע דריידלעכ, אונ אכט גוואלדאָווע ווענטיליאטאָרנ פלעגנ הודענ אינ די פענצטער.

אפילע די טויבנ האָבנ ניט פארשטאנענ אָט וואָס פילפארביקע דור-נערנ, אפילע טויבנ האָבנ אויסגעמיטנ דאָס הויז. פונ קווארטיראנטנ איז שוינ אפגערעדט.

צוערשט האָט זיכ אינ הויז באזעצט די העכערע אָנפאנגשול. נאָר די ווינט-פענדלעכ אינ די ווענטיליאטאָרנ האָבנ ניט געלאָזנ זיכ לערנענ די „האָשנ".

ס'האָבנ זיכ אפילע געפרוווט אהער באזעצנ זייער דרייסטע אײַנ-וווינער, נאָר סעמיראמידעס הענגענדיקע סעדער פלעגנ בײַ א ווינט אָנהייבנ וויגנ זיכ, די דילנ פלעגנ זיכ בייגנ, די דאכער פלעגנ פלאצנ. דער פאלאץ האָט זיכ אָנגעהויבנ צעשיטנ ווי א קאָרטנ-שטיבל. אונזער איז געשטאָרבנ פונ צאר. רײַכנדיק פונ היצ, פארנ טויט, האָט ער גע-בעטנ אויפשטעלנ אפ זײַנ קייווער א דריידעלע אונ א ווענטיליאטער... אונ דאָס הויז האָט וואָס ווײַטער אלצ מערער געהארט. ס'זײַנענ אָפּ-געשטאָרבנ די בײַשטיבלעכ, די פארענטשעס, אפילע גאנצע גאלערייעס. זיי פלעגנ אָפּשטארבנ אונ באָרעזנ ווערנ. די קאָלירטע שויבנ האָט מענ געהאָנט זענ אינ די פענצטער פונ די שכייניששע הײַזער. איבער דער גאנצער נאָס האָבנ געדונערט די ווינט=פענדלעכ, וואָס האָבנ פארלאָזנ אונזערס הויז.

ווען א שטורעם פליגט פאַרגיבערן דעם חורבן, פליען פאָרויבנטיק צוקומענדיק די שכינים.

זיי פליען שלעפּן נאָך זיך לײדיקע שליטעלעך. די שכינים פליען אַרומדרייענדיק דאָס הויז און וואַרטן.

זיי פליען זיצן, ווי היענעס אַרום א שטאַרבנדיקן לייב. די אומגע־באַלעטע שטיקלעך פליען זיי צעשלעפּן איבער זייערע הייפן. אָבער אָפן באַפאַלן און צעשלעפּן אַט דאָס קייגעם ניט ליידיקע הויז האָבן זיי ניט געוואגט. די שכינים האָבן טאָקע געהאַט אָפּשײַן פאַר אומבאַוועגלעכן אייגנטום.

## די פּאַסירונגען אין טויטן הויז

מיר האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אז דאָס גרויסע הויז — דער מעם קאָן ווערן א נײַ, באַקוועמע און געהיים אָרט פאַר דער שפּיל. שוואַבע־בראָניע האָט פאַרנומען אַלע נאָענט־געבליבענע שטאָקן. די שפּיל איז ווידעראַמאָל געוואָרן אינטערעסאַנט. און אונדז האָט ניט געאַרט, וואָס אינעווייניק איז אַלץ געווען פאַרוסטערייגט.

די שוואַמבראַניער האָבן אָפּגעלעבט די טרויעס. און דאָס טויטע הויז האָט אויף לאַנג אָפּגעשפּאַלטן דעם כורבן פון שוואַמבראַניע.

דאָס שאָרכען, די סקריפּענישן און דער טומל, וואָס איז נאָך פאַר־בליבן אינעם צעוואַלגערטן הויז, האָט געשפּיגט אונדזער פאַנטאַזיע. איבער די צעפוילטע טרעפּ האָט אַרומגעשפּאַנט דער ווינט.

אמאָסטנס האָבן זיך געטראָגט אין דער פינצטערניש און אין דער פּוסטקייט פון די קאָרידאָרן און באַנאַכט פליען איבער די יונגע קריכן דער שורער...

א מער פּאַסיק אָרט פאַר שוואַמבראַניע איז גאָרניט געווען צו גע־פינען. דאָס הויז האָבן מיר גיך אויסגעפּאָרשט. די צימערן האָבן מיר באַשטימט מיט די שיינע נעמען פון די שוואַמבראַניער שטעט. שוואַמ־בראַניע האָט אויפגעלעבט.

גיט אויסגעפּאָרשט איז נאָר פאַרבליבן אין פינצטערער פאַרטע־טיקער דורכגאַנג, וואָס האָט געפירט צו דער פאַרשאַטענער קעלער־שטוב. מיר האָבן פאַרגעגומען אן עקספּעדיציע אין דעם דאָזיקן אומ־באַוווסטן לאַנד. מיר האָבן מיטגענומען מיט זיך לאַנגע שטעקנס און א העננגלאָמפּ אָנגעשטאָט א לאַמטערן. טאַכדעם, ווי די ביבלישע רעקאָגנאָס־צירן, האָבן מיר זיך אַרומגעגאַרטלט מיט שטריק און פאַרייניקט מיט

ווי אַנדערע רימענס. איצטער זענען מיר געלעגן געווען אַף הויל־פּאָרשער.

מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אונטער דער ערד. די לייטער־טרעפּלעך זענען שוין לאַנג אַרויסגעפאַלן. מיר האָבן זיך געגליטשט איבער די אָנגעבויגענע ברעטער און געקלעטערט איבערן צעוואַלגערטן ציגל. איך האָב געפּויזעט פאָרויס. ס'האָט זיך געווינקט דאָס לעמפּעלע, וואָס איז געהאַנגען אויפן שפּיץ פון אַ פאָרויס־אַרויסגערוקטן שטעקן. נאָך מיר האָט געפּויזעט אָסיע. אָסיע איז געווען הדייסט און אָנגעשפּאַרט, צו־דערווײַל עס, פּלעגט מיר אָסיע זאָגן אַלע ווײַלע, אַז ס'איז אים אפילו אַ האָר ניט שרעקלעך, נאָר, פאַרקערט, אַז ס'איז אים גאָר פריילעך... ווען ס'איז אים דעם זעקסטן מאָל געוואָרן פריילעך, איז ער אַראָפּגעפאַלן... אַ פּײַלע ברעט האָט זיך צעבראָכן אונטער אָסיען, און ער איז אַרײַנגעפאַלן אין קעלער. נאָר אַזוי מיר זענען געווען צוגעבונדן איינער צום אַנדערן האָט מיך די קראַפט פון זײַן פאַלן צוגעצויגן צו דער באַמע לאָך און מיך צוגעדריקט צו די ברעטער. די שטריק איז געבליבן אָנגעצויגן, זי האָט געקוויטשעט און געשניטן מיר דאָס לײַב.

— אָסיע, ביסט אַראָפּגעפאַלן? — האָב איך אויסגעשריגן מיט שרעק אין דער שוואַרצער לאָך.

— נאָך ניט, — האָט מיר אָסיע געענטפערט פון אונטן. — איך פרי און בלוי און קען אַלץ ניט אַראָפּפאַלן צום דעק.

איך האָב אָנגעצויגן די פאַרלאָשענע לאַמטערנע און אַראָפּגעלאָזן זי אין דעם פינצטערן כאַלע.

כ'האָב דערזען אָסיען, ער איז געהאַנגען צווישן הימל און ערד און האָט זיך פאַמעלעך געדרייט. ער האָט זיך געוואָרפן, געצאַפּלט, געבויגן, באַמיִענדיק זיך דערלאַנגען דעם דיל.

— לאָליע! נעם מיך אַרויס פון דאַנען — האָט געבעטן אָסיע, — דאָ איז אַזוי ניט היימלעך און די שטריק קוועטשט מיך.

כ'האָב זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע קרעפטן און אָנגעהויבן אַרויסשלעפּן דאָס בריקל. נאָר פּלוצעם האָט עפּעס אונטער מיר געפּלאַצט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן ברעכן די ברעטער. אַ ווײַלע איך בין געלעגן. זיי האָבן זיך צעבראָכן און איך בין אַ פאַל געטאָן אין דער פינצטערניש און אַראָפּגעפאַלן אַף אָסיען.

— איצטער בין איך אַראָפּגעפאַלן, — האָט אָסיע געזאָגט צופרידן, — דער כאַמע דעך, און עס קוועטשט ניט.

# פינצטערניש אינ הייל

דאָס לעמפּעלע האָט זיכ צעבראָכנ... א געדיכטע חורבנעווירעטע, פינצטערניש איז געלעגנ אפנ דעק פונ קעלער. נאָר פונ דער הייכ, פונ די דורכגעבראָכענע ברעטער, האָט קוימ דורכגעדרונגענ א ביסל גרויע ליכט. זיכ איינקוקנדיק אינ דער פינצטערניש, האָב איכ באַמערקט אינ איר דערטרונקענע ניט פאַרשטענדלעכע זאַכנ. עפּעס אנ אייזערנ קעסטל אפ פיסלעכ: גלעזערנע אונ מעטאַלענע קיילימ. פאַרשיידענע מעשונע־דיק אויסגעבויגענע אונ צונויפגעדרייטע טרייבלעכ... נאָכדעמ האָבנ מיר זיכ אָנגעשטויסנ אפ גראָבע מיט עפּעס אָנגעפּיקטע זעק...

— אַנ אַפּטייק, — האָט אָסיע געזאָגט.

— א געהיימעניש, — האָב איכ געשעפּטשעט.

— גרויסע נייס — האָט אָסיע געזאָגט.

— נאָכ א מאָל נייס, — האָב איכ געשעפּטשעט, — אנ עמעסער אויצער פאַר שוואַמבראַניע. מיר וועלנ דאָ איינאָרדענענ א גרויסאַרטיקנ...

א פלוצעמדיקע ליכט איז געפאַלנ אפ אונדז. מיר האָבנ זיכ א חאַפּ געטאָנ אינ פאַרשיידענע זייטנ.—נאָר עפּעס האָט אונדז אָנגעכאַפּט פונ אונטנ. מיר זיינענ אומגעפאַלנ. דאָס האָט די פאַרשאָלטענע שטריק אונדז געכאַפּט פאַר די רימענס אונ אומגעוואָרפנ אפנ דיל. עמעצנס א האַנט האָט צוגעצויגנ די שטריק צו דער לאַמטערנע. איבער דער לאַמטערנע האָבנ מיר דערזענ א שרעקלעכ פאַרצעפּ: א בליישטשענדיקע אויבערשטע ליפּ, העלע באַקנבערד אונ ליכטיקע אונטערברעמ־גנעגנ. די איבעריקע שטריכנ פונ געהיימניספולנ געזיכט האָבנ מיר ניט געקאָנט זענ. מיר האָבנ דערהערט א גראָבנ קאָל:

— צו וועלכנ טײַוול טראָגט עס אייכ דאָ אַרומ? האַ? — האָט בליישטשענדיק אינ בייזנדיק זיכ געקרייזלט די אויבערשטע ליפּ. ווי אַזוי האָט עס אייכ פאַרטראָגנ אַהער? [illegible] פאַרדריפּעטע. כ'וועל אייכ צעמיימעסנ באַלד. אָנגעמאַכט דאָ, פאַרקוידעטשעט נימעניע... פרוּווט נאָר אַנטלויפנ, אַזוי צעקוועטש איכ אייכ באַלד...

אונ אַנ עקלדיקע ווידלערנ האָט באַרירט דעמ דאַזיקנ אַרײַנפיר.

— וואָס ווילט איר אַהינ? — האָב איכ געזאָגט, באַמיִענדיק זיכ ניט קלאַפּנ מיט די ציינ.

— אינ דער אָנווענהייט פונ קליינינקע ווילט מענ זיכ ניט, —

האָט צוגעגעבן אַסיע. — אַניט וועלן מיר אײַך אויך... און אַז איך וועל אָנהייבן, וועט אײַך שווין באַנק טאָן.

די שטריק האָט זיך גלײַך אָנגעצויגן און אַנדרז אויפגעהויבן צו א גרויסער פויסט, וואָס איז באַלויכטן געווען פון איין זײַט מיט דער לאַמטערנע.

די פויסט האָט זיך ענערגיש אויסגעדרייט, און ווי עפּעס א בייזע לעוואַטע, באַוויזן אַלע אירע פּאַזעס.

— לאָזט גלײַך אָפּ די שטריק, — האָב איך אויסגעשריִען, — וואָס האַלט איר זי?.. וואָס, פרעג איך... איר האָט קיין רעכט ניט...

— ער מיינט, אַז ס'איז דער אַלטער רעזשים, — האָט געזאָגט אַסיע, — אַט וועלן מיר זאָגן אָפּ אײַך דעם הויפּט־שעף פון דער טשעקאַ... ער איז מיט אונדז גוט באַקאַנט. אויב מיר וועלן, וועט ער אײַך גלײַך צונעמען פונדאַנען.

— מיט טשעקאַ שרעקסטו, הינטל...

און א גראָבער פויסט האָט זיך אויפגעהויבן איבער אַסיעס קאָפּ.

— האַלט, נעם צו, מעשוגענער, דעם פויסט, — האָט געזאָגט בין אונטן עמעצנס א באַקאַנט קולכל, — נעם אַראָפּ די פענטעס פון די געפאַנגענע, — האָט ער פאַרגעזעצט מיטן זעלביקן רעטאָרישן טאָן — זעצט זיך, יונגע וואַנדערער. א גרוס אײַך פונעם אַלטן געלערנטן, וואָס האָט זיך דערווײַטערט פון לעבן. וואָס האָט אײַך געבראַכט אין מײַן הייל, טראָגלאָדיטן?

דער פויסט איז ניט געוואָרן, און שײַן פון דער לאַמטערנע האָט א בלישטשע געטאָן אין פּנים — דער פּנים פון ע—מיע, דער באַקאַנטער פּנים פון קיריקאָוו, פונעם מענטש — דעם מיסטישוואַס.

## עלעקסיר „שוואַמבראַניע"

— זעט זיך! — האָט מיר געזאָגט קיריקאָוו. — כ'האָב דיך דער־קענט. ביסט פון דער טשערעדע ווילדע. איר זײַט ביידע זין פון דעם גרויסן און באַרימטן קאַנד שוואַמבריע...

— שוואַמבראַניע, — האָט אים פאַריכט אַסיע — און פון וואַנען ווייסט איר?

— כ'ווייס אַלץ, — האָט געענטפערט קיריקאָוו, — איך וווין אין די באַהאַלטענע הייל פון אײַער לאַנד, און נאָך מײַנע וויסנשאַפטלעכע

פאַרשוואונדנ הייב איכ זיכ אופ אפ דער אויבערפלאַכ... נעכטנ אונ אייערנעכטנ אונ יענע וואָכ האָב איכ אײַכ געהערט, אָ, שוואַמבראַנער, ווי איר האָט זיכ דאָ צווישנ די כורוועס, געשפּילט... הה. איכ האָב געוואָלט זאָגנ, אז איר האָט זיכ פאַרקערפּערט אינ די אײַנוווינער פונ שיינעמ לאַנד שוואַמבראַמאַניע.

— שוואַמבראַניע, — האָט אָסיע געזאָגט שטרענג. — אונ וואָס טוט איר דאָ?

— אונ צו וואָס זײַנענ אָט די זאַבעגיישנ דאָ אָנגעשטעלט? — האָב איכ געפרעגט.

ס״איז געוואָרנ שטיל.

— אָ, שוואַמבראַנער, — האָט קירדיקאָוו געזאָגט מיט א שרעקלעכנ קאָל, — איר האָט זיכ אומפּאַרזיכטיק צוגערירט צומ סאָד פונ מײַנ נעבעכדיקנ לעבנ, צו דער ווונד פונ מײַנ נעשאָמע...

— וואָס איז, איר קרענקט דענ אפ דער נעשאָמע? — האָט אָסיע געפרעגט. — איר זײַט פונ מעשוגאָימ־הויז?

— נײַנ, — האָט קירדיקאָוו געענטפערט. — די מענטשנ אונ די מאַכט באַוואָלענ מיכ. איכ בינ באַליידיקט אונ דערנידעריקט. נאָר איכ לײַד פאַרנ וווילשטאַנד פונ דער מענטשהײַט. שווערט זיכ, אז איר וועט קיינעמ ניט דערציילנ מײַנ געהיימעניש, וועל איכ אײַכ אָפּהיטנ אײַער כאָד — די געהיימעניש פונ שוואַמבראַניע...

— שוואַמבראַניע, — האָט אימ אָסיע ווידער פאַרריכט.

נאָכדעמ האָבנ מיר געשוווירנ. קירדיקאָוו האָט צוגעטראָגנ די לאַמטערנ צו אונדזערע פּענעמער, אונ מיר האָבנ פײַערלעכ געשוווירנ ביזנ טויט.

— איז הערט־זשע מיכ, ברידער־שוואַמבראַנער — האָט אײַנגעשריענ קירדיקאָוו, — איכ בינ דער לעצטער אַלכימיקער אפ דער ערד. איכ בינ דער דאָנקיכאָט פונ דער וויסנשאַפט, אונ דאָס איז מײַנ געטרײַער וואַפנ־טרעגער. איכ האָב אנטדעקט דעמ עליקסיר פונ וועלט־פרייד. ער וועט אַלע קראַנקע מאַכנ געזונט, אונ אַלע טרויעריקע — פריילעכ... ער מאַכט פונ סאָנימ פרײַנט אונ אַלע פרעמדע פאַר באַקאַנטע...

— דאָס שפּילט איר זיכ אזוי? — האָט אָסיע געפרעגט.

דערויפ האָט קירדיקאָוו בייז געענטפערט, אז אנ עליקסיר איז ניט קיינ שפּיל, נאָר אנ ערנסטע וויסנשאַפטלעכע אנטדעקונג. אינ הייל, האָט זיכ אַרויסגעוויזנ, געפינט זיכ די לאַבאָראַטאָריע פונ דעמ עליק־

סיר. דער אלכימיקער האָט געזאָגט, אַז אין אַ יאָר אַרום, ווען ער וועט פאַרענדיקן דין לעצטע עקספּערימענטן, וועט ער פאַרעפנטלעכן זיין אַנטדעקונג. דעמאָלט וועט ער לוקסוספול אַפּערמאַנטירן דאָס גאַנצע הויז, ער וועט דורכפירן עלעקטרע, און דעם באַמע איבערשטן שטאָק וועט ער איינגיבן אָפּגעבן פאַר שוואַמבראַניע. נאָך דערווייל זיינען מיר מעבלירט שוויַנג, שוויַנג און שוויַנג.

— און מיין עלעקסיר, — האָט פאַרענדיקט דער אלכימיקער קיריקאָוו, — דעם עלעקסיר פון וועלט-פרייד וועל איך אָנרופן לעקאָוועד מיינע יונגע פריינט: עלעקסיר שוואַמבאַדיע.

— ניט שוואַמבאַדיע, נאָר שוואַמבראַניע, — איז אָסקע גאָר בייז געוואָרן, — ער קאָן ניט ריכטיק אַרויסריידן אַ וואָרט און נאָך אַן אַלפיזיקער.

— ניט קיין אַלפיזיקער, נאָר אַלכימיקער — האָט אויך בייז אַ זאָג געטאָן קיריקאָוו.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר זיינען געוואָרן דעם אַלכימיקערס שטענדיקע געסט. דער אַלכימיקער קיריקאָוו און זיין אַבישטעטע פּיליעטקע זיינען געווען גאַנץ גאַסטפריינטלעכע מענטשן. זיי האָבן אונדז באַקאַנט מיט זייערע דערפאָלגן און האָבן מיט פאַרגעניגן אויסגעהערט אונדזערע שוואַמבראַנער נייעס. דער אַלכימיקער האָט אונדז אַפילו געהאָלפן אָנפירן מיטן לאַנד. שוואַמבראַניע האָט אויפגעבליט.

זיי פלעגן אַרבעטן באַנאַנד. זייער געהיימער הויב פלעגט פאַרשווינדן אין הויף. דער קוימען איז געווען קונציק פאַרמאַסקירט. אָפט פלעגן מיר זיי העלפן: געהאַקט האָלץ און געטראָגן געהיימע בריוועלעך צו זייערע באַקאַנטע. נאָך דעם עלעקסיר פלעגן זיי אונדז ניט באַווייזן, זאָגנדיק, אַז ער איז נאָך ניט אינגאַנצן פאַרטיק. איינמאָל האָבן מיר זיי געטראָפן זייער פריילעך. זיי האָבן שטילערהייט געזונגען לידער און פאַרזוכטיק געפּאַטשט אין די דלאָניעס. און אויפן טיש האָט זיך געטאַפּטשעט אַ גראָבע פרוי אין אַ קווייטלדיקער שאַל.

— דו זעסט, ווי זי איז גליקלעך? — האָט געזאָגט דער אַלכימיקער? — זי האָט איינגעזופּט די ערשטע טראָפּנס פונעם עלעקסיר פון וועלט-פרייד....

חאַם איז אַנטאַפּענע... איך מיין אַנריפּינע, די שוואַמבראַנער קייסעריכע... מיר קרוינען זי, מיר זעצן זי אויפן טראָן... הוראַ.

— בײַ אונדז זײַנען ניטאָ קײן קײסעריניעס, — האָט אָסיע בײַז געזאָגט.

— עמעס, — האָב איך געגעבנ צו פאַרשטײנ, — ערנוואָרט, מיר וואָלטנ עס אָנגענומענ מיט פאַרגעניגנ. נאָר שוואַמבראַניע איז דאָך א רעפּובליק... אָט, ווערנ דעמ פּרעזידענטס פרוי — דאָס קאָנ מענ.

— גוט, — האָט געזאָגט דער אלכימיקער, — זאָל זײַנ דעמ פּרע־זידענטס ווײַב. אַגראַפּע... ע—כיע... אַגריפּינע, וויִלסט ווערנ די פרוי פונעמ שוואַמבראַנער פּרעזידענט?

— יאָ, — האָט געענטפערט אַגריפּינע.

# דאָנאַ דינאַ און די קוזענטשיקעס

פונ מאָסקווע איז געקומענ צופאָרנ צו אונדז וווינענ א יונגינקע געשוועסטערקינד. מ'האָט זי געריפנ דאָנאַ דינאַ אָדער דינדאָנע. דינע — איז געווענ איר עלטער נאָמענ. דאָנאַ האָט מענ זי גערופנ פאַר אירע שוואַרצע האָר, פאַר אירע אויגנ, וואָס האָבנ געבלישטשעטע, ווי דאָס העקל פונ דער פּיאַנינע, און פאַר אירע צײנ, — גלײַכע און רײנע, ווי די קלאַווישנ. די מומעס האָבנ אונדז געזאָגט, אז מיר דאַרפנ זי רופנ קוזינע, דאָס באַטײַט אפ פראַנצייזיש געשוויסטערקינד. און מיר זײַנענ געווענ פאַר דינענ — (אפ פראַנצייזיש) קוזענס. נאָר דינע איז נאָר געווענ אנ אײגענע יאַטעכע. דערהערנדיק פונ אונדז „א גוטנ מאָרגנ אײַך, קוזינע", האָט זי זיך צעלאַכט, און גלײַכצײַטיק האָבנ זיך צעלאַכט אירע האָר, אירע צײנ און אויגנ.

נו, איז דערגלײַט א גוטמאָרגנ אײַך, קוזענטשיקעס — האָט זי זיך צע־שריענ — מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך?

— מיט שוואַמבראַניע, — האָט געענטפערט אָסיע, דערפילנדיק צו דינענ אנ ווײַסערגעווײנלעכנ צוטרוי, — ווילסטו שפּילנ מיט שטיינ נײַענ שפּאַצירנ... וועסט זיך אויכ מיט אונדז שלאָגנ־ערנ?

— אומבאַדינגט, — האָט געענטפערט דינע, — אָנ איך וועל אינ פאַרבלאָנדזשעט אינ וואַלד פאַקראָווסק... כ'האָב אײַך אזוי אויכ קײנ געפונענ... אָט די בורזשויקע שאַטראָווא איז, ווײַזט אויס, געווענ ווײַער א רײַכע פרוי... זי האָט אזויפיל הײַזער...

— וואָס פאַר א שאַטראָווא? — האָט זיך די מאַמע פאַרוווּנדערט.

און דינע האָט דערצײלט, אז זי האָט געפרעגט אינ גאַס, ווו איז

דאָ דעם דאָקטערס ווינונג. האָט מען איך געזאָגט: „אָנ דאָרט — אינ שאַטראָווענ הויז" * (די הײַזער אינ דער פּראָווינצ הייסנ „פּליגל־ הויז", אויב דער דאַכ האָט צוויי שיפּועים, אונ „בײַדל־שטיב" — אויב דער דאַכ האָט 4 שיפּועים, ווי בײַ א בײַדל). האָט דינקע אָנגע־ הויבנ פרעגנ, ווען זי האָט נאָר באַגעגנט: ווו איז דאָ דאָס הויז פונ דער שאַטראָווער בירגערנ. האָט מען איר אָנגעוויזנ אַפּ אַכט הײַזער. און נאָר אינ דעם דריטנ האָט זי איר געפונענ...

אַפילע אָסיע האָט זי אָנערקענט פאַר א שיינע. זי האָט געטראָגנ אַנ עמעסע מאַטראָסקע, וואָס ס'האָט איר געשענקט א קראָנשטאַטער מאַטראָס אונ דאָס איז אונדז אַפילע געפעלנ געוואָרנ. מיר האָבנ זי אַרומגעפירט איבער פּאָקראָווסק. מיר האָבנ איר באַוויזנ אונדזערע כּור־ וועב. נאָר וועגנ דעם אַלבימיקער אונ וועגנ דעם עלעקסיך האָבנ מיר איר גאָרנישט געזאָגט. וועגנ שוואַמבראַניע האָט זי זייער אָפּמערקזאַם אויסגעהערט. זי האָט זיכ נאָר א ביסעלע פאַרוווּנדערט, וואָס אינ אַזא אינטערעסאַנטער צײַט איז נאָכ פאַראַנ בא אונדז א באַדערפעניש אינ איבערנאַטירלעכע זאַכנ... זי האָט געזאָגט, אַז ס'איז פּאַסעט א ביזויענ. אונ אַז ס'איז צײַט צו אַרבעטנ. אַזוי האָבנ מיר זיכ באַפרײַנדעט שפּאַצירנדיק.

באַגעגענענדיק אינ גאַס דאָנע דינענ, פלעגנ איר די יאַטנ אָפּטרעטנ דעם וועג. זיי פלעגנ שטויסנ איינער דעם צווייטנ מיט די עלנבויגנס אונ איר נאָכקוקנ: „אָט ס'אַרא שיינינקע"! — פלעגנ מיר דערהערנ. אונ איכ מיט אָסיענ פלעגנ שטענע פונ שטאָלצ פאַר אונדזער דינענ.

אַפנ דריטנ טאָג נאָכ איר אָנקומענ האָט דינע צו אונדזער גרויסער פרייד אויסגעזידלט די מומעס. זי האָט זיי געזאָגט, אַז זיי דערציִענ אונדז, ווי באַם אַלטנ רעזשים, אַז ס'איז א פאַרברעכנ, וואָס זיי האַ־ מעווענ די געזעלשאַפטלעכע געפילנ, וואָס קאָכנ אונ זידנ אינ אונדז.

— ריכטיק, — איז מאַסקעם געווענ אָסיע, — בא מיר קאָכנ אָפּט־ אָב, ווי עס בורטשענ די געפילנ... איבערהויפּט נאָכ דער קירבעס־ קאַשע...

קײַקלענדיק זיכ פונ געלעכטער, האָט דינקע געגעבנ צו פאַרשטיינ אָסיענ, אַז ער האָט זי ניט אינגאַנצנ פאַרשטאַנענ, נאָר אַז עס מאַכט ניט אויס. דער שטרײַט האָט זיכ ווײַטער געצויגנ. די מומעס האָבנ גע־

* Шатер — א בײַדל. Шатровый — בײַדלאַרטיק.

מאָלדנ, אז זיי האָבנ לאַנג שוינ מיט אונדז ניט צו טאָנ, אונ אז מיר זייַנענ אריינגעטרעטנ אונטער דער ווירקונג פונ דער גאַס און דעם באָלשעוויזם, וואָס איז, לויט זייער מיינונג, אלצייַנס. אונ די מומעס האָבנ אָנגעהויבנ ריידנ אזוינע מיעסע זאכנ וועגנ דער רעוואָלוציע, אז דינע איז אויפגעשפרונגענ אונ האָט א פּאטש געטאָנ מיט א קלינגענדיקער דלאָניע איבערנ טיש. זי איז געוואָרנ זייער פארוימלט.

— כ׳האָב, דאַכט זיך, פארגעסנ דערציילנ, — האָט געזאָגט דינע, — אז מע האָט מיך אָנגענומענ אינ דער פּארטיי. איך בינ א קאָמוניסטקע.

— אינ פינפ מינוט? — האָט אָסיע א פרעג געטאָנ בייַסיק.

— ניינ, — האָט אים דינע געענטפערט אינ פארלעגנהייט, נאָר פריילעכ.

די מומעס האָבנ געשוויגנ, צעעפענענדיק די מייַלער. נאָכדעם האָבנ זיי די מייַלער פאָרזיכטיק פארמאכט.

## ווענ פעקטיסטקע האָט באקומענ א פאמיליע

— טייַערע קוזענטשיקעס, — האָט געזאָגט דינע, — ברייטע ראב־וועסנ עפענענ זיך פאר אייַער ענערגיע אונ פאנטאזיע. נאָר זייַט געזעלשאפטלעכ, טייַערע קוזענטשיקעס. שוינ צייַט.

זי איז באשטימט געוואָרנ אלס טשובארקאָווס געהילפ אונ אלס פארוואלטער פונ דער קינדער־ביבליאָטעק און לייענזאל.

די מומעס פלעגנ זאָגנ וועגנ דער קינדער־ביבליאָטעק: אנ אלגעמיינ־צוגענגלעכע קינדער־ביבליאָטעק באטייַט, א סאנקציאָנירטער פארשפּריי־טער פונ קרענקלעכע מיקראָבנ, וואָס זייַנענ איבערגעגאנג פאראנ אינ די אַלטע ביכער, ווי אינ קויטיקנ גרעט.

אונ דינע פלעגט טרוימענ וועגנ דער ביבליאָטעק.

— וואָס איז ניט גלאט זיך א טישל, קוזענטשיקעס, ניט גלאט א פּונקט אפּ צעטיילנ ביכער. די קינדער־ביבליאָטעק — דאָס וועט זייַנ דער הויפּט־שטאב פונ לערנענ אונ דערציִענ קינדער אויסער דער שול: א באליבטער קינדער־קלוב. יעדערער איז פאר זיך א באלעבאָס. מיר וועלנ אויסלערנענ אכטנ א ביכל... אַך, קוזענטשיקעס, מיר — וועלנ שאפנ אזא שיינקייַט, צו וועלכער אייַער שוואמבראניע וועט קיינמאָל ניט דער־גרייכנ. אלע יאטנ וועלנ זיך צו אונדז פארשרייַבנ... אָט וועט איר זענ.

נאָר קעדיי צו שאפנ די שיינקייַט, האָט מענ פריִער פאר אלצ בא־

דאַרפט פאַרברייטערנ דעם לאָקאַל פונ דער ביבליאָטעק. מ'האָט בא־דאַרפט פאַרנעמענ די שכנישע צימערנ. דאָרטנ האָבנ נאָכ געוווינט סורדשויענ, וועלכע מ'האָט שוינ לאַנג באַפוילנ זיכ אַרויסקלייבנ. דינע איז אַנטשיידנ צוגעטראָטנ צו אַרויסזעצנ זיי. זי האָט צוליב דרייסט־קייט מיטגענומענ מיכ. אינ דער זעלבער צייט האָב איכ געקאָנט אָנ־הייבנ אַרבעטנ אינ ביבליאָטעק.

כ'האָב געטראָפנ דינענ ווי זי קאָנטראָלירט דעם קאַטאַלאָג אונ די ביכער־קאַרטלעכ. אַרום איר זיינענ געזעסנ אַרומגעריסענע קינדער. כ'האָב דערקענט אַ סאַכ גאַסנ־פּנימער, די אויסגעמאָגערטע קינדער פונ אַרום וואָקזאַל, די געזעצטע יאַטעלעכ אונ מיידלעכ פונ דער בערעזשנ־גאַס, וווּ ס'האָבנ געוווינט די פישערס אונ שיפלערס. די יאַטנ פונ טשור־רעווער באַרג, וווּ ס'זיינענ געשטאַנענ די זעמלינ; די קינדער פונ סאָ־וואַנקע, אונ פונ קאָנסערוונ־זאַוואָד אונ פונ דער ביינמיל. די קלייענדיקע דייטשישע מיידלעכ פונעם ליוטעראַנער געסל. אייניקע פונ זיי האָבנ געהאָלפנ שרייבנ קאַרטלעכ. אַנדערע האָבנ אונטערגעקלעפּט די צעריסענע ביכלעכ, אַנדערע זיינענ געשטאַנענ אפ לייטערס אונ האָבנ אויב־געשטעלט די ביכער אינ די שאַפּעס. אַלע האָבנ געאַרבעט פרייליכ אונ אינ דער זעלבער צייט מיט אַ קאָנצענטרירטער אַנליקייט. דאָס איז גע־ווענ די ערשטע קינדערישע ביכער־בריגאַדע, וואָס דינקע האָט אָרגאַני־זירט. דינענ האָבנ שוינ די קינדער, ווייזט אויס, ליב באַקומענ. זיי האָבנ זי אָנ אויפהער פאַרוואָרפנ מיט פאַרשיידענע פראַגנ:

— דאַנאַ דינע, הא, דאַנאַ דינע, — האָט געפרעגט אַ מיידעלע מיט אַ שפּיציק נעזל, אינ אַ גרויסער שאַל, וואָס איז איר פאַרבונדנ געווענ אפ דער פּלייצע, — דאַנאַ דינע... ווער איז דאָס אַזוינס דאָס הייזל פונ פעטער טאָם?

— דאַנאַ דינאָוונע — האָט עמעצער געשריגנ, — לערמאָנטאָוו — ס'איז אַ שטאָט, צי אַ נאָמענ פונ אַ ביכל?

— אַט, יאַטנ, נעמט צו נאָכ אַ געהילפ, — האָט געזאָגט דינע אָנווייזנדיק אפ מיר, — אָבאַרסקאָוו, פאַרשרייב אים נאָר!

ס'האָט מיכ אַ ביסל פאַרדראָסנ. כ'האָב זיכ אַבסאָליוט ניט גע־קליבנ ווערנ אַ צווייטראַנגיקער געהילפ בא אַט די שלעפּערס. כ'האָב געמיינט, אַז מע האָט מיכ איינגעלאַדנ אַלס פירער. נאָר פונדעסטוועגנ האָב איכ באַשטימט דערוויילע שווייגנ.

— מיר קענענ דיכ, — האָבנ געזאָגט די יאַטנ, — ביסט דעם

דאָקטערס זונ... מע וועט דיכ ניט זידלענ, וואָס דו ביסט מיט אונדז?

— וואָס געהער זיכ אָנ אוהער זידלערײַ? — האָב איכ זיכ באַלײַ־דיקט, — איצטער זײַנענ אַלע גלײַכ.

דער הויכער ברייטפּאַנעמדיקער אוכאָרסקאָוו איז צוגעגאַנגענ צו מיר:

— וואָס ווילסטו ווערנ, אַז דו וועסט אויסוואַקסנ? — האָט גע־פרעגט אוכאָרסקאָוו — אויכ זײַנ א דאָקטער?

— איכ וויל זײַנ א מאַטראָס פונ דער רעוואָליוציע, — האָב איכ געזאָגט.

— דאָס איז א ווילדע זאַכ, — האָט געזאָגט אוכאָרסקאָוו — אונ איכ וויל ווערנ א פּליִער... דאָס איז גרויסאַרטיק...

ס'איז געקומענ דער קאָמיסאַר טשובאַרקאָוו. מיר האָבנ זיכ שוינ לאַנג ניט געזענ אונ מיר האָבנ זיכ ביידע דערפרייט.

— אַהאַ! דו וואַקסט אונטער! — האָט געזאָגט דער קאָמיסאַר, באַטראַכטנדיק מיכ מיט ליבשאַפט, — נו, וואָס שרײַבט עפּעס דער טאַטע פונ פראָנט?

נאָר דאַ האָט דער קאָמיסאַר באַמערקט א גראָבנ בוכ, וואָס איז געלעגנ פונ אויבנ אפ א קופּע ביכער.

— „מיאָרטוויִע דושי“ — האָט איבערגעלייענט דער קאָמיסאַר אונ האָט א קוק געטאָנ אפ מיר ניט זיכער, — נ־יאַ, טויטע נעפּאַשעס... ס'איז ניט וועגנ רעליגיע? ווײַל גאָלאָווישע ביכלעכ דאַרפ מענ בעסער ארויסוואַרפנ, אונ פאַרטיק...

נאָר ווענ ער האָט זיכ דערוווּסט, אַז ס'איז גאָגאָלס, האָט דער קאָ־מיסאַר געזאָגט „שאַ“ אונ מיר זײַנענ אוועק ארויסזעצנ די שכיינים.

צו מײַנ שוידער אונ פאַרלעגנהייט, האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אַז די בורזשויעס, וואָס מע דאַרפ זיי ארויסזעצנ, זײַנענ נאָר טעטע אַפּאָלאָניעס געצעלטע קרויווים אונ טעטע אַפּאָלאָניע איז פּונקט איצטער גע־זעסנ אפ א קאַסטנ, כ'האָב זיכ אפ א מינוט פאַרלאָרנ. טעטע האָט גע־קוקט אפ מיר מיט פאַראַכטונג, מיט צאָרנ, מיט פאַרוואורפ... מיט וואָס איר ווילט האָט זי געקוקט אפ מיר! איכ האָב געוואָלט א שפּײַ טאָנ אפ אַלץ אונ מאַכנ פיס.

— אונ נאָכ א דאָקטערס א זונ, — האָט געזאָגט טעטע.

אונ דאָס האָט מיכ געראַטעוועט.

— בעסער זײַנ א דאָקטערס א זונ, אײדער א בורזשויס א טאָכ־טער, — בינ איכ אײנ קאַם געװאָרנ.

— פּאַרטיק! — האָט א געשרײ געטאָנ דער קאָמיסאַר, — געגעבנ א בײלעק — אונ שאַ.

אובאָרסקאָװ איז װידער צוגעגאַנגענ צו מיר. ער האָט מיר געזאָגט אפנ אויער:

— קומ אפּרעכנאַכט אפנ צײַטונגס־קרײַזל. מיר װעלנ דיכ אויס־קלײַבנ פאַר א פאָרזיצער. ביסט געװאָרנ אנ עמעסער יאַט.

אונ פריִער האָסטו געװוּסט אװעלכער איכ בינ? — האָב איכ זיכ פאַרװוּנדערט.

— זײער גוט געװוּסט אונ געקענט דיכ, — האָט אובאָרסקאָװ גע־ענטפערט, — דו האָסט מיכ ניט דערקענט. דו געדענקסט, איכ האָב בא אײַכ א טאַץ פאַרציקט אונ אנ עמער פאַרבט. איכ בינ פּעק־טיסטקע. איצט בינ איכ אינ קינדערהײמ. באַמ באַלעבאָס האָב איכ דעמ סטרומענט רעקװיזירט. איצטער מאַכ איכ צינדערס („זאַזשיגאַל־קעס"). װילסט, װעל איכ דיר מאַכנ א צינדער, װי א פּיסטאָלעט? א רײַב — אונ א פײַער!

איכ רײכער ניט...

— נו, װעט עס דיר צוניץ קומענ אפ שרעקנ באַנדיטנ....

איכ האָב באַטראַכט דעמ הײַבנ, זיבערנ אובאָרסקאָװ, אונ קוימ דערקענט אינ אימ דעמ בלעכערס שעמעװדיק לערנ־ייִנגל. ניט שװער איז דאָס דער זעלבער פּעקטיסטקע, װאָס אפ זײַנ מאַגערנ רוקנ האָבנ מיר דאָס ערשטע מאָל דערזענ די סימאָנימ, װאָס טײלנ פאַנאַנדער די מענטשנ אפ די, װעלכע מאַכנ זאַכנ, אונ די װעלכע האָבנ זאַכנ? װײַזט זיכ אַרויס, אז ער האָט אפילע א פאַמיליע געהאַט.

אפנ װאָס. באַמ אַרויסגאַנג פונ ביבליאָטעק, האָט מיכ אָפּגעװאַרט דער קאָמיסאַר. ער האָט מיכ גענומענ אונטערנ אָרעמ.

— הער אוים, — האָט טשיבאַריקאָװ געזאָגט צו מיר גלײַכגילטיק. — אָטאָ די... די באַװערטע דינגע... װאָס איז זי דיר? א שװעסטער? הא?

— נו, א שװעסטער, — האָב איכ שטרענג געענטפערט נאָכ דער־פילנדיק, אז דאָס איז ניט ערלעכ, האָב איכ צוגעגעבנ שטיל, אז דער קאָמיסאַר זאָל ניט דערהערנ: — א שװעסטערקינד...

— װײַזט אויס א געבילדעטע, — האָט דער קאָמיסאַר א זאָג גע־טאָנ מיט אנ אונגערעכטנ אומעט.

— נאָך זאַ מין געבילדעטע! — האָב איך זיך באַרימט, — קימאַט שיר ניט געענדיקט אַ הויכשול.

דער קאָמיסאַר האָט אַ זיפֿץ געטאָן.

## אונטערטאַנער פֿונעם נײַעם לאַנד

ניין! מיך האָט מען ניט אויסגעקליבן פֿאַר אַ פּאַרזיצער פֿון צײַטונגס־קרײַזל. דינע האָט געזאָגט די יאַטן, אַז איך בין נאָך ניט אינגאַנצן באַוווּסטזיניק, אַז איך האָב נאָך ליב צו טרוימען וועגן פֿאַרשײַדענע נאַרישקייטן און געבעטיקע טעג... דאָס האָב איך שוין גאָר ניט דערוואַרט פֿון איר!.. אַלס פּאַרזיצער האָט מען גאָר אויסגעקליבן קלאַוודיושע. יאָ, יאָ! די זעלביקע קלאַוודיושע, וועלכע מיר האָבן אָנגענומען אין די שוואַמבראַנער מילכאָמעס נאָר אין דער ראָליע פֿון אַ געפֿאַנגענער.

— איך ווייס, פּאַווידים, וואָס די באַוועדטע דינע האָט נאָרוואָס געזאָגט וועגן ליאָליען, — האָט געמאָכט קלאַוודיושע. — ער טראַכט נאָך אַלץ וועגן איינעם אַ לאַנד... וועגן שוואַמבראַניע, האַלט זיך. זיי שפּילן זיך אַזוי. זיי פֿלעגן מיך זעצן אין געפֿענקעניש. נאָר איצט איז דאָס ווייניק אינטערעסאַנט.

די יאַטן האָבן געקוקט אַף מיר אָפּשפּעטעריש, אָבער פֿרײַנטלעך... דינע האָט געשמייכלט.

— נו קלאַוודיושע, — האָט זי געזאָגט, — די ראָלן האָבן זיך, זעט אויס, געביטן. איצטער ביסטו בײַ אונדז אַ קאָמאַנדירשע און לאַנג שוין אַרויס פֿון די געפֿענקענישן. יאָ! ליאָליע איז נאָך אַלץ אין דער שוואַמבראַנער געפֿענקעניש. עך, דו, קוזעטשיקל מײַנער!..

כ'וואָלט געדאַרפֿט, נאַטירלעך, אויפֿרײַסן זיך, און שטעלן פֿאַרלאַנג אַז די פֿאַרזאַמלונג פֿון אָפּשפּעטער. נאָר שוואַמבראַניע איז מיר אין דער מינוט פֿאַרגעקומען אַ סך מאָל צווייפֿלהאַפֿטער, ווי וועגן עס איז. כ'האָב דערפֿילט, אַז איך וועל ניט געפֿינען קיין איינציק וואָרט צו פֿאַרטיידיקן שוואַמבראַניע. שוואַמבראַניע איז געוואָרן באַפֿרײַט ניט נייטיק, שווער און שענדלעך, ווי עפּעס אַ געוווינהייט, פֿון וועלכער דו ווילסט זיך אָפּגעוווינען.

קלאַוודיושע די פּאַרזיצערין איז צוגעגאַנגען צו מיר.

— זײַ ניט אױף כאַב, — האָט זי געזאָגט, — מע דאַרף ניט. בעסער „אױס שפּיל", און גײ אַרױס פֿון געפֿענקעניש!

זי איז געשטאַנען לעם מיר, אַ דאַריקע און האַגאַראָװע. זי האָט זיך אױף קײן שום שװאַמבראַניע ניט געניטיקט. דאָס איז געװען קלאָר.

און איך האָב אױסגעמעקט אין אונדזער צעטל פֿון װעלטראָמאַנען דעם לעצטן, דעם דריטן פּונקט װעגן די „קאַנדלאָזע יאַמע". מיר האָט זיך פֿאַרװאָלט װערן אַ בירגער פֿונעם װעלביקן לאַנד װאָס קלאַודיושע. איך בין געבליבן.

מיך האָט אינגאַנצן פֿאַרכאַפּט דאָס טומל־זשע און זאַבלעבע, דאָס קאָמישע און ערנסטע לעבן פֿון דער ביבליאָטעק. כ'האָב דאָרטן געאַר־בעט גאַנצענע טעג. איך בין אַרײַנגעקאָמען אַ פּאַרליאַפּעטער אין פּאַרב, טינט און אין קלײ. איך בין אײַנגעלאָדן געװאָרן מיט פּאַפּקעס און זאָרג. נאָך מיר האָט זיך אױך נאָכגעשלעפּט אָסיע. ער איז אײַנגעגאַנגען געװאָרן אַלעמענס ליבלינג. מ'האָט אים באַשטימט פֿאַר אַ פּאַרװאַלטער מיטן שאַפֿ־טישל. — און מיטן בענקעלע, — האָט ער צוגעגעבן, װען מע האָט אים אױסגעקליבן.

אָבאַרקאָװ, קלאַודיושע און איך האָבן אָרגאַניזירט אַ ליטעראַריש קרײַזל. אין אַ בױדעם־אַרום איז אַרױס דער ערשטער נומער פֿון אונדזער זשורנאַל „דער דרײַסטער טעאַנק". איך, אַלס רעדאַקטער, האָב זיך אײַנגעשריבן. צום אַרביטיקער זײַנען מיר קימאַט ניט געגאַנגען. דער טאָג איז געװען פֿאַרנומען מיט דער ביבליאָטעק. יאַנאָװנט פֿלעגט מען אין לײַענזאַל הױך באַטראַכטן די צײַטונגען. דאָס זײַנען געװען גרױסע „נײַס", ניט קײן שװאַמבראַנער, נאָר פֿון עמעצנס פּראָגנאָז. ער־געץ האָט אין אָט די נײַסן אָנטײלגענומען כטיאָפּקעס אַטלאַנטידע און עפּעס אױף דער מאַטע...

מיר פֿלעגן דורכפֿירן פּאַרטראַגן, אײַנאָרדענען דיסקוסיעס װעגן ביכער, ליטעראַרישע אָװנטן און פּרעמיערן. די אַרטיסטן און די צו־שױער זײַנען אַלצײַט פֿאַרכאַפּט געװען. דער רום פֿון אונדזער ביבליאָ־טעק איז אַלץ מער און מער פֿאַרשפּרײט געװאָרן אין פּאָקראָװסק. צענדליקער נײַע יאַטלעך פֿון קראַסניאַװיע, טיאַנדזין, פֿון אָסאָקאָריע פֿלעגן טאָגטעגלעך קומען אַהער...

מיר האָבן אַפּגעשלאָגן אונדזערע פֿיאַטעס און די שיגלן פֿון די אַנשטאַלטן, פֿאָרענדיק קעראָבין אין האָלץ פֿאַר אונדזער ביבליאָטעק.

דינע אונ איך געהילפ זאָרקע, א שטיל, גוט מיידל, פלעגנ מאכנ אינ אויספירקאָמ גוזאָלדיקע סקאַנדאַלנ פאַר יעדנ שטיטל האָלצ. אונ ווענ איינמאָל האָט נית געסטימט קיינ האָלצ ביזנ סאַמע בוידעמ, האָט יעדער געבראַכט וויפל ער האָט געקאָנט. די קלייניקע פאַרפרוירענע יאַטלעכ פלעגנ ברענגענ, ווער ברעטער, ווער א שטיקל שאַפע אונ ווער א ביסל שפענדלעכ. כאָטש זיי האָבנ אליינ בא זיכ אינ שטוב נית געהאַט מיט וואָס צו הייצנ, פונדעסטוועגנ האָבנ זיי געשלעפּט. אונ ווידער האָבנ גע-הודעט די איוועלעק אונ אינ אָוונטנ האָבנ די קליינע לייענער געהערט, זיכ צופרידנדיק פונ די ביכלעכ, ווי זינגענדיק עס ברענט אונ סאַלוטירט מיט פונקענ זייער האָלצ. אונ יעדער האָט באַלעבאַטיש באַטראַכט דעמ צימער, די שאַפעס, די טישנ, די שביינים, אונ יעדערער האָט זיכ גע-פילט ווי א באַלעבאָס. אונ די פרייליכע קאָמאַנדע פונ די איוועלעכ האָט פאַרטריבנ דאָס בורטשענ פונ די ליידיקע מאָגנס.

טשובאַרקאָוו פלעגנ בייטנ די ביכלעכ קימאַט אלע טאָג. ער פלעגנ לייענענ מוירעדיק פיל אינ שטענדיק באַזוכנ אונדזערע פאַרשטעלונגענ, אָוונטנ, דיספוטנ. זיינע קלינגענדיקע, ווי מעטאַלענע אָפּהאַנדלונגענ פלעגנ אונדז באַגייסטערנ. אימ אליינ פלעגט אָבער מער פאַר אלצ באַ-גייסטערנ דינעס אָנגעוויזנהייט. דינע האָט געהאַט אפ אימ, ווי ער פלעגט אליינ זאָגנ, א גרויסע קולטורעלע ווירקונג. אומבאַוווסטזיניקע האָבנ געזאָגט, אז דער קאָמיסאַר איז פאַרשעמט פאַרליבט. נאָר צו אונדז האָט זיכ דאָס נית אָנגעהערט.

## א פאָשעט לאנד

אינ רעכטנ ברעג פונ דער אַרבעט האָבנ מיר איינגעאָרדנט א גרויסנ צוונט. מיר האָבנ איינגעלאָדנ די עלטערנ פונ אונדזערע קינדער. מיר האָבנ אויפגעראַמט די ביבליאָטעק, אַראָפּגענומענ דאָס שפינוועבס אונ אויפגעהאַנגענ נייע פּלאַקאַטנ. כ'ווייס נית פאַרוואָס, אָבער געקומענ זיינ-ענ נאָר די מאַמעס. זיי האָבנ געהאַלטנ אינ איינ פאַריכטנ די קעמלעכ אינ די האָר אונ באַהאַלטנ די גרויסע הענט אונטער די פאַטשיילעס. מ'האָט זיי געגעבנ די בעסטע ערטער. דינע אונ זאָרקע האָבנ זיי מכ-באַבעד געווענ מיט טיי מיט פּאָווידלע, נאָר אָנ צוקער.

גאָר עפּעס נאָר א נייער געפיל פונ אַלגעמיינער ווירטשאַפטפירונג אונ אַנ אייגנאַרטיקער גרויסער גאַסטפריינטלעכקייט האָט פּלוצעמ א שטופּ געטאָנ מיכ אונ אָסיענ אפּ א העלדנטאַט.

כ'האָב זיך אָנגעטאָן קעדיי צו לויפן אין שטוב.

— דעם שוואַמבראַנער צוקער? — האָט אָביע געפרעגט. ער האָט מיך פאַרשטאַנען.

— ניט אַנדערש! — האָב איך געענטפערט.

דינע איז געווען אויפריכטיק גערירט, און איך האָב זיך פאָרגע־שטעלט, וואָס וואָלט געווען, ווען דאָס אַלץ וואָלט דערזען סטיאָפּקע אַטלאַנטידע.

— אָט, סטיאָפּקע, — וואָלט איך געזאָגט, — איך גיב אָפּ צום אַל־געמיינעם נוצן דאָס גאַנצע זיכע פּריוואַטאייגנטום.

— — ביסט יאָ באַבער א כיאט, — וואָלט סטיאָפּקע געזאָגט, — אזוי דאַרף טאַקע טאָן א מאַטראָס פון דער רעוואָליוציע.

און מיט שטאָלץ, וואָס האָט אויך צעשפּאַרט אינדזערע הערצער, האָבן מיר צעטעלט, ווי די מאַמעס טרינקען טיי מיטן שוואַמבראַנער צוקער.

מיר האָבן געשפּילט דעם אָוונט דעם צווייטן אקט פון גאָגאָלס „זשעניטבא".

— זע נאָר, זע, פּעטראָוונא, — האָבן אָנגעהויבן די מאַמעס אין זאַל, — זע נאָר ווי מיינער טרעט ארויס... ווי אַן עמעסער קאַוואַליער.

— גאָטעניו! ס'איז דאָך ניורקע, אָפּ מיין ערנוואָרט, אַז ס'איז ניורקע... זע נאָר, ווי זי האָט זיך עס איבערגעפּוצט... ניט צו דערקענען נאָר.

— ניורקע! אונדזער ניורקע...

און אָט דער דאַרינקער איז ווער?.. דעם דאָקטערס? דערפאַר, הער איך, דריקט ער זיך איים (אזוי) גוט...

— פּעטראָשינקע! ווי מיין פּעטראָשינקע האָט אויסגעלערנט די ראָלע!.. אָט א שניידער!.. מער פאַר אַלעמען רעדט ער... און דער, וואָס אין ביירל, איך אוואַרע פאַרשוויצט געוואָרן, אינטערזאָגנדיק אים.

— סטיעפּאַנידע, הא, סטיעפּאַנידע, וואָזשע איז דיינער?

— מיינעם זעט מען ניט! ער האַלט דעם פאָרהאַנג.

דער דערפאָלג איז געווען א גוואַלדיקער. די אַרטיסטן זיינען שיר ניט דערשטיקט געוואָרן אין די מוטער־אָרעמס פון די צושויער.

נאָך דער פאָרשטעלונג האָט אָביע געלייענט די באַשרייבונג פון דער אוקראַיִנישער נאַכט ביי גאָגאָלס „סאָראָטשינסקאיא יאַרמאַרקא".

און זאַל איז געוואָרן שטיל.

— צי ווייסט איר דין אוקראַינער נאַכט? — האָט אָסיע אָנגעהויבן מיט געפיל.

— ניין, ניין!!! — האָט דער זאַל אָנגעהויבן שרייען, — מיר ווייסן ניט! ביטע!

— ניין! איר ווייסט ניט די אוקראַינישע נאַכט — האָט פאָרטגעזעצט דער אַ ביסל פאַרלאָרענער אָסיע.

— פאַרשטייט זיך, מיר ווייסן ניט, — האָבן איינגעשטימט די מאַמעס, — פונוואַנען זאָלן מיר וויסן... וואָס פאַר א דערציִונג האָבן מיר דען געהאַט...

...נאָכדעם האָבן די קינדער אַרומגעפירט די מאַמעס, און זיי באַוויזן אַנדערע פּלאַקאַטן, געמעלן, זשורנאַלן.

— איר זעט, הא? — א גאַנצע מעלוכע! — האָבן געזאָגט די מאַמעס.

נאָכדעם האָבן זיך אָנגעהויבן טענץ און שפּילערייען. צוערשט האָבן זיך די מאַמעס געטוליעט צו די ווענט, זיך געשעמט, נאָר דינע און זאַרקע האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט אפן מיטן צימער. איך און אָסיע האָבן א דונער געטאָן די „באַרינע" און דער צימער האָט זיך א דריי געטאָן ווי א גרויסע קאַרוסעליע. בא אונדז אין דער היים פלעגן זיין ווייַנאַכט־ביימלעך און „געבורטס־טאָגן". אָבער קיינמאָל איז ניט געווען אזוי פריילעך און גוט.

— נו, א דאַנק אייך, דאַנקע דינאָטשקע! — האָבן די מאַמעס געדאַנקט שמייכלענדיק, — און אייך, זאַרענקע, און אייך, קינדערלעך!.. א דאַנק... אונדזער אייגענע יוגנט איז שוין פאַרפאַלן... דערלעבט כאָטש זאָלן אונדזערע קינדער אין פרייד... א דאַנק אייך.

— זיך אליין דאַנקט, — האָט געזאָגט דינע. — אָט דאָס אַלץ איז אין אייערע הענט.

קלאַוודיושע האָט מיך אוועקגעשלעפּט אין „צימער פון איבעראַשונגען". איין ווינקל צימער איז געווען פאַרהאַנגען מיט שיינע פאַרהאַנגען. פון אויבן איז געהאַנגען א טאָוועלע: „פאַנטאַזיע", „א ווונדער־דיקע לעטוואָנע־נאַכט".

— ווילסט א קוק טאָן? — האָט געפרעגט קלאַודיע — טאָ באַצאָל א פאַנט.

איך האָב געגעבן עפּעס א פאַנט. קלאַוודיושע האָט איינגעדרייט דעם לאָמפּ.

— קוק! — האָט זי געזאָגט, פאַרשאַרנדיק דאָס פאָרהאַנגל.

כ'האָב דערזען א גאָלדענע ראַם. אין דער ראַם איז געווען אריינגעפאַסט א וואונדערלעך געמאָלטע ווינטערדיקע נאַכט־לאַנדשאַפט, די בלויע מילך פון דער לעוואָנע האָט פאַרטאָכן די פאַנאָראַמע. ס'זיינען גליצנדיק אָפּגעקאָפּירט געוואָרן די פּאָקראָווער שפּיגלערס. די שלאַנקע וואַסערפּאָמפּע איז געשטאַנען אינמיטן דעם זייטן פלאַץ. אין די קליינינקע שטיבעלעך האָבן געפינקלט רויטע פייערלעך.

ענלעך? — האָט געפרעגט קלאַודיושע.

— זייער — האָב איך געענטפערט. — נאָך א סאַך שענער ווי אין דער ווירקלעכקייט... ווער האָט עס אָנגעמאָלט?

— דיינע האָט עס אָנגעמאָלט, — האָט זיך צעלאַכט קלאַודיע. — און זי האָט אָנגעזאָגט, אז מע זאָל דיר אומבאַדינגט באַווייזן. קוק!..

פּלוצעם האָב איך דערזען, ווי הינטער דער פאַנאָראַמע באַווייזט זיך א קליינטשיקער פורמאַן... אין דער זילבער רענע איז די בוטאַפאָרישע נאַכט אָפּגעשפּרונגען אַף צוריק. די פּערספּעקטיוו האָט זיך פאַרטיפט. די שפּיגלערס האָבן באַקומען די נאָרמאַלע מאַסשטאַבן. און כ'האָב פאַרשטאַנען, אז ס'איז נאָר ניט קיין פאַנאָראַמע. די ראַם איז געווען אָנגעטאָן אַף א גרויסן פענצטער. דער פענצטער גייט ארויס אַפן פלאַץ. איך האָב געקוקט אַף א געוויינלעכער נאַכט פון ווירקלעכן פּאָקראָווסק. כ'וואָלט זיך נאָר קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אז אַף די שיינע נאַכט און אלץ, וואָס ס'איז הינטן באַקלערימען אַף אונדזער אָוונט, זאָל קאָנען באַרימען אַף דער פּאָעטישער ערד. דער געפיל פון לאַנגווייליקער אומווירקלעכקייט איז געפאַלן אַף שוואַמבראַניע. דער שוואַמבראַנער באָדן האָט אָנגעהויבן פאַרשווינדן אונטער מיינע פיס. נאָר אין דער ראָזיקער מינוט האָב איך דערהערט א געלעכטער, וואָס האָט מיך באַרויקט. כ'האָב זיך אומגעקוקט. דיינע איז געשטאַנען הינטער מיר מיט א באַפּונטע יאָטן.

— נו, וואָס? — האָט געזאָגט דיינע, — דו דאַרפסט נאָר האָבן א גאָלדן רעמעלע? און דעמלט קאָן פּאָקראָווסק ווערן שוואַמבראַניע? איי, הו?

די יאָטן האָבן געלאַכט. אָסיע איז צוגעגאַנגען צו מיר. ער האָט מיך גענומען פאַר דער האַנט. מיר זיינען ביידע געשטאַנען אינעם קרייז פון די לאַנדישע קינדער. ס'האָט געלאַכט פּעטקעס אויבאַרבאַו, ס'האָט געלאַכט קלאַודיע. איך מיט אָסיען האָבן זיך שוין אויך

נעקליבנ געמענ אנ אנטייל אינעם אויסלאכנ דאָס לאַנד פונ גרויסנ צאָנ,
נאָך די זודיקע געבליבנ פונ די שוואַמבראַנישע האָבנ אונדז דערלאַנגט
אינ קאָפּ. ווי וואַגנ זיי לאַכנ פונ אונדז? וואָס זײַנענ מיר זיי?...

— נו, איר האָט שוינ פאַרשטאַנענ איצט, הא? — האָט דינע גע־
פרעגט.

מיר האָבנ ניט געענטפערט.

— כ'וועל אײַך דערקלערנ, יאַטנ, — האָט געזאָגט ראָנאַ דינע, —
שולדיק איז דאָ דאָס אַלטע גלײַכווערטל: דאָרטנ איז גוט, ווו מיר זײַ־
נענ ניטאָ. נאָך דער באַוווּסטער קאָמוניסטישער שרײַבער פראַנצ מער־
רינג האָט געשריבנ: דער פּראָלעטאַריאַט דאַרפ ניט בויענ קיינ וועלט
אינ די כמאַרעס, ווײַל ער קאָנ און וועט אויסבויענ זײַנ קעניגרײַך אַפ
דער ערד, און אַפ דערויפ איז כאַ אונדז אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע,
און עס זאָל זײַנ גוט דאָרטנ, ווו מיר זײַנענ פאַראַנ!

אינעם דונער פונ אפּלאָדיסמענטנ האָב איכ דערהערט דעם אומקומ
פונ דער אנטקרויצטער שוואַמבראַניע.

איכ און אָסיע האָבנ זיכ גענומענ פאַר די הענט, אינ מיר זײַנענ
שטאָלצ אַרויס פונעם דערנדיקנ צימער.

— וווהינ? — האָבנ די יאַטנ אָנגעהויבנ שרײַענ, — איך האָט זיכ
באַלייריקט, שוואַמבראַנער?

— נישקאָשע, נישקאָשע, זיי וועלנ זיכ אומקערנ, — האָט דינע
געזאָגט מיט איבערצײַגונג — ראָבינזאָנס און פּרײַטיקס אָצינג זײַנענ
איצט נאָכ ווייניקער באַקוועמ אייער דאָנקיכאָטס און סאַנטשאָ־
פּאַנטשאָס פאַנצערס... זיי וועלנ זיכ אומקערנ!.. זיי וועלנ זיכ אומקערנ
אַרבעטנ און ניט שפּילנ זיכ.

## דער אָנפאַל פונ די יאָהאָהאָנצעס

אויסער אוראַדאָנאַל שאַטעלעטא, די מומעס און דעם אַדמיראַל קאָל־
טשאַק, האָט די רעוואָלוציאָנערע מענטשהײַט געהאַט נאָכ איינ געפע־
לעכנ פײַנט. דאָס איז געווענ די באַנדע — יאָהאָהאָנצעס. די יאָהאָהאָנ־
צעס האָבנ געוווינט אַפ דער אַטקאַרסקער גאַס, אַפ פּעטראָווסקער אינ
קאַראַטאָזוער... זייער אַטאַמאַנ איז געווענ דער געלער וואַסיע קאַנדראַש
(קאַנדראַשאָוו). זייער אידייישער שטאַב און באַנײַסטערער איז געווענ
אונדזער בינדיונג־מאַרטינענקאָ.

— יאַ-האַ-האַ! יאַהאַהאַ! בא אונדז קיינ מוירע איז ניטאָ... — דאָס איז געווענ זייער קריגס-געשריי, מיט וועלכנ זיי פלעגנ ארומגיינ אַפ זייערע נאַכנ.

אונדזער ביבליאָטעק האָט ניט אויסגעמיטנ זייער אָנפאַל. זיי זיי-נענ געקומענ זונטיק. א וואָכ פאַר דעמ אָוונט, ווענ מיר זיינענ אוועק-געגאַנגענ. זיי זיינענ געווענ א מענטשנ פופצנ. וואַסיע קאָנדראַש איז צוגעגאַנגענ צומ טיש, ווו דאָנע דינע איז געזעסנ.

— נו, גיט מיר נאָר א וועלכנ-ניט-איז ביכל, — האָט געזאָגט קאָנ-דראַש, — נאָר עפּעס אינטערעסאַנטס... צומ ביישפּיל: מיסטער לינ! וואָס, ניטאָ? אונ פינקערטאָנ האָט איר?.. ניינ? אונ שערלאָק כאָלמס איז פאַראַנ?.. אויכ ניטאָ? אָט דאָס הייסט א סאָוועטישע ביבליאָטעק, ניטאָ וואָס צו ריידנ, יאָ...

— אזעלכע ניט גוטע אונ נאַרישע ביכלעכ האָבנ מיר ניט, — האָט געזאָגט דאָנע דינע, — מיר האָבנ יאָ כאַנ אינטערעסאַנטערע ביכ-לעכ. ווי איכ זע, זייט איר קעמפערישע יאַטנ, איז עפשער וואָלט איר אונדז מיטהעלפנ? בא אונדז איז יעדער לייענער — א באַלעבאָס. איר וואָלט געקאָנט אָפּהיטנ די אָרדענונג אינ ביבליאָטעק אונ שטיינ אַפ דער וואַכ בא דער ביכער-אויסשטעלונג? ווייל א סאַכ כוליגאַנעס פאַמעריג אונדז אונ רייסנ די ביכער. אונ אַף אייכ וואָלט איכ זיכ געקאָנט פאַרלאָזנ.

דאָס איז געווענ זייער אומגעריכט... די יאַהאַהאַנצעס האָבנ זיכ פאַרלאָרנ. די באַנדע האָט זיכ איבערגעקוקט.

— דו ביסט אוואַדע בא זיי דער הייפּטראַטמאַנ? — האָט דינע א פרעג געטאָנ בא קאָנדראַשנ.

— איכ, — האָט ער געענטפערט צופרידנ, — אונ פונוואַנענ האָס-טו... האָט איר זיכ דערוווּסט?

— אלע ווייסנ, — האָט דינע געענטפערט, — נו, איז ווי-זשע, קאָנ-מענ דיר אָנטרויענ די אָרדענונג?

די יאַהאַהאַנצעס האָבנ זיכ ווידער פאַרלאָרנ.

— וואָס פאַר א פראַגע! — האָט קאָנדראַש געענטפערט באַליידיקט, — וואָס האָט איר אָנגעטראָגנ שטיי אהער — האָט ער זיכ פלוצעמ צע-שריגנ אַפ זיינע יאַטנ — איר זעט קראַנק ארומדרייענ די וואַ-קעס?.. עכ, ס'אַהאַ איכאָרדענונג!

די יאַהאַהאַנצעס זיינענ פאַרלאָרנ אַרוימ אונ קאָרידאָר. זיי האָבנ

דערמיט לאַנג אונ ווי געהעריק אָפּגעווישט די פיס. נאָכדעם האָבנ זיי אויפגעהאַנגענ זייערע היטלענ אויפנ הענגער.

נאָך בינדיוג האָט ניט געקענט מויכל זיינ דעם פאַראַט זיינע יאַ־האַנצעס. א בייזער אונ א פאַרביטערטער, האָט ער מיכ איינמאָל געפּאַקט, ווענ איכ בינ דורכגעגאַנגענ פאַרביי דער ביבליאָטעק. בינדיוג האָט מיכ געהאַלטנ פאַרנ הויפּט־שולדיקער אינעמ פאַראַט פונ די יאַ־האַנצעס. ער האָט מיכ אָנגעטאַפּט פאַרנ לאַץ פונ שינעל. דער געשפּרעכ איז געווענ קורצ.

— דו?

— איכ.

— נאַ!!

ווענ כ'האָב מיט מאַטערניש געעפנט די אויגנ, איז געווענ א גנ־שלעג. אובאַרבאָקאָוו אונ די יאַהאַנצעס האָבנ אויסגעקליילט בינדיוגנ. איכ בינ אויפגעשפּרונגענ אונ האָב זיכ א וואָרפ געטאָנ אינ געשלעג. אונ מע האָט מיכ אויכ אַריינגענומענ.

— אַלע — אַפ איינעמ?! — האָט געשריענ בינדיוג.

ניינ! אַלע פאַר איינעמ! — האָט מענ אימ געענטפערט אונ געגעריקט.

בינדיוג האָט נאָכ קיינמאָל, דאַכט זיכ, ניט געכאַפּט אַזוינע פעטש. כ'האָב גוט געוויסט, פאַרוואָס מע שלאָגט בינדיוגנ. דאָס איז געווענ אַנ עמיגער אונ ענטפּלויערטער פיינט. מ'קענ זאָגנ, אַז ער איז טאַקע געווענ א יאַט „ווי מע זאָגט"... אַלציינס האָט אימ געקומט... זיי ליגנ, וואָס צעטיילט די וועלט אַפ צוויי לאַגערנ, איז מיר קלאָר געוואָרנ. בינדיוג איז געווענ דאָרטנ. אונ איכ בינ געווענ דאָ מיט די יאַנגנ, צו העלפנ בייהאָבנ זיכ אומגעקערט פונ שוואַכבראַניע. מ'האָט מיכ אַרײַנגענומענ אינ געשלעג, אונ איכ האָב געשלאָגנ בינדיוגנ מיט גרויס פאַרגעניגנ. כ'האָב געשלאָגנ פאַר זיכ אונ פאַר חבֿאַטיענ. כ'האָב אימ געגעריקט, ווי אַנ אַנטלאָפענער שוואַכבראַנ אונ געמאַזירנ, ווי א מאַטראַס פונ דער רעוואָליוציע.

מיר האָבנ אימ צעטרעטנ.

## גרויסע נייס

מיט טריומפ האָב איכ זיכ אומגעקערט פונ שלאַכט־פעלד אַהיימ. דער קאָפּ האָט געשווינדלט פונ ניצחונ אינ פינעמ שרעקלעכנ קראַפ,

וואָס כ'האָב געבראַכט פֿון בינדוגע. אָבער האָט מיך באַגעגנט אין
פּאָדערציִמער.

— „הוראַ! הוראַ! — האָבן די שיאַמבראַנער זיך צעשריִען", —
האָב איך געהערט.

— גרויסע נײַעס, — האָט אַבע געזאָגט מיט אַ נאַרישן קאָל.

אַלע זײַנען געזעסן אַרום טיש. דער אומגליק איז געלעגן אויפֿן טיש.
אויסגעצויגן ווי אַ העמד.

— בײַם טאַטן איז פֿלעקטיפֿוס! — האָט די מאַמע געזאָגט מיט
אַ שפּיטאָל־פּאַפּירל, — קיין פֿאַרבינדונג מיט אַראַלסק איז ניטאָ...
די טעלעגראַמע איז געגאַנגען נײַן טעג... מ'קאָן זאָגן, אַז ער איז שוין...

(הוראַ, הוראַ!... איך געפֿאַלן).

מ'האָט מיר געגעבן וואַסער.

איך כ'האָב זיך אַליין איבערגעטריבן פֿון דיל. צוויי וואָכן נאָך דעם
האָבן מיר נאָרנישט געוווּסט וועגן דעם טאַטן. צוויי וואָכן האָבן מיר
ניט געוווּסט, צי מיר דאַרפֿן רײַדן וועגן אים — ווי וועגן אַ לעבעדיקן
צי ווי וועגן אַ מתן?

צוויי וואָכן האָבן מיר מורא געהאַט רײַדן וועגן אים, ווײַל מיר
האָבן ניט געוווּסט, צי צו זאָגן די ווערטער מיטן טאַטן אין קעגנ־
וואַרט, צי אין דער פֿאַרגאַנגענער צײַט...

אין אָט די שווערע טעג האָט מען אונדז געזאָגט, אַז מ'האָט גע־
האַרגעט באַשאָסן.

גאַריקע בעשעאַך, דער זון פֿון אַטאַמאַניכע, איז געשטאָרבן ווי
אַ העלד. וועגן דעם האָט מען דערציילט פֿאַרשיידענע געשיכטעס.
וואָלאָדיע לאַבאַנדאַ האָט דערציילט, אַז ער האָט געהערט פֿון אַ דריט־
אַרמייער, אַז די ווײַסע האָבן פֿאַרכאַפּט בעשעאַכן און אים באַפֿוילן:

— צום וואַנט!

און אַז בעשעאַך האָט זיי געזאָגט: — מיך דאַרף מען ניט פֿירן...
מיך פֿירט מען אין קלאַב אַליין טאָן שטעלן צום וואַנט.

מ'קאָן זאָגן, אַז לאַבאַנדאַ האָט עס אַליין אויסגעטראַכט — איך ווייס
ניט. נאָר אַ פֿאַקט — מ'האָט אים געהאַרגעט. כ'איז איבערגעבליבן
גאָריקע בעשעאַך, מײַן צונאָמען אַטאַמאַנידע. כ'וועל שוין ניט אַרויס־
גיין אים באַגעגענען אין פֿאַראַכטעטע וואָלקעס און מיט פּיאַנער שטייי
אין די פֿאַרשוואָלענע הענט. איך שרײַב וועגן אים און מער שוין
ניטאָ וואָס שרײַבן.

# דאָס צוריקומען

די שטאָט ווערט פֿאַרטויבט אינעם שניי, ווי אַן אויער, וואָס איז פֿאַרלייגט מיט וואַטע. די שניי־בערגלעך קײַקלען זיך איבער די פֿאַר־שוואָלענע גאַסן. די הויפֿן זײַנען פֿול ביז איבער די פּלויטן, ווי גרויסע מעלקאַסטנס. קאַלט. עס קאַפּעט דער כמורנער הימל, זיך פֿאַרטשעפּענדיק אין די קוימענס. אַף די קוימענס האָט זיך אָנגעזאַפּט דער הימל, (ווי) וואַסער־געשוויקטע אין פֿאַליעס, און גייט אויף מיט קיזעק־רויכלעך. קאַלט. זאַווייעס גראָבן אָן אין דער שטאָט. ערגעץ אין סטעפּ פֿירן סאַניטאַר־צוגן. און ס'קאָן זײַן, אַז דער טאַטע אויך...

געכטן האָט זיך אַ צוג אַרויסגעריסן פֿונעם שניי־אָנשיט. איך בין אַוועקגעלאָפֿן באַגעגענען אים. דער צוג איז צוגעקומען. שטיין געבליבן. קיינער איז נישט אַרויס פֿון די וואַגאָנעס.... ס'איז געווען אַ צוג מיט מייסים. די קראַנקע זײַנען פֿאַרפֿרוירן געוואָרן אין וועג. די מייסים האָט מען צונויפֿגעלייגט אויפֿן פּעראָן. נאָר דער טאַטע איז צווישן זיי נישט געווען.

קאַלט. אומעטיק. ס'ווילט זיך זייער אַוועקגיין אין ביבליאָטעק, און אַן אַרבעט טאָן מיט די יאַטן, פֿאַנאַנדערקלײַבן די ביכער, אַ שמועס טאָן וועגן דער הײַנטיקער צײַטונג. נאָר מיר איז נאָך אַלץ נישט באַקוועם זיך באַווײַזן אַהינצו נאָכן גראָמירן שוואַמבראַניע. וואָס איז דען שוואַמבראַניע? אַ טשוטשעלע פֿון אַ לייב, אָנגעפּילט מיט היי. אַ נאַראַנער. אַפֿילע אָסיען איז שוין לאַנגווײַליק צו שפּילן אין דעם.

פֿון לאַנגווײַל גייען מיר אַוועק צום אַלכימיקער צו גאַסט. זינקענדיק אין שניי, קריכן מיר דורך אין קעלער. אַן עקלדיק בילד. זיי האָבן, ווײַזט אויס, אַלע אײַנגענומען צו גרויסע דאָזעס פֿון זייער עליקסיר. פּיליעניקין וואַלגערט זיך אויפֿן דיל. אַגריפּינע, דאָס ווײַב פֿונעם שוואַמבראַנער פּרעזידענט, ברעכט אין ווינקל. נאָר דער אַלכימיקער האַלט זיך נאָך אויפֿן טאַבורעט.

— ווילסט... דעם עליקסיר? — רייכט ער מיר פֿאַר אַ גלאָז, — ווע... וועסט ווערן אַזאַ לוסטיקער, ווי איך...

איך נעם די גלאָז. אַן איבעריש פֿון סאַמאַהאָן גיט מיר אַ זעץ אין נאָז. ס'איז דאָך... — ס'איז דאָך סאַמאַהאָן!!!

— כע, כע. נאַטירלעך, סאַמאַהאָן, זאָגט דער אַלכימיקער — עמער־

סער ריכער, ווי ראָזשינקעס... עמיע... אַלײן געמאַכטער... מײַן עליקסיר שוואַמבראַניע. אָבער שוואַמבראַניע איז אויך עמיע... א מין סאָרט סאַמאַהאָן... א קונסטאַרישע פֿאַנטאַזיע, א טרוים פֿון אײגענער דעסטילירונג....

לויפֿן מיך אַרויס, ניט אויסהערנדיק אים. וואָס פֿאַר אַן אומגליקן שיטן זיך אַפ אונדז! ניט שוין האָבן מיר מיטגעהאָלפֿן א סאַמאַהאָנטרײַבער!... א קונסטאַרישע פֿאַנטאַזיע... א טרוים פֿון אײגענער דעסטילירונג... גאָר דערשלאָגענע, ליגן מיר זיך פֿרי שלאָפֿן. אָן א טרוים אין אָן א הנאָה. און דער שלאָף ניט קײן הײמלעכער, נאָר א צעיווירענער, ווי א שנײבאַרג שלינגט אונדז אײַן.

שפּעט באַנאַכט וועקט אונדז א קלאַפּערײַ אין טיר. אַבי שלאָפֿט, איך שפּרינג אַראָפּ. איך דערהער דעם טאַטנס שוואַכן קול, ער לעבט!!! מע פֿירט אים אַרופֿ אַפ די טרעפּ. די טריט זײַנען ניטזיכערע און וואַקלדיקע. ער איז געל און שרעקלעך, דער טאַטע. די באָרד, א גרויסע ווי א מאַנישקע, ליגט אים אַפ דער ברוסט. ער נעמט אַראָפּ דאָס היטל. די מאַמע וואַרפֿט זיך צו אים, נאָר ער שרײַט:

— האַלט קײנער ניט צוגײן צו מיר... לײַז... כ'בין א לײַזיקער... פֿריער זיך אַרומוואַשן... און אָפּעסן... באַטש קאַרטאָפֿל...

און זײַן קאָל טרייסלט זיך צוזאַמען מיטן קאָפּ. מיר הייצן אָן די בורזשויקע, פּרעגלען קאַרטאָפֿל און וואַרעמען קאַווע. מיר שטעלן אַוועק אַפן טיש דאָס יאָנטעוודיקע לעמפּעלע. מאַמעס — יאָנטעוו...

דאָס וואַסער אַפ וואַשן זיך האָט זיך שוין אָנגעוואַרעמט. מיר גייען אַרויס אין צווייטן צימער. מיר הערן ווי עס קלאַפּט די זייף אָן דעם טאַטנס ביינער. אין א פֿערטל שעה אַרום רופֿט מען אונדז צוריק. דער טאַטע איז אָנגעטאָן אין א ווײַס העמד, אַרומגעוואַשן און שוין ניט אַזוי שרעקלעך. ער דערציילט וועגן פֿראָנט. ביזוואַנען ער דערציילט וועגן זיך, רעדט ער רויק. עס הויבט זיך נאָר, אַז די גרויסע באָרד ליגט זיך שווער אַפ זײַנע ריד... נאָר פּלוצעם הייבט ער זיך אָן שטיקן פֿון אויפֿרעגונג. ער וויינט.

— בא מיר פֿרעגן קראַנקע... שטאַרבנדיקע... וואַלגערן זיך אַפ פֿאַרפֿרוירענער ערד... כ'בין דאָך א דאָקטער.. איך כ'קאָן ניט...

די מאַמע באַרויִקט אים. דער טאַטע קומט צו זיך. ער טרינקט קאַווע און פֿרייט זיך מיטן לאָמפּאָרט. ער קוקט אַפ מיר.

— היפש אויסגעוואַקסנ, — זאָגט ער, אונ מיט דער באַקאַנטער באַוועגונג פאַרקלעמט ער מיר די נאָז.

— ער איז גאָר צעלאָזנ געוואָרנ — האָבנ זיכ די מומעס גענומענ קלאָגנ — מע האָט אַלע ביכלעכ צעשלעפּט פאַר די פּראָלעטאַריער

— הערט אויפ, — איז דער טאַטע געוואָרנ אויפגערעגט,—עס ווערט מיר... ווי קאָנ מענ אינ אַזאַ צײַט טראַכטנ וועגנ אַזוינע קלייניקייטנ...ווענ איר זאָלט געווענ זענ, ס'אַרא פּענעמער זײַנענ געווענ בײַ אונדזערע, ווענ זיי האָבנ געטריבנ יענע... ווענ איר זאָלט...

אינ אַ שאָ אַרום זײַנענ מיר זיכ צעגאַנגענ שלאָפנ. אַזוי אַרום, ביז איכ בינ געוואָרנ אויס הויפּט־מאַנצבל. נאָר דאָ האָב איכ דערפילט, פּונקט ווי עפּעס אַ רימענ, וואָס האָט מיכ די גאַנצע צײַט צונויפגעצויגנ אונ געשטיקט, וואָלט זיכ פּלוצעמדיק צעשפּליעט. איכ דערפיל מיטאַמאָל, אַז עס אָטעמט זיכ פרײַער, אונ זיכ אַ וואָרפ געבנדיק מיטנ קאָפּ אינ קישנ, האָב איכ זיכ פונ גאַנצנ האַרצנ צעוויינט. כ'האָב געוויינט פאַרנ טאַטנס קרענק, פאַר מײַנע באַליידיקונגענ, פאַר די אוראַלער רויטאַרמייער, פאַרנ אָרעמענ סטיפּעקענ, פאַר דער סאַמאָהאָנ־באַליידיקונג אונ פאַר אַ סאַכ אַנדערע ווייטיקנ.. נאָר קיינ איינציקע פונ די טרערנ באַוואַסערט [illegible]. אפילו קיינ איינע ניט.

אינדערפרי וועל איכ אַוועקגיינ אינ ביבליאָטעק.

## פײַער אונ אש

דער פּאַנצערצוג איז אַרײַנגעפלויגנ אינ שטאָט. פונעמ וואָקזאַל האָט מענ אימ איבערגעפירט אויפ דער אינערלעכער ליניע, בײַ וועלכער עס האָבנ זיכ געפונענ אַלע שפּײַכלערס, אונ דערפאַר האָט זי זיכ גערופנ אַמבאַרנע. *

דער פּאַנצערצוג האָט זיכ מיט אַ ליאַזג באַוויזנ אויפ דער אַמבאַרנער ליניע. ער האָט ניט איידל אַ שמעק געטאָנ ברעשקענ אינ פּאָנעמ די רעדער פונ זײַנע קאַנאָנענ. די זײַטנ פינ זײַנע פּאַנצער־וואַגאָנעס זײַנענ צעקײַטשט געווענ אינ קאַמפּ. איבערהויפּט האָט געליטנ דער לאָקאָמאָטיוו, בײַ אימ איז צעטרייבערט געווענ דער פּאָרנס. אינ זײַנ גרינבלויענ פּאַנצער, איז ער ענלעכ געווענ אויפ אַ גרויסנ קריגערישנ

* אַמבאַר — אַ שפּײַכלער.

קרעפּס מיט אויסגעריבענע צוועגנלעך. אַרויספירנדיק זײַנ וואַגאָנעג-באַשטאַנד אַפ דער אַמבאַרער ליניע, איז ער לײַכנדיק אַוועק צוריק אַפ דער סטאַנציע זיך רעמאָנטירנ.

מיר האָבנ דערמלט לויטנ אויפטראָג פונ קאָמיסאַר ווידער געמאָלט פּלאַקאַטנ קעגנ טיפוס. ניט קאַרגנדיק קײנ פאַרב אונ קײלעס, האָבנ מיר באַשענקט די אויסגעמאָלטע אינזעקטנ מיט א קאָלאָסאַלער צאָל פיסלעך, וואָנצעלעך. ווידער זענענ אַרויסגעקראָכנ אַפ אונדזערע שרעק-לעכע פּלאַקאַטנ פאַרשיידענע פילפיסיקע, פערציקפיסיקע, הונדערט-פיסיקע. אונ אונטער זײ האָבנ מיר אָנגעשריבנ די אויסגעבאַוערטע שורעלעך, וועלכע כ'האָב אַלײנ געמאַכט:

אז ס'איז רײנ אונ ווײס,
איז ניטאָ קײנ לײז...

אינ עטלעכע טעג אַרום, אַז שוינ אַלצ געווענ פאַרטיק, מיר האָבנ זיך געגרײט אָפּגעבנ די אַרבעט. מיר האָט מענ געזאָגט, אַז דער קאָ-מיסאַר איז אַפ א זיצונג אינ פאַנצערצוג. כ'האָב אַהינ אָוועקגעטראָגנ די גרײטע פּלאַקאַטנ. א טויבער אונ א פאַרשלאָפענער אינ זיך, איז געשטאַנענ דער פאַנצערצוג. געלע אײַזסטאַלאַקטיטנ אונ סטאַלאַג-מיטנ פונ אומרײנקײט האָבנ אימ שוינ צוגעשמידט צו די שפּאַלנ. ער איז געשטאַנענ אַפ א זײַטיקער ליניע...

— וווהינ גײסטו? — האָט מיך געפרעגט א וואַכמאַנ.

— צומ באַוועגער טשיבאַרקאָוו מיט אײגענע פּלאַקאַטנ, — האָב איך אימ אָפּגעענטפערט.

— באַווײַז, — האָט געזאָגט דער וואַכמאַנ, אונ האָט לאַנג געקוקט אַפ די פּלאַקאַטנ, וועלכע כ'האָב צעוויקלט פאַר אימ, — גוט אָנגע-מאָלט, — האָט ער באַפּקאָלסאָפּ געזאָגט, אונ דערלויבט מיר דורכגײנ.

— כ'בינ שטילערהײט אַרײַנ אינ וואַגאָנ. מ'האָט מיך ניט באַמערקט.

ס'איז געווענ אָנגערויכערט. ס'איז געזעסנ דער פאַרזיצער פונ טשעקאַ, טשיבאַרקאָוו אונ נאָך א סאַך מענטשנ. ס'איז געווענ טויב אונ טונקל, ווי אינ א קאַזעמאַט. די מענטשנ אינ וואַגאָנ זענענ געזעסנ אויפגערעגט. די פאַנצער-שיערקנט, וואָס איז געווענ אָנגעטאָג אַפנ וואַגאָנ, האָט זײ געדריקט אונ באַרויקט. ס'האָט גערעדט ווײער א דאַ-דער מענטש, אָנגעטאָג אינ לעדערנע הויזנ אונ אינ א קורצ פּעלצעלע.

— אַלס קאָמאַנדיר פונ פאַנצערצוג, — האָט ער געזאָגט, — מעלד איך, אַז די קרינער, די קאַנאָנענ, די אַמוניציע — אַלצ איז גרײט.

ס'פארהאלט אונדז נאר דער רעמאנט פונעם לאקאמאטיוו. פון די אײַזנבאנ־ארבעטער... — אט פון זיי הענגט איצט אָפּ אלץ.

— אויב אזוי, — האט געזאגט דער פארזיצער פון טשעקא, — האבן מיר ניט וואס צו באהאנדלען מיטן צוזווארטן, וואס עס וועלן זאגן די אײַזנבאנער. באלד וועט קומען ראבילקא, און דערציילן... שלאפן ווילט זיך. שוין פיר נעכט, אז איך שלאף ניט...

— און מאמער ניט? איז אויס? — האט געזאגט דער קאמיסאר און גענומען הייבערן און ביינן ארויפטרייסלען דעם אש אפן טיש.

— הער מיך, פרײַנט! — האט זיך געווענדעט צו אים דער קאמאנדיר פונעם פאנצערצוג, — היט אָפּ די קריגס־היגיענע און מאך ניט אן. בא מיר איז דא ציבעטיק. אפילע אן אש־קעסטל איז דא פאראן. די יאטן האבן ארנעצע ארויסגעטיבן... א קעלטעטשע וואס וואַרפט אהין די אש.

און ער האט אים צוגערוקט עפעס א מאדנע אש־קעסטל. דער קאמיסאר האט א ווארפ געטאן אין איר דאס קערטל פון פאפיראס.

— זייער אנגריפ איז באשטימט אפ מארגן, — האט געזאגט דער קאמיסאר און אויב דער פאנצערצוג וועט זיי ניט פארהאלטן, וועלן זיי אונדז פארגייִן פון הינטן — און פארטיק. דער אפהאלט איז נאר אין לאקאמאטיוו. און אויב ניט? — האט ער איבערגעבאזערט:

— און אויב ניט, — האט געזאגט דער פארזיצער פון טשעקא, — וועל איך אליין צופארן אהין, א שמועס טאן. אפ די ארבעטער פארלאז איך זיך. זיי וועלן ניט פארראטן אײַנענע. די מײַסטערס און מעכניקער... מיט זיי איז א ביסל ערגער. נאר אויב כאבאטאזש — דעמאלט וועל איך מיט זיי אנדעריש א רעד טאן.

און ער האט זיך אופגעהויבן. ער איז זיך שווער דורכגעגאנגען דירכן חאנאן א שטרענגער און אן אײַנגעשפארטער, גאר ניט ווי דעמאלט, ווען ער האט געלאכט איבער דער שוואמבראנער געשיכטע. דער קאמיסאר האט אויך אויסגעזען אנדערש, ווי געזייגלעך, ער האט גערעדט פאטעמער, אן „שא און פארטיק". ער האט גערעדט פײַנ, ניט!

ער איז געווען צווישן אייגענע, ביז נאר אייגענע. ער איז געווען אין דער ארבעט, אין זײַן ארבעט. א גרויסע זארג האט פארקלעבט זײַן הארץ און זײַנע היינבאקן. דאס ערשטע מאל האב איך געטראפן די רעוואָלוציע אין איר זאבלעבער מאנטעגלעכקײַט. דאס ערשטע מאל האב איך זי דערזען, פאנעם־על־פאנעם באטראכט און געזען זי ניט פון די שוואמבראנער הויכן אדער פון דער שטוב־ארומרינגלונג. אין די

ארבעט פון צרא די נאָר אַנדערש דערזעענע מענטשן האָב איך דערפילט, איז שווער, אָבער דאָס איז די איינציקע ווירקלעכע ארבעט.

ראָבילקאָ האָט זיך אַריינגעריסן אין וואַגאָן. כ'האָב געקענט דעם מאַשיניסט ראָבילקאָ... ער האָט אונדז — די גימנאַזיסטן — אין די פּעווראַלטעג פונעם זיבעצנטן יאָר געהאָלפן אַראָפּוואַרפן דעם דירעקטאָר. ראָבילקאָ האָט זיך אַריינגעריסן אין וואַגאָן. אַלע זיינען אויפגעשפרונגען.

„נו?“ — האָבן אַלע אויסגעשריגן.

— די אייזנבאַנ־אַרבעטער, — האָט געזאָגט ראָבילקאָ, — האָבן געהייסן אומקערן אייך דעם אויפרוף. זיי זאָגן, אַז זיי דאַרפן אים ניט. זיי זאָגן, אַז זיי געדענקען אַף אויסנווייניק, וואָס די רעוואָלוציע איז פאַר זיי... און זייער פּראָלעטאַרישע פּליכט, אין זין פון רעמאָנטירן דעם לאָקאָמאָטיוו, זאָגן זיי צו אויסצופירן ביז מאָרגן אינדערפרי...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער פּאַנצערציג איז אָפּגעגאַנגען באַטאָג. ס'האָט געשפּילט דער אָרקעסטער פון די אייזנבאַנער. דער קאָמיסאַר האָט געהאַלטן אַ רעדע. דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַ רעווע געטאָן און זיך אַ ריס געטאָן.

דורך דער שיס־לאָך פונעם מיטלן וואַגאָן האָט זיך אַרויסגערוקט עמעצנס אַ האַנט. די האַנט האָט געהאַלטן דאָס נאַכטיקע מעשונעדיקע אייז־קעסטעלע און האָט עס אויסגעטרייסלט. דער פּאַנצערציג איז אָפּגעגאַנגען. די שיס־לאָך האָט זיך אויסגעגליטשט פון מיר. און ערשט איצט האָט איך דערקענט, אַז דאָס אייז־קעסטעלע איז אונדזער הייל פון פּייערקעפּלעך — די הייל פון דער שוואַרצער מאַלקע, די וווינונג פון אונדזער אַמאָליקער געהיימעניש... אייז און ציגאַרן־קעסטלעך האָבן זיך געשאָטן פון איר. אייז און פּאַפּיראָסן־קעסטלעך.

## ערד! ערד!

אין ביבליאָטעק איז פאָרגעקומען אַן עקסטרע פאַרזאַמלונג פון אַלע לייענער. דעם בוריעס זיינען מיר געבליבן אָן האָלץ. דער אָפּטייל האָט אונדז אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן. מ'האָט געמוזט פאַרמאַכן די ביבליאָטעק. דער קאָמיסאַר האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן זאַל אַ פאַרפינצטערטער. די יאָטן האָבן שיר ניט געוויינט. פּלוצעם איז מיר איינגעפאַלן אַ גלענצנדער געדאַנק, אַז כ'האָב זיך אויס פאַרזשמורעט.

אַלע האָבן אַ קוק געטאָן אַף מיר, נאָרנישט פאַרשטייענדיק.

— באַוויירימ, — האָב איכ אויסגעשריִענ, — כ'לייג פֿאַר צענע-מענ שוואַמבראַניע אַפ האַלצ.

— האָט שוואַמבראַניער האַלצ וועט נאָר טויגנ אַפ באַהייצנ לופֿט-שלעסער, — האָט געזאָגט דינע, — פֿאַרגעס וועגנ שוואַמבראַניע.

— ניט דאָס, — האָב איכ געזאָגט, — ניט וועגנ דעמ... איר ווייסט דאָכ אונטערמ הויז? די כיוועס זײַנענ פֿול מיט ברעטער, סלופּעס...

ס'איז געווענ אינגזער געהיימעניש... כ'האָב זיכ דאָרטנ געשפּילט מיט אָסיענ, אונ געזענ... לאָמיר מאַכנ אַנ אַרבעט-שאַבעס אונ זיכ אָנשאַפֿנ האַלצ. באַפּט דער הויב שוואַמבראַניע... פֿאַר אייגענע טוט מיר ניט באַנג.

פֿריִער האָבנ אַלע געשוויגנ, אַזוי אומגעריכט איז געווענ די דאָזיקע מעלדונג. נאָכדעמ האָט עמעצער אַ פּאַטש געטאָנ. באַלד האָבנ אַלע אָנגעהויבנ אַפּלאָדירנ, שפּרינגענ, שרײַענ. דער קאָמיסאַר האָט מיכ אַ כאַפּ געטאָנ. די סטעליע האָט זיכ דרײַ מאָל אַראָפּגעלאָזט אַפ אונדז. דאָס האַרצ איז פֿאַרשטאַרבנ געוואָרנ. מ'האָט אונדז „געקאַטשעט".

— מע דאַרפֿ אָבער פֿונ דאָרטנ אַרויסטרײַבנ די צוויי אַלפּיזיקער — האָט אַ זאָג געטאָנ אָסיע, ווענ מ'האָט אימ אָוועקגעשטעלט אַפּנ דיל.

— וועלכע אַלפּיזיקער? — האָט דינע געפֿרעגט.

— אַלכימיקער, — האָב איכ געגעבנ צו פֿאַרשטײנ.

— זאָל זײַנ אַלכימיקער, — האָט אָסיע געזאָגט, — זיי טרינקענ דאָרטנ סאַמאָהאָנ.

דער קאָמיסאַר האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. ער האָט עפּעס פֿאַר-צייכנט אינ בלאָקנאָט אונ איז גיכ אַרויסגעגאַנגענ.

שוואַמבראַניע איז צעפֿאַלנ געוואָרנ. דער אַרבעט-שאַבעס האָט שוינ געהאַלטנ באַמ פֿאַרענדיקט ווערנ. איכ בינ געשטאַנענ אינ דער רייִ אונ איבערגעגעבנ אַפ לינקס די ברעטער, וועלכע כ'האָב באַקומענ פֿונ רעכטס. די ברעטער אינ מײַנע הענט פֿלעגנ זיכ איבערגעשטאַלטנ. פֿונ רעכטס פֿלעגנ איכ זיי באַקומענ, ווי שטיקלעכ שוואַמבראַניע. אַפ לינקס פֿלעגנ איכ זיי שוינ איבערגעבנ ווי האַלצ פֿאַר דער ביבליאָטעק. די אַרבעט איז געגאַנגענ ריטמיש אונ ראַיִק, די צעדראַפּעטע הענט זײַנענ פֿאַרמאַטערט געוואָרנ. דער פֿראָסט האָט דורכ די לעבער פֿונ די הענטשקעס געביסנ די הויט... נאָר ס'איז געווענ אָנגענעמ צו פֿילנ, אַז דער לינקער כאַווער איז פֿונקט אַזוי פֿאַרבונדנ מיט דיר, ווי דו מיטנ רעכטנ, אונ דער רעכטער מיטנ לינקנ אונ אַזוי ווײַטער... איכ בינ געשטאַנענ

אפ א טרעפל פונ דעמ לעבעדיקנ לייטער, אפ וועלכנ מע האָט אראָפּ־געלאָזט אפ ניצלעכער באהיצונג די איליוזאָרישע שוואמבראניע...

א גרופּע אונדזערע יאטנ, צוזאמענ מיטנ קאָמיסאר, זאָקענ, דינ־קענ אינ אובאָרסקאָוונ האָבנ שוינ געוואלגערט די צעטרייסלטע וואנט פונ דער הויכער גאלעריי.

פּלוצעמ האָבנ מיר דערהערט עמעצנס שרעקלעכנ געשריי:

— האלט! ווארט!..

אלע האָבנ אופגעציטערט. אינ דער הייכ, אפ דער וואקלדיקער גא־לעריי האָט זיכ באוויזנ א קליינ יונגעלע. ס'איז געווענ אסיע.

— ס'איז אזוי שיינ, — האָט מיטגעטיילט אָסיע, — מע זעט אלצ־דינג פונדאנענ...

— שאַ!.. קריכ שוינ אראָפּ פונ דאָרטנ, — האָט דער קאָמיסאר איבערגעשריענ ניט מיט זיינ קאָל. — ניינ! שטיי!.. כ'וועל דיכ באלד אליינ אראָפּנעמענ. אינ פּארטיק!

אינ דער קאָמיסאר האָט גענומענ קלעטערנ, ווי א קאצ, אינ דער הייכ, דורכ די לעכער פונ די שטאָקנ. די גאלעריי האָט דראָענדיק גע־סקריפּעט. דער קאָמיסאר האָט זיכ באוויזנ אינעמ אויבערשטנ פענצ־טער פונ הויז.

— עמעכ, אז פונדאנענ איז זייער שיינ? — האָט אימ געפרעגט דער הויק ווארטנדיקער אָסיע.

— אהערצו, צו מיר — אינ שאַ! האָט א בריל געטאָנ דער קאָ־מיסאר, אויפשטרעקנדיק אימ די האנט. ער האָט אָנגעכאפּט אָסיענ אונ אימ ארײַנגעשלעפּט אינ פענצטער...

אינ א סעקונדע ארומ איז די גאלעריי איינגעפאלנ.

— דו וואלסט אונדז די גאנצע פרייד פארפאסקודיעט, — האָט געזאָגט דער קאָמיסאר, אוועקשטעלנדיק אָסיענ אפ דער ערד.

די בראכשטיקער פונ דער רעפּובליק זיינענ געלעגנ ארומ אונדז.

— אלע שוואמבראנער זיינענ אומגעקומענ ווי א גאָגאָל־מאָגאָל — האָט אופגעריכט א זאָג נעבאָנ אָסיע.

— ניט ווי גאָגאָל־מאָגאָל. נאָר ווי גאָג אונ מאגאָג,** ווילסטו זאָגנ, — האָט זיכ דאָנא דינע צעלאכט.

---

* גאָג (גויג) אונ מאגאָג — אוראלטע פעלקער, וואָס האָבנ קלוימערשט געלעבט אונ זיינענ רומלאָז אומגעקומענ. וועגנ זיי ווערט עפּעס דערמאָנט אינ דער ביבל.

איך בין געשטאַנען צווישן אַט די איבערגעטראַכטע מייסים, צווישן די טויטע קערפּערס פון די ניט־געבוירענע בירגער. איך בין געשטאַנען ווי אַ קאָמאַנדיר אויף שלאַכטפעלד.

— באַוויירים, — האָב איך געזאָגט, — הערט אויס מיין לעצטע שוואַמבראַנער ליד:

איך שטיי אויף אָט דער גרויסער ערד...
ס'איז שוואַמבראַניע צעשטערט.
און מיט איר איז אויך אוועק
ברענאַבאָר, פּאַגוסטי, רזשעק,
אַרדעליאַר, אַוראַראַנאַל,
סאַטאַנאַסאַם — אַדמיראַל,
מיסט־ און פליגן־שוואָם־פּאַשאַ,
פּאַרטיק — שאַ!
ס'איז דאָס לעבן פאַרביק, בונט.
זייַ, שוואַמבראַניע, געזונט.
צו דער אַרבעט איז שוין צייט
און ניט געענעץ אין דער זייט.
ס'איז דאָס מייסעלע — נאָר שטויב!
אינעם לעבן נאָר איך גלייב.
און דאָס לעבן איז גרויסאַרטיק...
און איצט האָבן צוגעזונגען:

שאַ — אין פּאַרטיק!

מאָסקווע,
מאַרס 1930 י.
יונ 1931 י.

# אַ קאַפּיטל מיט אַ גלאָבוס

(פאַרבייַט דעם עפּילאָג).

די דערציילונג איז אויס! באַלד ענדיקט זיך דאָס ביכל.

איינע מינוט!.. כ'וועל נאָר נעמען דעם גלאָבוס.

דער גלאָבוס איז אַ זאַך אַ קײַלעכיקע און אַ ריכטיקע. אַריענטירן זיך אויף אים מען.

דער פאַרביקער קײַלעך, ווו דער בלויער גלאַנץ איז וואַסער און די פליכע ערטער — יאַבאָשע, דרייט זיך אויף אַ געשטעל, פּונקט ווי מע וואָלט אים אויסגעבלאָזן פון אָט דעם שוואַרצן שטענגל. נאָר אין אים איז ניטאָ קיין רעגנבויגן־פאַרביקע וואַקלדיקייט, קיין גרייט־קייט גלייך צו פּלאַצן, ווי בײַ זייפבלאָזן. דער גלאָבוס איז האַרט,

שטאַנדהאַפטיק אונ האָט א וואָג. אימ נעמט מענ באַרנ פּיסל, אונ מע הייבט אימ אופ, ווי א לאָמפּ אָדער ווי א גלעזל.

איכ אונ אָסיע זײַנענ געווענ ייִנגלעכ גראַמעטנע, ליבהאָבער פונ ביכער. אונדזער אכטונג צומ גלאָבוס איז געווענ אויסערגעוויינלעכ. מיר פלעגנ אימ ניט נעמענ פאַרנ פּיסל. מיר פלעגנ פאָרזיכטיק נעמענ דעמ קײַלעכ אַפ די הענט. ער איז געלעגנ אינ אונדזערע דלאָניעס, א באַקרוינטער פונ פראַגנ, ערגעצ געהערטע בא דערוואַקסענע, וועגנ העזול האוואָליס, וועגנ דאָס גרויסע אינעמ קלײנלעכנ... ער האָט אויסגעזעהנ פהעכ, פילדײַטיק אונ עטוואָס נרויליק, ווי יאָריקס שאַרבנ אינ די הענט פונ האַמלעט, דעמ פּרינצ פונ דענעמאַרק.

אונ איכ האָב געטראַכט, פונוואַנענ מע ווייסט, אז די ערד איז קײַלעכיק, — האָט געזאָגט אָסיע, ער האָט זיכ שוינ איבערצײַגט אינ דער ניט-ווײַסנשאַפטלעכקײַט פונ דער היפּאָטעזע וועגנ די ערטער, ווו די ערד ווערט קײַלעכיק,—איכ ווייס, פאַרוואָס, — האָט ער געזאָגט — ווײַל דער גלאָבוס איז א קײַלעכיקער. ריכטיק, ליאָליע?

אזוי וואָלטנ מיר מיסטאָמע אויסגעוואַקסנ, פאַרפולנדיק א געוויסע מאַכנע פונ דער מענטשהײַט, — די מאַכנע, וועלכע דערווייסט זיכ פונ גלאָבוס, אז די ערד איז קײַלעכיק, וועלכע באַפט פיש אינ אקוואַריומ, וואָס זעענ דאָס לעבנ דורכ די שויבנ פונ פענצטער אונ דערוויסנ זיכ וועגנ הונגער פונ דער דיעטע, וואָס דער דאָקטער פאַרשרײַבט זיי.

א דאַנק דער עפּאָכע! ס'איז צעטומעטערט געוואָרנ דער שטיינער, וואָס איז פאַרוואַקסנ געוואָרנ מיט געזעצ־מאָזאָליעס. מיר האָבנ גוט באַצאָלט הערפאַר... מיט די געהעריקע ערטער האָבנ מיר זיכ געמוזט איבערצײַגנ, אז די ערד איז מעשופּדיק.

וואָס אָנבאַלאַנגט דעמ גראָבנ, איז אונדז שוינ לאַנג קלאָר געוואָרנ זײַנ ווירקלעכער נוצנ אונ אַפ וואָס ער איז באַשטימט: ס'איז ניט קיינ אנטדעקונג, נאָר פשוטע אנ אָנשווילעכער לערנ־מיטל.

דער קײַלעכ דרייט זיכ. עס שווימענ דורכ אָקעאַנענ, עס גייענ דורכ קאָנטינענטנ. שוואַמבראַניע איז ניטאָ. פאָקראָווסק איז אויכ ניטאָ. פאָק־ראָווסק הייסט שוינ ענגעלס. וואָס איז די הויפּטשטאָט פונ דער אויטאָנאָמער סאָציאַליסטישער ראַטנרעפּובליק פונ די וואָלגער דײַטשנ.

איכ בינ ניט לאַנג געווענ אינ ענגעלס. איכ בינ געפאָרנ באַגריסנ אָסיענ — אלס א טאַטנ. ער האָט א טאָכטער. ווענ כ'האָב אינ מאָסקווע באַקומענ די ידיעה, מוז איכ אײַכ זאָגנ, אז ס'האָט מיכ אַרומגעכאַפּט

אַנ אמאַליקע שוואַמבראַנער פּערלעכקײט. איכ האָב אימ צוגעגרײט א ריטאָרישע רעדע (אָ, אַנטלאָפֿענע פֿונ נײט עקזיסטירנדיקנ לאַנד! אָ, מאַכטער פֿונ שוואַמבראַנער!..) כ'האָב צוגעגרײט א גאַנצע רײ פּרעכ־טיקע נעמענ אָפּ אויסקלײבנ — שוואַמבראַנע, ברענאַבאַרע, רעליאַ־רע... נאָר אָט איז אָנגעקומענ א בריוו פֿונ אָסיען:

„גענוג! — שרײבט אָסיע, — גענוג נאַרישקײטנ האָבנ מיר שוינ אָפּגעטאָנ. מײנ טאַכטער איז א ווירקלעכע — אונ גענוג מיט די שפּאַ־ניער אונ שוואַמבראַנער. אַנטשולדיק מיר, נאָר כ'האָב זי א נאָמענ געגעבנ נאַטאַשע, הײסט עס, נאַטאַליע. מיט ברידערגרוס אָסיע.

P.S. איכ הײ קענענ הײנט אינ מאַכאָווע צײנ אָפּ ײנדרעלעב, הײמ דאַרפֿנ אײנעלבערניטאַן פֿאַלומאַראַמ".

אונ דאָ מאַכע אַנ אויסשריפֿט פֿונ אָסיעס פֿרוי:

„נאָט מײנער! א פֿאַראַנטוואָרטלעכער מוער, א דיפּלאָמאַטיק, שטור־דירט יומענ אונ בערקלינ, פּלאַנטערט קײנמאָל נימ קײנ טעזיס אונ אַנטשאָט מאַראַפּאָלאַמ — שרײבט ער פּאַלומאַדאַמ"....

אונ מיר האָבנ ווידער באַזוכט דינ הײמ אינ פּאָקראָווסק. מיר זײנענ געזעסנ אינ דעמ זעלבנ צימער, פֿונוואַנעט איכ בינ צוועלפֿ יאָר צוריק אַרויס מיטנ געגנצעל פֿונ א הויפּטמאַנצבל. אינ שאַבעטײל איז געוו־ענ די הבליאַרישע פֿונ אינדזער באַזוכטער מאַכע. אבנ דעמ פֿונ דער פּיאַנינע האָב איכ אָפּגעווישט די האַרצ יאָב, זי האָט באַרימטע אינ טראַנסניאָק.

די האַרביאַריקע נאַטקע האָט שוינ געהוסט, געלאָצט אירע אײגענע קײלעבריק, ראַז אונ באַזינט. כ'האָב איר געשענקט א גראַנער. א קלײנ גראָביסל אָפּ א לאַנגנ פֿיסל.

דער גרויסער טאַטע האָט זינ אומגעקערט פֿונ שטאַב פֿונעמ קאָנ־טאַר־מאַרש. די מאַמע האָט פֿאַרענדיקט די לימודים מיט די ליקאַמאַ־ראַצעניצע, וואָס קומענ צו איר אַהײמ. דער אָנגעהײצטער פֿאַמיליענ־צוונט האָט זינ אָנגעזאָגט בנ אינ צימער. אונ צו באַטראַכטנ איז געקומענ אָסיע פֿונ סאַראַטאָוו. ער איז געווענ נימ געגאַנגענ, הײנערטיק אונ מיטנערטיש.

— א געזונט אונ דיר, קיאַכע — האָט אויסגעשריגנ אָסיע, — זינ קוים אַרויסגעריסנ אינדערפֿרי אָפּ שיפּסטאַנציע, באַטאָג האָב איכ געלײענט אינ טעכניקומ. נאָכדעמ אינ ריקאָמ! איצט קומ איכ פֿונ אַר־

מיר פונ די וואַכעראַרבעטער. געלייענט פאַר זיי א פּאָרטראַג וועגנ דער שפּאַנישער רעוואָלוציע. נו, ווי געפעלט דיר עפּעס נאַטקע?

— כ'האָב געהאַלטנ א ברענענדיקע רעדע, א באַגײַסטערטע „א, די — האָב איכ געזאָגט — די וועלבע...” — האָב איכ געזאָגט.

— נו, גענוג! — האָט אָביע געזאָגט, פאַרייבעריק, — גענוג זינגענ די גאַמאַדרילנ...

— אָביע — האָב איכ איבערגעריסנ, — שווייג צום ווינג, אז מע זאָגט ניט גאַמאַדרילנ, נאָר מאַדריגאַלנ.

— טפו! — האָט איבערגעריסנ אָביע, — פאַרבליבנ א נאַרישער פראַגמענט פונ דער קינדהייט... אָט מאַכ מיר, ליאָליע, איינמאָל פאַר אלע מאָל קלאָר וועגנ האַמאַדריאַנ אונ מאַדריגאַל — וועד פונ זיי איז אנ איר בערוזעצער אונ וועד אָמעטערעט?

נאָבדעמ האָב איכ געלייענט „שוואַמבראַניע” פאַר דער פאַמיליע.

דאָס איז געווענ א ניט גאָר געוויינלעכע פאָרלעזונג. די העלדנ פונ דער דערציילונג האָבנ זיכ אריינגעריסנ אינ די געשעענישנ. זיי האָבנ זיכ א [illegible] זיכ באַליידיקט, טריומפירט, צוגעגעבנ אונ אָפּגעלייקנט, זיכ געריינט מיטנ מעכאַבער אונ פאַרגעבנ אימ.

אינ נאַכט האָט געדריט אינ מיר איר גלאָבוס. דאָס שוואַמבראַנער מיידעלע האָט געשמייכלט מיט איר קליינער קנאַלרויטער בולעטע, וואָס די אָבענטעיערס רעאַליטעט האָט איר געגעבנ.

— כ'וועל זײַנ אָפיציעל באַלײַדיקט, האָט געזאָגט אָביע, — דאָס זאָגט אײַדעמ, אז מיר זײַנענ געווענ נישטיקע אונ באָלידע נאַראָנימ. דעמ מעכאַבער האָט זיכ איינגעגעבנ צו דערמאַכנ די גאַנצע באַרגלאָר זיקטט פונ אונזערע טרוימענ. נאָר ער האָט, צומ באַדויערנ, ניט אויס-געמיטנ די קליינבירגערלעכע צעפלאַגנקייט אונ אייניקע כאַראַקטערי-טיקעס. פאַרוואָס דערמאָנט ער ניט די נישטיקע אונ באַרגלאָזע שוואַמבראַ-נער טרוימענ, ביגבנ איבער אינ א געווייטער מאַכ דעמ שטערנ?.. די ווילבנ אָפּגעוויגנ בא דער רעאַליטעט די ריכטיקע טרוימענ. דאָס איז ניט ריכטיק! אונ וועגנ דעמ דאַרבנט אָביע. כ'וועל באַלד...

אונ אָביע האָט אַריינגעוואָרפנ אפנ טיש וואָס ס'איז נאָר געווענ אינ זײַנ פאַרטפעל. די ביכער אונ העפטנ זײַנענ אַריינגעפאַלנ. שפּרינ-גענדיק, ווי פיש פונ א נעץ. צווישנ זיי האָב איכ דערזענ א נאָטיצ-ביכל: „ספּיטניק קאָמיטינאַ” אונ האָב זיכ דערמאָנט איינעמ פאַר-שטאַרבענעמ רעטער, דעמ באַגלייטער פונ די מאַטראָזנ.

— אָט, — האָט געזאָגט אָסיע, עפֿענענדיק איינעם פֿון די ביכער, — אָט וואָס דאָ שטייט געשריבן: „און אויב מע וועט זאָגן: נו, „וואָס גייט דאָס אונדז אַלץ אָן, מיר נייטיקן זיך דאָך ניט, קעדיי אויפֿצוהאַלטן אונדזער ענטוזיאַזם אין קיין שום אילוזיע, אין קיין שום אָפּנאַרערײַ... דאָס איז אונדזער גרויס גליק. נאָר צי דרינגט אָבער פֿון דעם, אַז מיר... מיר... מיר נייטיקן זיך שוין ניט אין קיין שום טרוים" (לענינס טערמינאָלאָגיע). דער קלאַס, וואָס האָט די מאַכט אין די הענט, דער קלאַס, וועלכער ענדערט ווירקלעך אין אַרבעטס־אָרדענונג די וועלט. איז גענייגט צו רעאַליזם. נאָר ער איז אויך גענייגט צו ראָמאַנטיק, מיינענדיק מיטן וואָרט ראָמאַנטיק דאָס זעלבע, וואָס לענין האָט געמיינט מיט זײַן טרוים. דאָס איז שוין מער ניט קיין ניט־דערגרייכבאַרער פֿאַנטאַסטישער שטערן, ס'איז ניט קיין טרייסטנדיקע בימערע. דאָס איז פּשוט — אונדזער פּלאַן, אונדזער פֿינפֿיאָר אין די ווײַטערדיקע איבערפֿינפֿיאָרן. דאָ אַנטפּלעקט זיך אונדזער שטרעבונג פֿאָרויס, נישט קוקנדיק אַף אַלע שטערונגען. דאָס איז יענער „פּראַקטישער אידעאַליזם", וועלכן ענגעלס האָט אָפּגעמערקט, ענטפֿערנדיק אַף די פֿאָרוואָרפֿן פֿון די וווּלגאַרע מאַטעריאַליסטן אין „שמאַלקײַט און אין צו גרויסער ניכטערקייט".

— יאָט וועגן דעם האָט מען באַדאַרפֿט זאָגן, — האָט געענדיקט דער געלערנטער אָסיע.

— אָסיע, — האָב איך אים געענטפֿערט, — אין ביכל זײַנען פֿאַראַן אַ סאַך פֿעלערן. איך פֿיל עס אַליין, נאָר כ'קען זיי נאָך ניט פֿאַריכטן. איז יאָ מיך ניט, דאָס אַלץ דאַרף מען איבערברענגען אין זיך. ס'איז מיר אַליין שוין נימער זײַן אַ דזשעק — אַ באַגלײַטער פֿון קאָמוניסטן. כ'וויל ניט זײַן קיין באַגלײַטער, אָסיע! כ'וויל זײַן אַ מאַטראָס און כ'וועל ווערן אַ מאַטראָס. איך גיב דיר דאָס וואָרט ווי אַ ברודער, ווי אַ קאָמוניסט, ווי כ'וואָלט עס געזאָגט סטיאָפּקע אַטלאַנטידען....

מיר האָבן נאָך לאַנג גערעדט מיט אָסיען. די שטוב האָט זיך געליטן שלאָפֿן. אונדזערע יונגע פֿרויען האָבן אײַנזאַם געצליוועט אַף די פּאָטעלן, פֿון וועלכע מ'האָט געמאַכט צײַטווײַליקע בעטן. און מיר האָבן גערעדט שעפּטשענדיק, פֿון וואָס ס'האָט געקיצלט אין האַלדז, ווי פֿון וויברוינעס. מיר האָבן צום לעצטן מאָל דורכגעפֿירט די העלדן פֿון דער דערציילונג. אײַנגעאָהנט אַ מין אַפּעל פֿון אונדזער הויז „א".

— אַליפּטשענקאָ וויאַטשעסלאַוו! — האָב איך אויסגערופֿן.

— געשטאָרבן פֿון טיפֿוס, — האָט געענטפֿערט אָסיע.

— ווירקעל קאַרל — האָב איך געפֿרעגט.

— סעקרעטאַר פֿון קאָנטקאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי! — האָט זיך אָפּגערופֿן אָסיע.

— גאַווריע סטעפּאַן, מיטן צונאָמען אַטלאַנטידע!

— דערהאַרגעט אַפֿן אַראַלער פֿראָנט.

— רודענקע קאָנסטאַנטין, מיטן צונאָמען זשוק!

— אַסיסטענט בײַ דער קאַטעדרע פֿון אַנאַליטישער מעכאַניק.

— גאָרבאַן וויקטאָר.

— זיך דערשאָסן איבער אַן אומגליקלעכער ליבע.

— לאַבאַנדאַ וולאַדימיר!

— שיפֿבוי־אינזשעניער אין וולאַדיוואָסטאָק.

— מאַרטינענקאָ, מיטן צונאָמען בינדיוג.

— אַנטמאַלעגופֿעוועט און אַרויסגעשיקט...

— נאָוויק איוואַן!

— דירעקטאָר פֿון דער מטס.

— מוראַשקין קוזמאַ.

— סטאַרקאָם פֿון דאַמפֿער „גראָמאָבוי“.

— טאַליאַנאָוו וויטאַלי!

— צעשאָסן פֿאַר באַנדיטיזם.

— פּיאָדראָוו גריגאָרי!

— אַן עקאָנאָמיסט. איצטער אַ רייטער קאָמאַנדיר אין קושקע.

— שאַלפּעראָוו ניקאָלײַ!

— אומגעקומען בײַ דער ברויטפּאַרגרייטונג.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אינדערפֿרי האָט מיך דער טאַטע אוועקגעפֿירט הינטערן שטאָט, זיך באַרימען מיטן נײַעם שפּיטאָל. די שטאָט איז געווען ניט צו דערקענען. אַפֿן אָרט, וווּ די ערד פֿלעגט יוערן קאַלעביק, האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ שיינער פּאַרק פֿון קולטור און אָפּרו. דער פּלאַץ, וואָס איז געבליבן נאָכן באַרעוועגעוואָרענעם שוואַמבראַנער אינערן פּאַלאַץ, איז פֿאַרבויט געוואָרן מיט הײַזער פֿון פֿלײַשקאָמבינאַט. ס'איז דורכגעפֿאָרן אַן אויטאָבוס. ס'האָבן געאײַלט אַף די לעקציעס סטודענטן פֿון דרײַ הויכשולן. אַף דער געוועזענער בריטשקע זײַנען אויסגעוואַקסן גרויסע הײַזער. אַעראָ־פּלאַנען זײַנען געפֿלויגן און געהודיעט איבער דער שטאָט. נאָר ס'האָב ניט געווען קיין פֿאַרביקע רויס. ס'האָט זיך געביט אַ טעאַטער, אַ קלוי־

ניק, א ביבליאָטעק. אָבער באַלד האָב איך דערזען אַ גרויסאַרטיקן סטאַדיאָן.

כ'האָב זיך דערמאָנט, וואָס די שוואַמבראַניער האָבן געהערט אין טשעקאַ:

— באַ אונדז וועלן אויך זײַן מוסקולן, טראַמוואַען און קינאָ אַלע טאָג...

ביזוואַנען דאָס מײַסעלע האָט זיך דערציילט, האָט מען דערווײַל דאָ געבויט.

דער שפּיטאָל האָט מיך פֿאַרבלענדט מיט דער בלישטשערײַ פֿון די פֿענצטער, פֿון די דילן, פֿון די אינסטרומענטן.

— נו, וואָס? — האָט געזאָגט דער טאַטע, פֿרייענדיק זיך פֿון מײַן אַנטציקונג. — איר האָט דען געהאַט אַזוינס אין אײַער שוואַמבראַניע? באַ אײַך זײַנען געווען אַזוינע שפּריצן און קאַטעטערס פֿון אַזאַ קאָנסטרוקציע?

— ניין, — האָב איך זיך מודה געווען — מיר האָבן אַזוינס ניט געהאַט. דער טאַטע האָט טריומפֿירט.

פֿאַר אונדזער אָפּפֿאָרן קיין מאָסקווע האָט די מאַמע אַרויסגעשלעפּט פֿון פֿאַמיליען-אַרכיוו דעם מעלוכע-הערב פֿון שוואַמבראַניע: אַ מאַלפּע, אַ שיף, אַן אויטאָמאָביל און אַ צאַנג... אַמאָל איז דער דאָזיקער הערב געווען אַן אָנגעשוואָלענע שוואָלדערדיז פֿון דער ייִנגלשער טרוימען-סעקרעציע, ווי דער טאַטע וואָלט געזאָגט.

דער מעלוכע-הערב פֿון שוואַמבראַניע הענגט איצט באַ מיר אין צימער (מאָסקווע, נ. ראַדישטשעוו, 14). דער הערב קעמפֿט מיטן גלאָבוס, מיטן קײַלעכיקן סימבאָל פֿון אַלדאָס ערדישע. דער מעלוכע-הערב פֿון שוואַמבראַניע איז באַ מיר איבערן טיר. ער דערמאָנט מיר אונדזערע פֿאַרבלאָנדזשענישן און די שוואַמבראַנער געפֿענקעניש.

פֿאַרגעדענקענע שוואַמבראַניע איז טויט. נאָך פֿיל גייען זיי אַרום צווישן אונדז, די מענטשן מיטן צווייגאַנדיקן זינען, וואָס לייגן אונטער אונטערן קישן אַ רעאַלן לעפֿל צו עסן קיסעל אין כאָלעם. דאָס זײַנען געהיימע שוואַמבראַנער.

נאָר אָט האָט זיך דער גלאָבוס אײַנגאַנצן אויסגעדרייט, שוואַמבראַניע איז אָפּ אים ניטאָ. און צוזאַמען מיט דעם דרייט זיך צונויף דער קרײַז פֿון דער דערציילונג, וועלכע איז אויך נאָך ניט קיין אַנטדעקונג, נאָר פּאַשעט אין אָנשוויליקער לערן-מיטל.

ס אָ ף

# א י נ ה א ל ט

ערשטער טייל

דאָס לאנד פונ ווולקאנישער אָפּשטאמונג . . . . . . . . . 7

צווייטער טייל

בפֿאָנדזשענדיקע אינדזלענ . . . . . . . . . . . . . . . . 101

דריטער טייל

אפ האַרטער ערד . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 201

Редактор перевода М. Гер. Техред М Погостер. Корректор А Битер.
Сдано в произродство 28/VI—34 г. Подписано к печати 8/VIII—34 г.
Формат бумаги 82×110 1/32 15 1/4 п. л. 36.000 зн. в п. л
Уп. Главлита В—83674. „Эмес" № 44. Тираж 3.000.

Типография изд-ва „Эмес", Москва, Покровка, 9. Зак. 561.